אויסגעמאלען דאס בילד פין קבר רחל. דאס איז געוועזן דיא האנט ארבייט פין אינזער געניאלען ארטיסטען מאלער מוניש סאיקא, דיא מזרח וואנט אויףביידע זייטען פין ארון־קודש זענען געוועזן לאנגע שמאלע פענסטער מיט פיעל פארביגע גלעזלעך, איבערן ארון־קודש איז געוועזן ארינדיג פענסטער מיט ווייס בלויע שויבען אין פארם פין א„מגן דוד״.

דער ארון־קודש דער שטילער אויס דערוויילטער און אין אים דיא הייליגע ספרים — דיא גרויסקייט דיא חוכמה דאס ריינקייט פין פאלק. דער סימבאל פין „אתה־בחרתנו״.

אין ווען מען ריפט דיך אויף עולה צו זיין צו דער תורה, פילסטו פיזיש דיין צוגעבונדענקייט צו דעם גרויסען איינאיינציגען צו דעם העכסטען אין צו דעם עלטעסטען אין צו דעם גרעסטען אין דער וועלט. גייסט ארויף אויפן בלעמער איינגעהילט אין טלית אין הייבסט אן דיא ברכה אין ביסט אזוי איבערגענומען אז קיינמאל קימט עס נישט ארויס ווי דיא וואלסט געוואלט.

לענג אויס דרום מערב אין צפון וואנד איז געוועזן ארויפגעבויט דיא ווייבער שיל אנגעשפארט אויף ארטיסטיש געשניצטע פילארען, אין וועלכע אינזערע מאמעס פלעגען דאוונען שבתים אין ימים טובים, אין דיא טעג זענען פארגעקימען דיא תפילות מיט אגעזאנג וואס האט דיך אינגאנצען מיטגעריסען.

אין יעצט שטייט דיא שול געביידע טויב אין פאריתומט. פארחתמעט דער גרויסער מעשענער שליסעל געפינט זיך נישט מער אין דיא הענט פין איטשע שמש.

מיט אפאר טעג צוריק זענען עטליכע פארשוינען אין גרא גרינע מונדירען צוגעפארען אויף אמיליטערישע מאשין אין ארייגעטראגען עטליכע קארניסטען אין נאך עפעס אמאטעריאל וואס האט אויסגעזען ווי אויסגעקלאפטע פאקעלעס. דאס שטעטעל ווארט.

אגרויזאמקייט האט ארומגענימען דיא יידישע באפעלקערונג, דיא טעג האבען זיך געצויגען אהן אסוף, אין אטעמפא שטילע גרייטקייט פין ליידען. נאר וואס געציילטע האבען זיך געכאפט אויף אווייטיגליכען שטילען פראטעסט.

אלויטערע נאכט, דיא פאליציי שעה האט אלעמען אריינגעיאגט אין זייערע שטיבען, דיא פענסטער שטרענג פארהאנגען, דיא גאסן לעמפ זענען פינסטער, דיא געסלעך אויסגעשטארבען, סהערט זיך נאר דער ריטמישער קלאפ פין אינטערגעקאוועטע שיך. אבער ארום דיא שיל קימט עפעס פאר, אין דיא יודישע הייזער לעשט מען אויס דיא ליכט. אין מיט אאומרוהיגקייט אין פארזיכטיגקייט בליקט מען ארויס דורך דיא פענסטער.

ביי דיאביימער אין ביי דיא טויערען ארום דיא שיל שטייען שווארצע. דאס איז דיא נאכט פין שמיני עצרת אין דיא שיל האט זיך באוויזען עפעס אליכט, אין אנהויב אזוי ווי עס וואלט עפעס פרובירט, געזיכט, ארויט בלויער צינג פין אפלאם. עס קריכט, עס קלעטערט, עס זיכט, ארום דעם בלעמער. עס פערשפרייט זיך ארום דיא פילארען פין דיא ווייבער שיל, ,אין דיא פענסטער פין דיא שיל זעט מען שוין ארויט בלוטיגען פלאם מיט רויך, דיא פלאמען דערהויבען זיך אין פאלען, זיי זיכען, זיי טאפען, זיי האבען שוין אלעק געטוהן דעם פרוכת

ביים ארון־קודש. דיא װענט װערען שװארץ אין דיא פארבען פלאצען אפ. דיא געביידע האט אויפגעציטערט װילד זיך צעזינגען, דיא זשעראנדאלען האבען זיך צעקלינגען. גרויזאם מורמעלט דיא בעטענדע סװארע פין פייער, דיא פלאמען קנאקען אין אװילדען טאנץ אין זיכען ארויסגאנג.

אין דיא זעלבע צייט יעדע פאר פעקונדען עפענט זיך שטיל דיא טיר ביים רב, עס קימען אריין יונגערע אין עלטערע מענשען, פין דיא װייטסטע עקען פין שטאט, װיסענדיג אז דער טאט האט באדראט זייער לעבען, עס האבען זיך פארזאמעלט בערך 15 מאן. צװישען זיי מוניש סאיקא, יעקב יאקובאביץ, אזוהן פין קרעל דעם שניידער, פנחס ראוך, הערש זינגערמאן, יעקב בורנשטיין, דער געלער איטשע, איטשע שמש מיט זיין איידעם, יחזקאל מרדכי לענטשיצקי, אבעל קורא, אין נאך עטליכע בעלי בתים, אין בעטען מיט אויסגעשטרעקטע הענט, רבי, ערלויבט אינז, מיר װילען ראטעװען דיא ספרי תורה׳ס, אין דער רב איבערגענומען מיט זייער מסירת־נפשדיגקייט אין נאך אלאנגען שטיל שװייגען גיט זיי דעם אייגענעם ענטפער װאס האט באקימען מיט עטליכע טעג צוריק דער גבאי איטשע װיידען, אבער דאך...

טאטע װי קענסטו אזוי, פארװאס. אפילו װען דיא האסט זיך געפינען אין אויסערן ראם קען דאך נישט זיין אז זאלסט נישט פילען דעם װייטיג פין דיין פאלק. אז עס זאל דיך נישט האבען דערגרייכט, אפילו מען ריפט דיך הערשיע בופ.

עס טיט װיי מרדכי, עס טיט זעהר װיי, נאר אימקימען אהן אניצען האלט איך נישט פאר צילבאר,

ניין טאטע, ניין טאטע, דיא ביזט נישט גערעכט, אימקימען מיט אפראטעסט אין אהן אמאטעריעלען ניצען איז בעסער װי אימקימען אהן אפראטעסט, אין אפשר װעט מיר געלינגען, איך קען דאך נישט איינשטימיג זיין מיט דעם, איך נישט באמערקטער איז נישט איינמאל אבגעלאכטער זיהן פין הערשיע בופ פראנקענשטיין.

פין גרינבלאטס הויז האט זיך אבגעריסען עפעס אשאטען אדורכגעשפרינגען דיא גאס, ,אין מיט אקאצישע פארזיכטיגקייט האט ער זיך געריקט אין שאטען פין דיא הייזער פין אלטען מארק, ער איז אריבער — געשפרינגען דעם פלויט פין קוביאקס הויף, אין פין דא שוין פרייער געלאפען דורך דיא גערטנער, געריקט זיך װי אלייב מיט אגרויסע שנעלקייט פאראויס, קיין הינט האט נישט געבילט, ער איז שוין אין גארטען פין לאמען מאלקאװסקי, ער פילט שוין אין פנים דיא היץ פין פייער, ער שפרינגט אריבער דעם לעצטען פלאט אין גנב׳ט זיך צי צים פענסטער פין פאליש, מיט אאפענע דלאניע שטיפט ער ארויס אשויב. אין דאמאלס פאלט אאיינצעלטער שאס...

דיא פלאמען צעשפרייטען זיך, מיט אבוקעט פין פייער האבן זיי ארומ־גענימען דעם ארון קודש. ארומגעהילט דעם בלעמער, אינטערגעביסען דיא פילארען פין דיא װייבער שיל, עס ברענט שוין דער אלטער כסא של אליהו הנביא, דיא פלאמען רוישען, זיי קירטשען זיך אין דערהויבען זיך, זיי פאלען אין װאקסען. דער ארון קודש שאקעלט זיך. דיא װייבער שיל בייגט זיך צום

פאלען, אין דיא פענסטער שאפען דיא פלאמען קאשמארנע פיגורען, מיט אגרויסען טראסק איז איינגעפאלען דער ארון קודש, עס האבען זיך צעשפליטערט דיא לוחות. דער פארמעט פין דיא ספרי תורה׳ס סיטשעט אין קירטשעט זיך, דיא אותיות צעגיסען זיך אין פארמעקען זיך. מיט אגרויסען הוך האט זיך איינגע־בראכען דיא ווייבער שיל. דיא גאזען האבען דיא פענסטער אויסגעזעצט, אין פין דיא לעכער איז ארויסגעפאלען דאס פייער מיט אווילד געלעכטער. דער אדורכגעברענטער סופיט היט שוין נישט אפ דעם דאך, דיא בלעכען דערהויבען זיך אין לאזען זיך אראפ, דער דאך אטעמט.

ליעבער גאט פארוואס שטראפסטו אינז, דריי נישט אוועק דיין פנים פין אינז, באווייז אנס אין ראטעווע דיין פאלק.


גאט מיינער. היט מיך אפ פין שלעכטע געדאנקען, עס קאן דאך נישט זיין אז זיי זאלען האבען רעכט זאגענדיג אז דיא רעליגיע העלפט נישט קיין שוואכע.

גאט מיינער, היט מיך אפ פין פארצווייפלינג, ביז צום לעצטען אטעם וויל איך דיך דינען אין זיין דיין משרת.

צי זאל איך אוועקווארפען דעם פאסטוך שטעקען אין גיין פארגיסען בליט ?

ליעבער גאט דערלויב נישט צו רודפען דיינע שאף. צי אפשר ווען מיר וואלטען נישט עגזיסטירט וואלט מען אינז באשאפען ?

ליעבער גאט. דערלויב מיר דיך צי דינען, הארך אויס מיין געבעט.



במקום בו עמד בית-הכנסת — בונים בית מגורים.
צולם על-ידי הח׳ שמחה נוימארק בשנת 1965

ווייל אומגליק אין ווייטיג איבערגרעניצען קען צוברעכען דעם שטארקסטען

דאס איז שוין נישט קיין שטראף, דאס איז אאלגעמיינער מארד. דאס איז דאך נישט קיין משפט — איך גיי. איך גיי אויף קידוש השם!..

מיט אקוויטש רייסען זיך אפ דיא בלעכען פין דאך אין פאלען פאר דיא פיס פין דיא פאטראלירענדיגע גזלנים.

בריינדעל קיק, שעפטשעט דער אלטער לייבקע, דיא וואסער פין דיא אזערע איז רויט פין אינזער בליט.

קיקט קינדער אין קיק דיא מלכה זאגט טוביה בורשטיין, ער ברענט אינזער שיל דאס איז דער אנהויב פין אינזער סוף. עס האבען נישט געהאלפען אינזערע תפלות אין געבעטען.

דאס פייער אין דער רויך גרייכט וואס העכער, העכער אין העכער, דער גאנצער בנין טאנצט. דער לעצטער טאנץ, דער לעצטער שמחת תורה אין שטעטעל. דער סלופ פין רויך דערגרייכט שוין דיא הימלען, דער פלאם דערהייבט זיך הויך אין גלייך אין הינטער דיא הימלען פארשפרייט ער זיך אין א בוקעט פין רויטע פינקען.

אין זיי זענען אסך אזוי ווי לאכענדיגע שטערען אויפן הימעל, אזוי ווי זשארנעס זאמד אויף דיא ערד.

קיין ווינטעל נישט, קיין רעגען נישט, פין ערגעץ גארנישט קיין שום הילף.
נאר דיא אלטע לבנה קיקט אראפ מיט אטרויעריג פנים אין שווייגט.
אין דיא גאנצע וועלט שווייגט מיט איר —

מחנה ההשמדה בחלמנו


גביית עדות מפי אנדזיי מישצ׳אק מחלמנו בן 49, איכר פולני קתולי, ביום ה־14 ביוני 1945 בחלמנו, על־ידי החוקר של בית־הדין המחוזי בלודז׳ ולדיסלב בדנאז׳.

אני תושב קבוע של הכפר חלמנו מחוז קולו, ביתי עומד מול גן הארמון (מצד נהר נר) בזמן שהארמון היה קיים אפשר היה לראות בעד חלונות ביתי את חלונות הארמון, יש לי 55 הקטר אדמה, ואני מנהל משק גנים.

באמצע נובמבר — 1941 באה לחלמנו קבוצת אנשי „גיסטפו" עם לאנגה בראשה, באותו הזמן בא „הלאנדראט" מקולו (את שמו איני יודע) הם בדקו היטב את כל הארמון ואף את מרתפיו. בסוף החודש התחילו להוביל חמרי בנין והחלו בהקמת המחנה.

את שטח הארמון הקיפו בגדר הדוקה מקרשים בגובה 2,5 מטרים בערך רק מצד הנהר השאירו שטח גדור בתייל, הארמון עמד על הר באופן שהקמת גדר מקרשים מצד הנהר. כלומר לרגלי ההר לא היתה עשויה להסתיר את הנעשה בחצר הארמון.

מלבד הארמון — תפס הזונדרקומנדן ס. ס. קולמהוף (כך נקראה הפלוגה שבאה להקים את המחנה) את בית הכומר, בית הוועד, האכסניה, ובתי־מגורים



הגב׳ בראנד מאלא (אורבך) מרכינה ראשה מול מצבת הזכרון בחלמנו, בעת ביקורה בפולין, בשנת 1965

של איכרים בבכפר חלמנו. את האיכרים שבתיהם הוחרמו, העבירו לכפרים אחרים או צרפו אותם למשקים אחרים, בתחילה לא ידענו לשם מה הוקם המחנה.

ב־9 בדצמבר 1941 הגיעו באוטומובילים 900 היהודים הראשונים מקולו. הביאו אותם לפנות ערב ובמשך כל הלילה החזיקו אותם בארמון, בבוקר הובילו אותם באוטומובילים כהים (שאחר כך קראו להם „אוטו תופת״) בכיוון היער שעל־יד חלמנו. האוטומובילים היו חוזרים כעבור שעה בערך, ולוקחים אתם משלוחים נוספים של יהודים מהארמון. שמנו לב שבחצר נצטברו ערימות בגדים. בערב הגיע משלוח חדש מקולו שנשאר במשך הלילה בארמון, ובבוקר הועבר גם הוא ליער שעל־יד חלמנו, הדבר חזר ונשנה במשך ימים אחדים.

אחר כך, בא שנוי, את היהודים היו מביאים באוטו משא אל הארמון, מכניסים אותם פנימה, ואחר כך מוציאים אותם ומובילים ב„אוטו תופת״. נפוצו שמועות שהאוטומובילים האלה משמשים להרעלה בגאזים. למרות חוסר כל מגע, בין הז׳נדרמים, לבין האוכלוסיה המקומית, הגיעו ידיעות לאנשים על הנעשה בארמון. כמקור הידיעות שלנו שמשו יהודים — פועלים שעבדו בעבודות עזר. פולנים (8 במספר) שהובאו מפוזנא „מהפורט ה־7״ ושעבדו גם הם בעבודות עזר, ונשים ובחורות מקומיות שעבדו במחסן המצרכים (קאנטינא) ובמטבח.

אחר כך בא שנוי ביחס הז׳נדרמיה לאוכלוסיה ולא פעם אפשר היה להודע מהם הרבה על הנעשה בשטח מחנה ההשמדה.

במחנה המות בחלמנו פעלו 3 אוטו־תופת, אחד גדול ושניים קטנים יותר. את המידות ואת הקונסטרוקציה שלהם איני יכול לתאר מפני שאיני מבין באוטומובילים, ואף לא הרשו להתקרב לאוטומובילים אלה. אחר־כך שמעתי לע פעם מפי הז'נדרמים שלתוך האוטו הגדול אפשר היה להכניס 150 איש, ולאוטו הקטן 80—100 איש. בתחילה היו מביאים יום־יום לחלמנו אלף איש, בקרב הזונדר־מריה היתה רווחת המימרה, „יום אחד — אלף אחד". את המטען היו נוטלים מהיהודים בחלקו עוד במחנה ובחלקו בחלמנו. היהודים היו פושטים את בגדיהם בארמון, והיו נכנסים לאוטו רק בלבנים, מפני שהיו מרמים אותם ואומרים להם שהם הולכים להתרחץ, לאחר נסיעת „האוטו־תופת" היו זורקים את הבגדים דרך החלון לחצר. ואחר־כך חייבת היתה פלוגת פועלים יהודים להעביר אותם לערימה הכללית של הבגדים שנמצאה בגן.

ערימה זו היתה בגובה של 3—4 מטרים ולפחות באורך של 10—15 מטרים.

הז'נדרמים היו מאיצים ביהודים שעבדו בסידור הבגדים ומכים אותם באכזריות. רק לאחר נקוי השטח היו מכניסים קבוצה חדשה של יהודים לארמון, את היהודים שעבדו בסילוק הבגדים ראיתי פעמים רבות, על זה שמרמים את היהודים ואומרים להם שהם הולכים להתרחץ — דברו הז'נדרמים בעצמם, הם סברו שזוהי המצאה טובה, מפני שהיא חוסכת להם טרדות בטפול בקרבנות. את הבגדים היו מובילים ללודז'. הנהגים היו פולנים, לא נתנו להם להכנס לשטח הארמון, צוו עליהם לחכות בכביש, נהגים גרמנים היו מכניסים את האוטומובילים לחצר ושם היו מעמיסים אותם, אחר־כך מחזירים את האוטומובילים לכביש ומוסרים אותם לנהגים הפולנים מעסקים פרטים.

אנשי ס. ס. חילקו הרבה חפצים בין הגרמנים המקומיים. באביב באה למחנה ועדה מברלין בתוכה אזרח שמן אחד, שהיהודים אמרו עליו שהוא ראש הגיטו בלודז'. הוועדה דרשה מהזונדרקומנדו קולמהוף לקבל משלוחים גדולים יותר של יהודים. המשלוחים האלה הגיעו ל־1000 עד 2000 איש, את המשלוחים האלה היו מביאים תמיד באוטומובילים.

משנעשה חם, התחילו הגופות שבקבר הכללי להרקב „האדמה זזה", האויר היה מורעל בשטח רחב, נתרבו מקרים של מחלת הטיפוס. הגרמנים הפסיקו את קבלת המשלוחים, במהירות נבנו שני כבשנים (אפשר היה לראות את הארובות) והתחילו בשריפת הגופות, חפרו את הקברים המשותפים וצוו על היהודים (מהפלוגה המוגדלת המיוחדת — „פלוגת היער") לשרוף את הגופות בכבשנים, כפי ששמעתי היו מסיקים את הכבשנים בעצים.

לאחר שריפת הגופות (ההפסקה נמשכה כחדשיים) התחילו הגרמנים לקבל שוב משלוחים של יהודים. אני מציין שעל שריפת הגופות ידעתי לא רק מדברי היהודים שעבדו בזה, אלא גם מתוך כך שהכבשנים פלטו עשן ולא הובאו שום משלוחים.

את היהודים התחילו להביא בקיץ 1942 במסילת הברזל לפובייריציה, שם היו מורידים אותם ומובילים אותם ברגל לטחנה בזאוואדקי, הם היו לנים בטחנה ובבוקר היו מובילים אותם באוטומובילים לארמון, מכאן והלאה לא נשתנה סדר הפעולה, את מספר המשלוחים שהגיעו במסילת הברזל אינני יכול לקבוע, אולם

לפי חשבוני הכיל כל משלוח כאלף איש, נוסף למשלוחים הרגילים במסילת הברזל היו מגיעים משלוחים באוטומובילים.

מצב זה נמשך עד אפריל 1943.

באפריל 1943 החלו הגרמנים בחיסול המחנה ובטשטוש עקבותיו, פרקו את הגדר, הוציאו את החפצים וכד׳. ב־7 באפריל 1943 פוצצו את הארמון, זרעו עשב על הקברות (בקשו ממני להשאיל להם כלים לזריעת עשב והווכמייסטר לנץ שאל אצלי מגרפה. פרקו את הכבשנים ואת הלבנים העבירו למקום אחר. ב־11 באפריל 1943 נסע הזונדרקומנדו ס.ס. קולמהוף. במקום נשארה פלוגה קטנה של ז׳נדרמים ששמרה על מקום ההריגה, הז׳נדרמים האלה היו מהמשמרות המקומיים, המפקד היה ז׳נדארם מסומפולנא.

כשהז׳ונדרקומנדו ס. ס. קולמהוף נסע, לקח אתו את הפולנים שמילאו תפקידי עזר, היו אלה (כאן נזכרו 7 שמות), היה עוד פולני שמיני שקראו לו „מאריאן" שבטעות הוכנס לתוך האוטו והורעל בגאז. היה זה בראשית ינואר 1942. קברו אותו לחוד בגן הארמון. הפולנים האלה חפרו בתחילה את הקבר המשותף ביער. אחר־כך שלחו אותם לעבודות אחרות, כמו תקון האוטומובילים, נשיאת החפצים, הורדת המטען מהאוטו, לא שמעתי שהם היו בודקים את הגופות, לא שמעתי על שום אוקראינים.

מלבד אנשי הס. ס. עבדו בזונדרקומנדו קולמהוף ז׳נדרמים ומשטרה קרימינלית (לפושעים פליליים) בסה״כ פעלו אז בחלמנו — 120—150 גרמנים. אחר־כך גדל מספרם עד ל־180 בקירוב, בראשונה שימש כמפקד לאנגה (את דרגתו ואת שמו איני יודע).

באביב בא שנוי במפקדת המחנה, למפקד נתמנה האנס בוטמאן, כממלא מקומו של הלאטה, אני זוכר שמות של גרמנים אלה שפעלו „במחנה המוות".

1. הפלה וואכמייסטר (את שמו איני זוכר) נהל את מחלקת המשק.
2. לנץ (כינו אותו דוקטור האכזרי מכל הגרמנים בחלמנו. סאדיסט זה מוכרח היה בכל יום להרוג לפחות יהודי אחד).
3. בירסטינגר השגיח על החפצים יקרי הערך והתכשיטים.

חברי הזונדרקומנדו ס. ס. קולמהוף התיחסו בזמן הראשון לאוכלוסיה המקומית באופן גרוע. באיום ובמקלות היו מכריחים אותם ללכת לעבודה וכד׳. אולם אחר־כך הוטבו היחסים ונעשו תקינים לגמרי.

הס. ס. השתמש בראשונה בטלפון שבוועד הכפר, מזכיר הוועד של הכפר סט. קאשינסקי, ידע כנראה משום כך יותר מדי, מפני שנאסר והוצא להורג. קאשינסקי שלח מכתב אל באות כוח דיפלומטיות שבו תיאר את הנעשה בשטח. המכתב נתפס כנראה, חוץ מקאשינסקי ואשתו לא הושמד אף איש מתושבי המקום.

לא שמעתי שלאנשי הזונדרקומנדו ס. ס. קולמהוף היו אהובות פולניות מהאוכלוסיה שבסביבה, האהובות שלהם היו גרמניות מקולו או מהכפרים הסמוכים.

אל „מחנה ההשמדה" היו תחילה מביאים יהודים מהעיירות הסמוכות, ואח״כ מגיטו לודז׳, לכאן אף הובאו יהודים מכל קצוי תבל; מהונגריה, מיוגוסלביה, מצ׳כוסלובקיה, מצרפת ומיוון. לאחר שהיה מגיע משלוח כזה, היו לז׳נדרמים סיגריות מאותה ארץ שממנה בא המשלוח. ברוב המקרים היו הגרמנים משלמים

בסיגריות בעד צרכי מזון ולכן יכולנו לדעת מאין באו המשלוחים, אגב, הז׳נדרמים לא היו מסתירים עובדות אלה, זכורני שהם היו אומרים שהגיע משלוח של „יהודים עשירים מוינה" ו„יהודים עשירים מהאמבורג". לאנשים במשלוחים אלה היה מטען גדול יותר והיו לבושים טוב יותר.

היהודים שהובלו למיתה, היו זורקים לפעמים פתקאות. פעם אחת הרימותי פתקה כזאת, המלים הראשונות היו „אנחנו יהודים מלבוב". היהודים היו קורעים שטרות כסף וניירות ערך וזורקים אותם על הכביש, הם לא ידעו את האמת עד לרגע האחרון, לכן לא היו שום התקוממויות. היו גם משלוחי פולנים, ידענו שעומדים להגיע משלוחים של פולנים לפי שהמשמרות בימים אלה היו מוגברות. מקרים כאלה היו לעתים קרובות. כנראה הביאו פעם קבוצת נזירות, פעם 12 קצינים פולנים, וקבוצה גדולה של ילדים פולנים ועוד. אני עצמי לא ראיתי את המשלוחים האלה. ספרו לי עליהם — נשים שראו אותם (הלנה קרול וויקטוריה קוז׳ניצה). לאחר פיצוץ הארמון מצאו בין החורבות צלבים, מדליונים וכד׳.

הגרמנים היו מעמידים באופן דמונסטרטיבי צלב על הגזוזטרה של הארמון.

מחוץ למשלוחים הגדולים היו מביאים באוטובוסים לארמון גם אנשים יחידים, את האנשים האלה היו מצרפים למשלוחיהם.

את הפולנים היו מביאים עוד בשנת 1942, זכורני שהנהג „טוני" אמר פעם „אוטו פולני מוכן". נעשתה כנראה איזו פעולה גדולה יותר ביחס לפולנים. ראיתי גם צוענים שהובאו באוטומובילים מכיוון קולו.

באמצע שנת 1942 (רק נדמה לי) באה ועדה מברלין השתתפו בה שלשה או ארבעה אנשי גיסטפו. קיבלו את פניה בכבוד רב והראו לאנשיה את כל השטח. אמר לי הפולני קז׳יפצינסקי שבשעה שהכניס לאוטו של אנשי גיסטאפו האלה בנזין הצטחק אחד מהם אליו. למחרת נודע שלא היו אלה אנשי גיסטפו אלא „ריגול זר". הז׳נדרמים אמרו: „חשבנו שאלה היו משלנו — אבל הם לא היו מאנשינו".

הגרמנים ניהלו רשימה מדוייקת של האנשים שנרצחו בחלמנו. הקהילות היהודיות חייבות היו לשלם 4 מרקים גרמניים בעד העברת כל יהודי לחלמנו. בידי כל נהג היתה רשימה של יהודים שהוא מוביל, בחורף 1942 נשרפה דירת שאלק, לאחר כבוי התבערה ציוו עלי ועל מ. לודביצקי לשמור על המקום השרוף כדי שהאש לא תתלקח שוב. אז מצאתי תיק (לידביצקי לא ראה זאת) של הנהג שקרו לו „טוני" ושאנו קראנו לו קולטוניאז׳ (טיפש), בתיק היו רשימות שונות הנוגעות להעברת יהודים. איני יודע גרמנית, לא הבינותי את הרשום ברשימות, שרפתי את התיק מפחד שהגרמנים ימצאו אותו אצלי.

במרס 1944 בא שוב לחלמנו הזונדרקומנדו ס. ס. קולמהוף, אלה היו אותם גרמנים שהיו כאן כמעט במשך כל שנת 1942 מהאביב עד חיסול המחנה. רבים מהם לא חזרו. המפקד כמו קודם היה בוטמן. הפלה אמר שהיה „אי־פעם ביוון". שוב הוקמה גדר קרשים גבוהה סביב לכל שטח הגן, הובאו צריפים. שני צריפים הוקמו בחלמנו (שם הוחזקו הבגדים) ושניים הוקמו ביער של חלמנו.

הפעם היו מביאים את היהודים ישר לחלמנו, היו סוגרים אותם למשך הלילה בכנסיה, ובבוקר מובילים אותם באוטומובילים ליער של חלמנו. שם היו מכניסים אותם לאחד הצריפים שעליו היתה תלויה טבלא „רופא" וכתובת „בית מרחץ"

שם היו היהודים פושטים את בגדיהם, אחרי כן היו מכניסים אותם לאוטו תופת ואומרים להם שיובילו אותם לצריף שלישי. כאן היו נועלים את הדלתות והמנוע היה מתחיל לפעול, האוטו היה נוסע בכיוון הכבשנים, שם היו זורקים את הגופות, והאוטו היה חוזר כדי להביא משלוח נוסף.

ביער היו מעבידים בקביעות 40 יהודים שנקראו ואלד קומנדו (פלוגת היער) מהם נודע לנו באיזו שיטות השתמשו הגרמנים בזמן האחרון, היו שולחים אלי יהודים להביא ירקות, ולכן היה לי מגע תמידי אתם. היהודים גרו באוסם, שם נמצאו גם בתי־מלאכה של חייטים וסנדלרים. החייטים היהודים היו מוחזקים כבולים באזיקים בקומה השניה של האוסם, בזמן האחרון היו בחלמנו 47 יהודים, לפני כן 80—90. היו שואלים אז טחנה קטנה לטחינת העצמות מפובייירציה וכן גם לוקומוביל מפובייירציה.

כעבור חודשים אחדים (בערך ביולי 1944) נגשו לחיסול המחנה. כפי שספרו היהודים הושמדו הפעם בחלמנו 15.000 נפש, קשה לי להגיד אם מספר זה הוא אמיתי, כעת היו המשלוחים מגיעים בעיקר מחוץ לארץ מעבר לגבול הצ׳כי. יתכן שדרך גיטו לודז׳. הפעם היו מתנהגים עם היהודים בצורה הגונה כדי שלא לגרום להתנגדות כלשהי. את הבגדים, שהיו במצב טוב יותר היו מעבירים ללודז׳, ואת הבלויים היו קורעים במכונה מיוחדת שהובאה לשם כך והקרעים נשלחו ללודז׳. את הכבשנים הרסו ואת הלבנים זרקו ביער, הטחנה הוחזרה לפובייירציה.

בתחילה בשנת 1942—43 השתמשו לכתישת העצמות במכתשי־יד.

הפולנים שעבדו לפני כן במחנה לא חזרו הפעם, הז׳נדרמים אמרו ששלשה מהם (כאן נזכרו שמות) אינם בחיים ושלשה (גם כאן נזכרו שמות) נשלחו לאושבינצים.

כשהתקרבו צבאות הסובייטים, ניגשו לחיסול היהודים האחרונים, הוציאו אותם בקבוצות של חמשה—חמשה, ציוו עליהם לשכב על הארץ וירו בראשיהם. הפעם התקוממו היהודים, אחד מהם מייצ׳יסלב או מקס זורבסקי שהיה מזוין בסכין פרץ את שורת הז׳נדרמים וברח. הז׳נדרמים לא הצליחו למצוא אותו. החייטים שברו את הדלת שהובילה למטה, כשנכנסו לשם שני גרמנים (בתוכם לנץ) היהודים הרגו אותם. הגרמנים כוונו מכונות יריה לדלת האסם והתחילו לירות פנימה באותו זמן הציתו את האוסם.

כך הושמדו היהודים האחרונים, נוסף לז׳ורבסקי ניצל היהודי שמעון סרבניק, שהגרמנים ירו בקדקדו וחשבו שנהרג, הפצע לא היה אנוש וסרבניק ניצל. את הכתובת של סרבניק וזורבסקי איני יודע.

את האוטו הנמצא בבית החרושת של אוסטרובסקי לא ראיתי, הרטנר מפובירציה היה בא לעתים קרובות לחלמנו, הם היו מוציאים משם מזוודות מלאות חפצים. בשנת 1944 בא לחלמנו לשם פקוח גרייזר. נדמה לי שהוא בא גם בשנת 1942. שטח מחנה המוות בחלמנו נשמר בקפדנות, הסיסמא הוחלפה בכל יום ונשלחה מפוזנא.

בזה נגמר הפרוטוקול ולאחר קריאתו באו על החתום: —

(—) אנדז׳יי מישצ׳אק. (—) ובדנאז׳, שופט חוקר.

ראובן ימניק

ביום השחיטה

ויהי באשמורת הבוקר — בוקר רגיל אפור,
ערפל כיסה את כל היקום,
עוד משמשים בערבוביה החושך והאור
ונץ שמש ראשון התנשא לרום.
שקט בגיטו, בשוק הישן.
מצטופפים היהודים בתנאים גרועים
בחדרים חורים כמו קברים
עם גגות שבורים וקירות רעועים.
נמים לא נמים היהודים המעונים
אחרי יום עמל קשה ומיגע,
רעבים ומוכים שוכבים, אין אונים
בפחד — מה יביא המחר — מי יודע ?



יהודים מתפללים לפני הוצאתם להורג על-ידי הנאצים ימ"ש

כל אושה קלה מרעידה לבבותיהם
כל רחש חשוד מקפיא את הדם,
בפחד באימה מתחבאים במחבואיהם
יודעים — שקרב קיצם יום אידם.
השמש עולה שולחת קרניה
שמש אביבית נעימה מלטפת,
„מה יפה היום", אומרת אמא לילדיה
ובחשאי בסינורה דמעה מנגבת.
פתאום כחטף כרעם ביום בהיר
נפלה על היהודים הגזירה
„יודען — ראוס" צאו מהר
המתמהמה ירה יירה".
צעקות, בכיות, עד לב השמים
חרדה, פחד, ריצה, בהלה,
פעוטים בוכים מבקשים לחם ומים
הקיץ הקץ לעדה כלה.
הצעירים מנסים את חייהם להציל
למלט את נפשם מרדת שאול,
מנוסה בשדות, בכל דרך ושביל
מבקשים שיסתירום השכנים מאתמול...
שכן טוב קח טבעת — זהב טהור
ירושה היא מאבות אבותינו.
אך הסתירני נא בעליה או בבור.
כי הגיע האסון, השואה בבתינו.
אך השכן הגוי צוהל ומריע
קומץ אגרופיו, חורק שיניים
„הסתלק יהודון, סופך הגיע...
ליום זה הרי ציפינו כל החיים".
ומכל הבתים ריצה מבוהלת
גברים, נשים, נוער וטף.
כל חלון פתוח, פרוצה כל דלת
אצים רצים — קהל ישראל עם רב.
בוכה פעוטה לרוץ אינה יכולה
„אמא קחיני נא על הידים"

ולאמא עוד תינוק בזרועותיה
צרור מזון, ובקבוק מים...
„האבא למחנה נשלח מזמן
נשרף כבר בכבשן האש.
ואותנו ילדתי שולחים — לאן?
אולי עם אבא שם נפגש...
יריות וצליפות ושאגת השטן
גוברות והולכות מחרישות אזניים.
החישו פעמיכם גדול וקטן,
הרי עוד כולכם יהודונים בחיים.
מחזות אימים מסמרי שער,
בכיות ויללות עד לב השמים.
כצאן לטבח מובלים זקן ונער,
נשים וטף ויונקי שדים.
משרכים רגליהם ברחובות העיר
ועמל הדורות נשאר מאחוריהם
כל אחד בידו צרורו הזעיר
והיתר השאירו לבז לצורריהם.
הנה המכירים השכנים „הנאורים"
עוטים בצהלה על השלל לעיניהם
„הלכו להם היהודים הארורים"
והם ישכנו כעת בבתיהם.
ובכל הדרך המון פרוע
צוחק צוהל ומוחא כפיים
„הנה היום המיוחל הגיע
והתפטרנו מן היהודים הרמאים".
הנה הגיעה כל העדה הקדושה
שבורה, רצוצה, גועה ובוכיה,
כצאן לטבח ללא מנהיג בראשה
נדחפו באכזריות לבית הכנסיה ...
דחוסים, דחוקים שוכבים מתים וחיים
על רצפת הכנסיה העקובה מדם
זעקת העוללים והיונקים בוקעת שמים
לא יעוררו רחמים, כי אין רחום בדין.

וביום המר ז' באייר תו שין בית
במכוניות תופת דחסו את כולם
לחלמנו הובילום למחנה המות
שם במשרפה נעלמו כולם.

ברגעיהם האחרונים בעוית המות
חבוקים הורים אחות ואח
שמע ישראל שפתותיהם מדובבות
„נקמה על דמנו — זכור ואל תשכח".

נרצחו מיליונים, הושמד עם
אלפי קהילות עירות וערים.
גם קהילת פשייטש הובלה שם
לבית הקברות הגדול ללא קברים.

נתרוקנה העירה (פשייטש) מכל יהודיה לעד.
אין אח אין אחות אין אמא אין אבא.
יתומים היינו, נבכה ונזכור את זכרם לעד
ונאמר יתגדל ויתקדש שמיה רבה.

חלמנו שרייט צו די הימלען

עס ליגט דער שווערער אומעט אויף אינזער פארוויסטעטן הארץ. דער אומעט וואס ריפט זיך — חלמנו, אט אין דעם איינציגען ווארט ליגט אזוי פיעל אכזריות, ליגט אזוי פיעל ליידען אין פיין, פארגאסען אומשולדיג בליט, פארשניטענע יונגע לעבענס פין הינדערטער טויזענטער יידען, יונג אין אלט, פרויען אין קליינע קינדער, דא אויף דעם פארוואָרפענעם ארט צווישען קאלא אין דאמביא, דא האבען דיא דייטשע מערדער אימגעבראכט דריי הונדערט פופציג טויזענט יידען.

דא זיינען ערמארדעט געווארען הינדערטער פשייטשער יידען דורך דיא נאצישע פארברעכער, אין זייער אומשילדיג פארגאסען בליט שרייט צו דיא הימלען.

חלמנו איז געוועזן דער ערשטער טויטן לאגער פאר יידען אין פוילען. דא האבען דיא מערדער צום ערשטען מאל אויסגעפרווט דיא נייע מעטאדען פין מאסן מארד דורך גאז. דא איז געמאכט געווארען דער אנהויב פין דער פלאנמעסיג צוגעגרייטע אקציע, טאטאל אויסצוראטען דאס יידענטום פין אייראפע. אין אנפאנג זיינען דיא מארדען פארגעקימען אויף אגאר פרימיטיווען אופן. מהאט געברענגט אפארטיע „פארברעכער", ציגעפירט זיי מיט לאסט אויטאס

אין וואלד. געהייסען זיי אויסגראבען פאר זיך קברים, אויסלייגען זיך אין אריי מיטן פנים צו דער ערד אין מיט אשאס אין קאפ זיי דערהרגעט. באלד אבער האבען דיא דייטשע תליינים אנגעהויבען אנציוועגדען מער „קולטורעלע" מעטאדען. דעם פריצישען פאלאץ אין כעלמנא האבען זיי פארוואנדעלט אין „אבאד־אנשטאלט". צו דער באדינונג פין „באד־אנשטאלט" זענען איבערגעגעבען געווארען דריי מאדערנע גאז אויטאס. אין סהאט זיך אנגעהויבען דער טייוולא־נישער שפיל... פין דיא ארומיגע שטעטלעך האט מען אנגעהויבען ברענגען טראנספארטען יידן. מאיז ציגעפארען מיט זיי צים פאלאץ, אויף וועלכען סהאט געהאנגען אגרויסער שילד „באדעאנשטאלט". א ס.ס. מאן האט ערקלערט פאר דיא אנקימענדע יודען אז פארן אבפארען צום ארבייטס־פלאץ, מוזן זיך דיא מענשען קודם אויסבאדען. נאכדעם ווי די מענטשען האבען זיך אויסגעטוהן אינגאנצען נאקעט, האבען זיי די ס.ס. מענער ארויסגעטריבען שלאגנדיג אן רחמנות אויף דער אנדערער זייט פין פאלאץ, ווי סהאבען שוין געווארט דיא צוגעגרייטע גאז אויטאס. אין יעדען אויטא האבען געקענט אריין בערך 100—80 נפשות. נאכן הערמעטיש פארמאכען דיא טירען פין אויטא האט זיך געהערט יאמערליכע געשרייען, וואס האט געדויערט עטליכע מינוטן. געני‏מען האט זיך דאס דערפין וואס דער מאטאר ווען מהאט אים געלאזט אין גאנג, האט דורכן פארברענען אגרעסערען קוואנטום בענזין אנגעהויבען פראדוצירען מער ווי געוועגלעך פארברענונגס־גאזען. דיא סמינדיגע פארברענונגס גאזן זענען דורך צוויי רערען צוגעפירט געווארען צו דער פאדלאגע פין פארמאכטען וואגן, אין דורך עפענונגען ארויסשטראמען ארויף, פארסמנדיג די לופט, וואס דיא אין וואגן צונויפגעשטאפטע מענטשען האבען געמוזט איינאטמען, דיא מענטשען האבען זיך אנגעהויבען שטיקען... נאך אקורצע צייט האט זיך אלץ איינגעשטילט.

נאכן אבפארען עטליכע קילאמעטער איז דער אויטא אריין אין אוואלד ווי עס האבען געארבייט דיא „טויטן בריגאדע" וואס האט באגראבען דיא מתים. פלינק האט מען דיא אויטאס אויסגעלאדענט נישט צו פארלירען קיין איבריגע צייט. דיא טויטע האט מען אזוי מאסנווייז געלייגט אין דיא קברים. דער דאזיגער מעטאד האט זיך ארויסגעוויזען פאר נישט איבריק פראקטיש, ווייל דיא טויטע קערפערס האבען אנגעהויבען פארפעסטען דיא לופט. דעמאלט האט מען אויף אגרויסע פאליאנע אוועקגעשטעלט 2 פרימיטיווע קרעמאטאריומס אויף וועלכען מהאט אנגעהויבען סיסטעמאטיש צו פארברענען דיא בר־מינן׳ס. דיא קרעמאטאריומס, דאס זענען געווען נישט מער ווי לאנגע אייזערנע שינעס, וואס האבען געדינט אלס רושטעס אויף זיי האט מען אויסגעלייגט אשיכט האלץ, אשיכט טויטע, דאס אלץ באגאסען מיט בענזין אין אינטערגעצינדען. די נישט אינגאנצען פארברענטע ביינער האט מען געמאלען אויף ספעציעלע מילכלעך, ,דאס מעל פין דיא צעמאלענע מענטשעלעכע ביינער האט מען אנגעפילט אין זעק אין אוועקגעפירט צו בויען וואלען ביי דערווארטע, באפרוכפערן דעם באדען א.א.וו. די מלבושים פין דיא געהארגעטע האט מען אבגעפירט אין נאענטען קלויסטער דאמביא וואו סהאט זיך געפינען דער הויפט־לאגער פון זאכען. ביים סארטירען אין אויפלאדענען האבען געארבייט יידען, וועלכע מפלעגט יעדען טאג

ברענגען אויף ארבייט פין חלמנו, כדי זיי זאלען נישט קאנען אנטלויפען, האט מען זיי די פיס געקאוועט אין קייטען.

קיין כעלמנא האבען אנגעהויבען אנציקימען טראנספארטען יידען. קודם פין דער נאענסטער געגענט, ווי אויך יידען אין נישט יידען פין אויסלאנד. סאיז דערגאנגען דערצו אז צוליעב דעם גרויסען צופלוס פין טראנספארטען האט מען פארווענדעט אלע ארומיגע קלויסטערס, ווי מהאט אויפגעהאלטען די מענטשעז פאר זייער אימברענגען.

ז׳ אייר תש״ב 24.4.42 איז געווען דער טרויעריגסטער טאג פאר פשייטשער יידען. דעם טאג האבען דיא בארבארען אריבער 600 פין אינזערע נאענסטע, דיא לעצטע איבערגעבליבענע יידען אין שטעטעל אוועקגשיקט נאך חלמנו צום פארגאזעווען אין פארברענען.

ווען סאיז פארענדיגט געווארען דיא פארניכטונגס אקציע אין חלמנו האבעז דיא דייטשע פארברעכער אויפגעריסען דעם פאלאץ אין דער לופט, כדי עס זאל נישט בלייבען קיין שפור פין זייערע מעשים.

סזענען אויך צושטערט געווארען דיא קרעמאטאריום איינריכטונגען אין כעלמנער וואלד.

פין אלע יידישע טראנספארטען זענען געבליבען 45 ספעציאליסטען וועלכע האבען געארבייט אין אשניידער ווארשאט. ווען דיא רויטע ארמיי האט זיך דערנענטערט צו כעלמנא, האבען דיא דייטשען אין דער נאכט פין 17—16 יאנואר 1945 פארשפארט דיא ארבייטער אין ווארשטאט אין גרופענווייז געפירט צום שיסען. ווען איינער האט זיך אקעגענגעשטעלט אין זיך געווארפען מיט אמעסער אויף צוויי געסטאפא לייט האבען דיא דייטשען באגאסען דעם ווארשטאט מיט בענזין אין אינטערגעצינדען מיט דיא מענטשען.

פונקט ווי אין אנדערע טויטען לאגערס, האבען דיא דייטשע בארבארען אויך אין כעלמנא לאגער פאר זייער אבטרעטען, נאך זייער גרויסער מפלה, געוואלט פארווישען אלע שפורען פין זייערע אבגעטוענע פארברעכענס, אבער עס האט זיך זיי נישט איינגעגעבען.

אחוץ דיא לעבעדיגע עדות, דיא ארטיגע פוילישע באפעלקערונג וואס האט זיך אסך צוגעקיקט אין אסך געוויסט, ריידען אקלארען לשון אויף דיא שטימע עדות פין דיא דייטשע אכזריותן.

אשטימע עדות פין דיא אבגעטוענע מערדערייען זיינען דיא חורבות פין כעלמנא שלאס וואס דיא דייטשען האבען אויפגעריסען פארן אנקימען פין דער רויטער ארמיי.

אעדות איז אויך אמיל אויף מאלען מענטשלעכע נישט דערברענטע ביינער, זי איז שטיין געבליבען אויפן פלאץ ווי עס האבען זיך געפינען דיא שייטער הויפנס.

שטימע עדות פין דעם שרעקליכען בליט־מארד זיינען דיא שטילע ווערבעס ביים קליינעם טייכעל, דאס זעלביגע טייכעל אין וועלכען מען האט אן אויפהער געשיט דיא אש פין דיא פארברענטע מענטשען.


שטימע עדות זענען אויך דיא גיט באמיסטיגטע פעלדער מיטן אש פין

דיא קדושים. די פרוכט ביימער ארום אנגעזאפטע מיט בליט פין הינדערטער טויזענטער יידען.

נאך אשטימער עדות איז דער פוסטער פאלאץ אין וואלד וואס אין זיין שויס איז פארשלאסען אין באגראבען דער סוד פין הינדערטער טויזענטער פרגאזעוועטע אדער לעבעדיג באגראבענע יידן. וואס מהאט דערנאך פין דארט ארויסגעריסען אין איבערגעגעבען אין רשות פין שייטער־הויפן.

כעלמנא וועט פארבלייבען איינס פין דיא טרויעריגסטע קאפיטלען פין דער יידישער מארטיראלאגיע.

כעלמנא וועט בלייבען צוגלייך מיט דיא פארניכטונגס לאגערן, מיידאנעק, טרעבליאנקא, סאביבאר, אשוויענטשין אאייביגער שאנד פלעק אויפן געוויסען פין דייטשען פאלק.



הגב׳ חוה מוסמן (זיעלינסקי) בעלה ובתם

ליד מצבת הזכרון במחנה השמדה בחלמנו.

אויסצוג פין בוך „חורבן אין אויפשטאנד"

פין דיא יודען אין ווארשא

חעלמנו אדארף ביים טייך נער, א 12 קילאמעטער פין דער שטאט קאלא (קויל) אויפן וועג פין ווארשא קיין פויזען, ווי עס ווייזט אויס איז דארט געווען דער ערשטער גרויסער פארניכטונג לאגער אין פוילען, וועלכער איז אויפגעשטעלט געווארען נאך אין יאר 1940, דארט זענען אימגעבראכט געווארען דיא יידען פין דיא פוילישע מערב געביטען, אין פין קאלישער אין לאדזער געגענט — דיא שטחים וואס דיא דייטשען האבען געריפען ווארטעגאו.

דיא אויסראטונגס־סיסטעם — גאז פארגיפטונג אין גרויסע ספעציעלע לאסט־אויטאס, אין וועלכע דיא אהין פארשיקטע יידען זענען געפירט געווארען אין אנאעגטען וואלד אריין, לויט ציפערען פין דער צענטראלער קאמיסיע אויסצופארשען דיא פארברעכענס פין דיא דייטשען זיינען אין חעלמנו לאגער אימגעבראכט געווארען 330 טויזנט מענטשען. יידישע קוואלען זאגען, אז דארט זיינען דערמארדעט געווארען ביי 300 טויזנט יידען.

סקירות על מחנה־ההשמדה בחלמנו
נלקחו מהספר „מפרשת השואה"

מחנה־המוות בחלמנו בראשית פעולתו

בסוף חודש נובמבר 1940 באה הגיסטאפו לחלמנו שבמחוז קולו מקום זה נבחר על ידי התליינים ההיטלראיים לגיא ההריגה. בקרב האוכלוסיה קמה בהלה, מפני ששרפו את בית הכומר, המוסך ובנינים רבים אחרים. ביום ה־9 בדצמבר נגמרו התיקונים של כל החלקים והאולם של הארמון המקומי, כך שהם היו מוכנים לקבלת אנשים. באותו יום הגיע המשלוח הראשון של יהודים מהעיר קולו במספר 700 נפש. המישלוחים הבאים מדומביה ומהעיירות הסמוכות הובאו לחלמנו בלילה. עד האביב היו מביאים יום יום משלוחים שהגיעו לאלפיים נפש כל אחד. את האנשים האלה היו מוציאים ליער סמוך, שלושה קילומטר מהארמון בחלמנו. ביער זה הכינו בשטח של קילומטר אחד את גיא ההריגה. כרתו עצים בשני מקומות ויצרו שני שדות. בשדה אחד כרו שוחות די עמוקות ברוחב 6 מטר, ובהן היו שמים את גופות האנשים שהובאו. בשדה השני התחילו לבנות כיבשנים, שבהם היו שורפים את גופות ההרוגים. הגרמנים היו מטעים את האנשים שהובלו לחלמנו באומרם, שהם נוסעים לעבודה ואין סכנה לחייהם. לפני שהיו מובילים את הקרבנות ליער, היו מביאים אותם אל הארמון במקום שהיו מצווים עליהם להתפשט, ואח"כ היו מכניסים את האנשים ערומים לגמרי, בלי לחסוך מכות במגלבים, לתוך אוטומובילים, שהיו ננעלים באופן מהודק. באוטומובילים אלה היו סידורים מיוחדים, שהיו גורמים לפליטת גאז לתוך האוטו כך שהאנשים שהיו בתוך האוטו היו מורעלים עוד לפני שהגיעו ליער. פעולה זו נמשכה עד החודש יוני 1944 והופסקה בגלל רקב הגופות, שהוטלו לתוך השוחות. בינתיים נבנו כבר כיבשנים, שהתחילו לשרוף בהם את גופות ההרוגים.

אחר כך התחילו להגיע מישלוחים מערים אחרות מפולין, מרומניה, מצ׳כו־סלובקיה, מגרמניה וכו׳. כך זה נמשך עד החודש דצמבר 1943. את בגדי ההרוגים שלחו לגרמניה, את הפשע טשטשו, המקום הופצץ ואת גיא ההריגה כיסו בדשא.

המפקד הראשון של המחנה היה **לאנגה**, אח"כ מאיור ביתמן, סגנו האובר־לייטננט **אוטו לאנג**, ואח"כ **פלאטה**. מפקד המישלוחים בהם. מקבל הזהב וחפצי־הערך — **בריסטינגה**, שנתמנה אח"כ למנהל חמרי השריפה. כרופא שימש **לאנדמייסטר** המשגיחים על הכיבשנים היו **רונגה** ו**קלטשמר**. את המשק ניהל **נויפלה**.

מעשה הרצח בחלמנו בשנים 1944—1945

בחודש מרס 1944 באו אנשי הגיסטאפו לחלמנו והתחילו שם שוב להכין אסם של אחוזה בשביל קבוצות עובדים מגורשים, כמו חייטים, סנדלרים ועוד. אח"כ בנו שם שני צריפים: אחד שימש כמחסן לזהב וחפצי ערך ושני לבגדים וחפצים שונים, שהיו נשדדים מהאנשים שהובאו.

ביער הוקמו שני כיבשנים ענקיים לשריפת גופות האנשים ושני צריפים. באחד הצריפים היו מכריחים את האנשים שהובאו — להתפשט, השני שימש כבית־מרחץ ועל השלישי היתה כתובת, ששם מקבל רופא לבדיקה.

המשלוח הראשון הגיע לחלמנו בחודש יוני. את האסירים העבירו לכנסייה במקום שנשארו עד למחרת. האנשים הצטופפו בכנסיה עיפים, רעבים וצמאים, נחנקו כמעט.

למחרת באו מכוניות־משא והתחילו להעביר את האנשים ליער, לצריפים, לרופא, רימו את האנשים ואמרו להם שהם נוסעים לעבודה. האנשים הוכנסו לצריף ושם ציוו עליהם להתפשט ערומים. אמרו להם שיעבירו לבית־מרחץ. הכריחו אותם לכתוב גלויות אל משפחותיהם ומכריהם, שבהן נאמר:

הגענו למינכן. הדרך עברה בשלום. מצבנו טוב מאוד. חיים טוב מאוד. אנו עובדים בפירוק בתים שהופצצו.

לאנשים שונים ציוו לכתוב מכתבים בעלי תוכן דומה ולציין בכתובת, שהם בלייפציג.

המשפחות, שקיבלו גלויות כאלה, שמחו ונרשמו ברצון למשלוחים הבאים.

באופן כזה הורעלו בגאזים במשך שלושה חדשים קרוב ל־15.000 נפש. היו מקרים שבישלו בחלמנו אנשים חיים, את הבשר סילקו ואת השלדים שלחו לברלין.

את העבודה הזאת הפסיק הצבא האדום. הנאצים התחילו לחסל את כל המיתקנים ששימשו לרציחות, הם השאירו 87 יהודים לעבודות אלו.

בליל ה־17 ביאנואר 1945, כשהצבא האדום התקרב לחלמנו, השמידו הנאצים גם את היהודים האחרונים האלה. הנאצים הוציאו את היהודים בקבוצות של חמשה, חמישה איש מתוך הבנין שבו גרו, ציוו על היהודים לשכב וירו בקדקדיהם. נורו כבר 20, והנה התקוממו שאר היהודים, שהבינו מה נעשה לחבריהם. המתקוממים הרגו שנים מאנשי הגיסטאפו. המתקוממים נשרפו חיים באוסם. יהודי אחד, מציסלב ז'ורבסקי, הצליח לברוח מהאוסם ולהנצל. יהודי שני, שמעון סרברניק, בן 15, ששכב בחוץ ביחד עם ההרוגים, הצליח גם הוא לברוח. לאחר הרצח, ביום ה־17 ביאנואר 1945, בשעה 10 בבוקר עזבו הנאצים את חלמנו.

י. ל. ל.

די לעצטע שעהן

דער פעטער מיינער איז צו אינז אריינגעקימען אזייגער פינף אין דער פרי, אבלאסער דערשלאגענער, אין שטיל אזאג געטוהן: דאס שטעטעל איז ארומגערינגעלט. מיר האבן שוין געוואוסט וואס דאס הייסט, דאס איז אלעס, דאס הייסט? דאס הייסט האט ער איבערגעריסען אז אכט אזייגער מיז מען זיין אין דיא קערך, אין קיין אויסוועג איז נישטא.

שוין מיט עטליכע טעג צוריק האבען זיי געמאלדען אז דעם 24.4.42 מוזען זיך אלעביים לעבען איבער געבליבענע פארזאמלען אין דיא קערך. זיי האבען דאס געמאלדען מיט דיא הילף פין אפויק, אזוי ווי דאס וואלט געווען אפאראדנונג וועגען קערן דיא.גאסען אדער ציפען דיא גראזען פין צווישען דיא שטיינער פאר סקלאדקובסקיס צייטען. שוין פאר דיא באשטימטע שעה האבן זיך יידען שוין אנגעהויבען פארזאמלען, אזוי ווי זיי וואלטען געזאגט שוין איינמאל אענדע.

עס זענען געגאנגען דיא רעשטלעך פין דיא משפחות אזוי וויא אויף דיא אייגענע לוויה. עס האבען זיך געוויזען מאמעס מיט פיצלעך קינדער אויף דיא הענט, אין אויך קליינע קינדער וואס האלטען זיך ביים קלייד פין דער מאמע. אלטע פרויען, אלטע מענער, קראנקע וואס מען האלט אינטער דיא ארומס, קיין איין גאנצע משפחה. ביי יעדען האט אימיצער געפעלט. ארויסגעפירט אויף ארבייט אין לאגערן, פארפייניגטע צום טויט, אויפן ארט ערמארדעטע. האבען זיך געשלעפט דיא רעשטלעך פין דיא יידישע משפחות. פארמאטערטע, פארהינ־גערטע, צישלאגענע, אינגע מענשען איז געווען געציילטע צווישען מענער. דיא פאליאקען האבען דאס מאל שוין נישט געלאכט, און נישט געטאדעלט. אויך פין זיי זענען שוין געווען פארשיקטע. כאטש אויסגעפינען, אויסגעבען, אין אויסכאפען באהאלטענע האבען זיי געהאלפען זעהר אקטיב. עפעס אמין חיה׳ס זענען מיר געווען יודע געריפענע. אויף דיא חיה׳ס האט מען געמעגט פאליוועץ אהן אשטראף, יעדע צייט, אין אפילו אפרס האט מען פאר דעם געגעבען. אין דאס איז אויך פאר אגבורה אנערקענט. בשעת די תלינישע מעשים האבען זיך דיא נאציס פוטוס אין פילמען געמאכט אין צי דיא עלטערן אין דיא ליבהאבערינס אין זייער היימאט געשיקט.

אין ווען אלע האבען זיך שוין אליין פארזאמעלט, האבען זיי נאך אין דיא שטיבען געזיכט.אבער ווי זיך צי באהאלטען איז כמעט נישט געווען. יא צוויי פאלען זענען געווען פין נישט צישטעלען זיך, איינער שמואל אבא אבראמאביטש וועלעכער האַט זיך אויסבאַהאַלטען ביים קריסטליכען שיסטער אוסטרושקא וואַס האט אים דעם זעלבען טאג אויסגעגעבען אין דיא הענט פין דעם ס.א. מאן הענקעל, (אַארטיגער היטלעריסט אין קרימינעלער פאַרברעכער) וועלכער האַט אים בארויבט פין אלעם וואס ער האט געהאט ביי זיך אין דערנאך אליין איהם דערשאסען. דער צווייטער איז געווען מנחם ראבסקי וועלכער האט זיך באהאלטען

אין יאקובאווער וואלד, אין דארט ערמארדעט געווארען דורך דעם ארטיגען היטלעריסט פרידריך הענעבאוער.

אין דיא קירך זענען דיא פארזאמעלטע געהיטען געווארען דורך דיא ס.ס. לייט. יעדער פין דיא פארזאמעלטע האט מיט זיך עפעס מיטגעברענגט, עפעס אקליין פעקעל, אביסעל עסען, אפלאש וואסער, אביסעל וועש. אנדערע אויך עפעס פין צירינג, אזייגערל, מענשען האבען גערעכנט אין געהאפט אויף עפעס אנס, איבערקויפען, אמענשליכען פינק פין רחמנות ביי דיא הענקער, אבער אזא מין נס איז נישט געשעהן, זיי האבען ציגענימען אלע פעקלעך פין דיא מענשען. די אַלטיטשקע פרוי חוה ווײדען האָט מיט זיך מיטגעברענגט אקליין קיישעל מיט אביסעל עסען אין אויך אפלאש וואסער פאר איר נאָך עלטערן מאן מרדכי בער, קען זיין אז זיא האט דארט געהאט באהאלטען אויך



דאָס בילד איז געווען אין באזיץ ביי אדייטשען זעלנער, וועלכער איז געוואָרען גענומען אין געפאנגעשאַפט דורך אונזער חבר יצחק לעווין

דאס אריבער פיפציג יעריגע קדושין רינגעל אין זיא האט פשוט נישט געקענט דאס גאנצע פארמעגען ארויסלאזען פין אירע הענט, אין דער ס.ס. מאן האט זיך מיט דער אלטיטשקער געריסען ביז ער האט איר געזאגט דיא דארפסט שוין גארנישט, אין אויך קיינער פין אייך דארף שוין גארנישט. עס זענען שוין דיא לעצטע שעהן אייערע.

דיא דייטשען האבען זיי געשלאגען, געשטיפט אין געשלאגען, דיא שטייסט נישט גיט, אין דיא זיצט נישט גיט. זיי האבען געזיכט סיבות ארויסצולאדענען דיא אכזריותדיגע געוואוינשאפט זייערע, דיא ווילדע אינסטינקטען.

עס זענען געווען בערך 600 יידען צו דעם לעצטען וועג.

עס האט זיך ציזאמען געקליבען אהיפשער בערגעל מיט פעקלעך, אין

דיא מערדערישע אויגען האבען מיט אפרייד אויף דעם געקיקט, אין געשלאגען האבען זיי שטארק אויך מיט פארגעניגען, זיי האבען געשלאגען מיט שטעקענעס, מיט פאליצייאישע פאלקעס, מיט בייטשען, מיט די פיס, מיט דיא בלויזע הענט, זיי האבען געשלאגען אסך, מיט פארגניגען מיט געלעכטער, צי דער זעט. אבער קיינער האט נישט געוויינט, קיינער האט נישט געשריגען, אפילו קינדער. אפילו אקרעכץ אזא מין יידישען נישט ווייטיגליכען קרעכץ האט זיך נישט געהערט. יא עפעס האט זיך יא געהערט אמין שעפטשען. דאס האבען מענער געזאגט ווידוי.

עמעצער אין אווינקעל האט עפעס ארופ געלאזט אויף דעם צעמענטענעם דיל אין מיט דעם פיס ציקוועטש, איינער פין דיא מערדער האט עס דערהערט. ער האט זיך אנגעצינדען אין צישלאגען דעם מאן, דערביי האט ער זיך מיט גרויס צארן געווינדערט. אזא זאך צעברעכט מען, אזייגער ברענגט מען צי נישט. אין ער האט זיך נישט געקאנט בארואיגען.

אין דיא יידען האבען שטיל תפילה געטוהן צים רבונו של עולם. שטיל אהן אקול. מיט דיא בלויסע ליפען. אסך האבען מיט דיא ליפען אויך נישט גערירט נאר דיא טריקענע אויגען געהויבען צים הימעל אין אזוי געשטאנען.

ניין. היינט האבן נישט געהיטען, אחוץ זיי איז קיין לעבעדיק באשעפעניש נישט געוועזן באשעפטיגט ביים היטן.

ארום צוועלף אזייגער זענען אנגעקימען גרויסע לאסט מאשינען באדעקטע מיט שווארצען ברעזענט. מיט געשרייען אין געשלעג זענען דאס רעשטעל פין פשייטשער יידען ארינגעיאגט געווארען אין דיא מאשינען, דעמאלס איז אויס־געבראכען אגעוויין, אהויכער נישט געהאמעוועטער געוויין. דאס איז געוועזן אַשרעקלעכער געוויין, איך האָב נאָך קיינמאָל אַזאַ געוויין נישט געהערט נישט פריער אין נישט שפעטער. דאס ערגסטע איז אז קיינער איז נישט אימשטאנד דיא שרעקליכע געשעעניש צי באשרייבען.

איך ווייס נישט וואס פארא מאשינען דאס זענען געוועזן, איך ווייס אויך נישט וויפיעל מאשינען עס זענען געוועזן, מעגליך אז דאס זענען געוועזן דיא גאז קאמערין אויף רעדער. איך קען גארנישט מער זאגען, זיי זענען דאך געוועזן באַדעקט מיט שווארצען ברעזענט.

אבער פין דיא מענשען האב איך קיינעם אין קיינמאל נישט מער געזעהן.

אבער יא. יא. דאַרט זענען געוועזן אינזערע מאמעס, אינזערע טאטעס, ברידער אין שוועסטער, דארט האט מען מיין הארץ דערמארדעט.

דארט איז געוועזן מיין וועלט, מיין יוגנט, מיין עלטער. אלעס. אלעס!!!

באשריבען לויט דיא ערציילונג פין סאלא (גאלדמאן) מנדלינגר

סלה מנדלינגר (גולדמן)

חסול יהודי פשדץ

במכתבי זה הנני רוצה לכתוב בקצור מה שעבר עלי בימי שלטון הנאצים בשנות השואה וכן ההתרחשויות והמאורעות שהתרחשו בעיר מולדתי פשדץ.

בכדי להיות אוביקטיבית עלי להודות שאני לא הרגשתי אנטישמיות בעיירתנו עד לכניסת הנאצים הגרמנים, בתקופה זו כשהתחילו ההפצצות — אצלנו עוד היה שקט לגמרי, לא היתה בהלה ולא היו בורחים מן העיר, אלפי פליטים שברחו מהעיירות שבסביבה מצאו אצלנו מקלט, וכל אחד מאתנו ראה את חובתו להכניס לביתו איזה שהיא משפחת פליטים, ולעזור להם כמיטב יכולתו, כי אף אחד לא ידע מה מחכה לו ומה יביא לו המחר אז היה כבר התחלת ימי הרעב, הרדיפות והבריחות, הגיעונו שמועות שהגרמנים מתקרבים אלינו, הפליטים שהציפו את העיירה מקודם עזבו את העיר, רצו מבלי לדעת לאן, ונפלו ישר לידי הגרמנים, אף אחד מאתנו לא תיאר לעצמו סדיזם כזה מהגרמנים. כפי שהרגשנו את זאת על עצמנו ובשרנו. בשנת 1941 עצרו הגרמנים מאה בנות יהודיות, אספו אותן לתוך הכנסיה הנוצרית ומשם שלחו אותן לעבודות כפיה, הקבוצה הזאת של מאה הבנות היתה מחולקת לשלש קבוצות שוות, ושלוחות לשלשה מקומות שונים, אותי בתוך קבוצה של שלשים וחמש בנות, העבירו לחוה בסביבות העיר אינוברוצלאב, עבדנו שם מעלות השחר עד שקיעת החמה, אז קבלנו עוד מכתבים וחבילות מהבית, כעבור זמן מה העבירו אותנו למחנה לויאבו שם היו לנו עבודות שונות קשות עבורנו, אבל באותו המחנה לא הרגשנו רדיפות או נגישות, מפני שהשומרים היו פולנים, גם מנהל המחנה היה פולני. ביום מסוים, נגשנו שלש בנות ובקשנו מהמנהל רשיון לבקר בבית, מובן מאליו שלא בנקל קבלנו את זאת, מאחר וזאת היתה אחריות מצדו, אבל הוא בתור אדם הרשה לנו לנסוע, הגענו הביתה מצאנו בעיר מעט מאוד אנשים צעירים ומצב רוח נורא ואיום, אחרי שלשה ימים עזבנו את משפחותינו בלב כבד ודואב, חזרנו למחנה, כעבור זמן מה שחררו מהמחנה כמה בנות מסיבת פצעים, אסתר ורבציה פרנקל, יטקה גולדמן ולוניה זיעלינסקא עבורן זה היה אושר גדול לנסוע הביתה, ואנחנו קנאנו בהן, אך לבסוף זה היה אסון, ביום מסוים קבלתי מכתב מאמא, מאחותי ומאחי, שהם רוצים מאוד לראות אותי, כמובן שלא חכיתי הרבה, הלכתי עצבנית ועם בכי אל המנהל, והתחננתי לפניו שיתן לי הרשאה לנסוע הביתה, הוא לא חשב הרבה והסביר לי שהמצב מאוד מתוח וגרוע מאד עבור היהודים, כל יום הוא מחכה לבקור מה־ס. ס. הנאצים במחנה לבדוק אם אסירי המחנה ישנם ולא חסר מישהו, וכמובן שאינו יכול להרשות לי לנסוע הביתה, אבל הוא יכול לתת לי עצה, אם יש לי אחות בבית שהיא תבוא להחליף אותי, ואני אוכל אז לנסוע הביתה, כתבתי מיד הביתה להצעה זו, כעבור כמה ימים הגיעה אחותי רוניה למחנה, ואני נפרדתי מכולן, מי יודע — אולי זה בפעם האחרונה שאני רואה אותן ? ונסעתי הביתה, אין בכחי לתאר את השמחה בבית כשראו אותי, אך לדאבוני הרב מצאתי את כל היהודים מרוכזים יחד בשוק הישן ובמתח נורא. — אך עבורי שיכולתי להגיע הביתה היה זה אושר ומזל גדול, אבל לצערי הרב

האושר הזה לא נמשך זמן רב, אחרי חמשה שבועות שהייתי בבית בא פולני אחד משומרי המחנה ששמר אותנו בעבודה במחנה לויאבו, ובידו רשיון נסיעה עבורי ועבור הבנות ששחררו בזמנו מהמחנה, הוא מספר לנו שמוציאים את כל היהודים מהעיירות הסמוכות ומעבירים אותם למחנה מות והוא בא לקחת אותנו אתו למחנה, בשבילי היה לו רשיון אישי, הוא בא אלי בערב ואמר לי סלקה התכונני, מחר בבקר אנו נוסעים, אבל את הרשיון שלי לא רצה למסור לי ביד, רק אמר לי היכן הוא לו, ובבקר השכם אנו יוצאים לדרך.



הגב׳ מרים סוחצ׳בסקי, אברהם גולדמן, אשתו טריינה ובנם העניער, ז״ל ובתם רוניה תבדל״א המתגוררת בארצות-הברית.

בשעה 4 לפנות בוקר בא דודי גולדמן יחיאל יוסף אלינו ואמר: „אתם יודעים מה, כל העיירה מוקפת מסביב עם שוטרים ואנשי ס. ס. ולוקחים את כל היהודים לכנסיה הנוצרית״, אמא שלי בקשה ממני שארוץ לקבל את הרשיון שלי, ולנסוע בחזרה למחנה, אני יוצאת מהבית ואומרת שתיכף אשוב עם הרשיון, אבל חזרתי הביתה באפיסת כוחות, אך לצערי הרב לא מצאתי כבר אף אחד בבית. אני רצה בשדה, זה היה בשדה היכן גרה דאכה זיכלינסקי, בשדה היה בית שימוש, נכנסתי שם ופגשתי שיושבות שם כבר רגינה סקוברונסקי ויטקה גולדמן, עשינו תכנית שנברח בלילה למחנה, לאן שהיה לי רשיון לנסוע, לא עבר זמן רב, הגיע הנוצרי נובקובסקי פייקה, פותח את הדלת ואומר: „אה! זה אתן יהודוניות, שבנה כאן אולי ה׳ יציל אותכן״ אבל דבורו היה שקר ורמיה, הלך ושלח אנשי גסטפו, והם לקחו אותנו לכנסיה, איפה שכל היהודים נמצאו כבר שם. כאן שוב פגשתי את אמי, ואת אחי, אמא אמרה לי „תגשי לשוטרים ותראי להם את רשיונך, אולי הם ישחררו אותך״, אני לא רציתי לשמוע מזה כי פחדתי מהם. בכנסיה היו

כחמשים שוטרים מזויינים ששמרו, רצו והיכו, ופחדתי לגשת אליהם. אך אמא עמדה על דעתה, ועודדה אותי „תגשי כבר", לבסוף קבלתי את הצעתה, כי ידעתי שלא יצא מזה כלום, מדוע הם צריכים לעשות דבר כזה ולשחרר יהודיה אחת? כי זה היה יכול להיות לגביהם אפס גדול.

נגשתי לשוטר אחד והראיתי לו את רשיוני ואמרתי לו: הגעתי ממחנה עבודה וברצוני לחזור ולעבוד שם. הוא אמר לי, תגשי לשני והוא יסדר לך את זה, הלכתי לשני והוא אמר לי שצריך ללכת למושל העיר ולהתיעץ אתו, הוא הלך וזמן רב לא חזר. אחרי זמן מה הגיע שוטר ומושל העיר מולנבך. ושואל: מי היא זאת גולדמן? אני יוצאת ואומרת זאת אני, והוא אמר לי „את נוסעת בחזרה למחנה". אני מדגישה באמונה שזה היה עבורי אסון גדול ולא מזל, לעזוב את אמי ואחי שידעתי שהם נוסעים למות, אך אמא עודדה אותי ואמרה לי „את עוד צעירה אולי תבלי אותם".

לבי נעשה כאבן, בקשתי את השוטרים שאני רוצה להשאר עם אמי עד הרגע האחרון, והם הרשו לי זאת, מכוניות הגיעו וצוו לכלם לצאת לפני הכנסיה בחוץ, חסרים לי המלים לתאר איך זה היה נראה ברגע האיום הזה, פשוט דם נשפך כמים, תמונה זאת לא אשכח אף פעם בחיי.

אחרי כל זה עברתי אני יהודיה יחידה דרך העיר, כמובן עם רשיון ממושל העיר מילנבך. כולם בעיר פנו אלי, „את לא מפחדת ללכת פה? הן הם יהרגו אותך". ניגש אלי הנאצי הפאלקס־דויטש — הנקל ושואל אותי „מה את עושה פה העלמה גולדמן? בואי למשטרה". אני מראה לו את הרשיון ומספרת לו, והוא אמר „זה באמת מזל, מאחר ואיזה חשיבות לגבינו יהודיה אחת! אבל תסעי לאן שאת רוצה. אחרי כל האסון הנורא הזה שעבר עלי ואחרי כל החוויות והנסיונות האיומים הגעתי בחזרה למחנה, וספרתי את הכל מה שקרה ומה שעבר עלי ומה שידעתי, אפשר לתאר לעצמנו מה שנעשה שם מאחר וכל אחד היה לו מישהו בעיר שהתייתם ממנו ושיכל אותו. וכך חיינו ועבדנו בעבודת פרך ימים ולילות, שבועות, חדשים ושנים, במחנות שונים, אני ואחותי, ושוחררנו בברגן בלזן שבגרמניה ביום 15 באפריל בשנת 1945.

לוי שווייצר

מיינע זכרונות פון יענע צייטן

דורך מיין זכרון שווימען אדורך בילדער וועלכע איך קען נישט פארגעסען און זיי טוען מיר אן ווייטיק. ווי אזוי קען דיא קולטור אזוי נידריג פאלען.

דער לעצטער זומער 1939 (כלומרשט אנארמאל לעבען מיט גרויסע נערוועז אנשטרענגונגען) אבער דאך לאזט דער געדאנק נישט רוהען צוליעב די געשאפענע לאגע. יעדען פאר נאכט נאך דעם הייסען זומער טאג קלייבען זיך מענשען צוזאמען ביי די הייזער ווי עס געפינט זיך אראדיא הילכער צו הערען די אוועגט נייעס פין פוילישן ראדיא.

נאך דעם ענטוויקעלט זיך אדיסקוסיע. אגרויסער טייל מענשען גלויבען נישט אז עס וועט קימען צו אמלחמה אין אזוי דערנענטערט עס זיך ביז דעם חודש אוגוסט. היטלר דייטשלאנד מאכט די לעצטע פארברייטונגען איבערצופאלען פוילען. פוילען מאביליזירט, אין דאס מיידט אויך נישט אויס אינזער שטעטעל פשייטש. אחוץ די פיעל יודישע יוגענט וואס דינט דאן אין רעגולערען מיליטער דינסט ווערען נאך פיעל פשייטשער יידען מאבילעזירט. פיעל פין דיא געריפענע זענען פערהייראט, פאטערס פין קליינע קינדער, אלע ווערען באגלייט דורך די פאמיליעס און פריינט ביז צום שטאט ראט בנין ווי עס שטייען שוין אויטאס צום אוועקפירען זיי, מען געזעגנעט זיך, און מיט פיעל פין זיי האט מען זיך שוין קיינמאל מער נישט געזעהן. און פין דעמאלס הויבען זיך אן די אומרוהיגע טעג און נעכט, ווי דאס לעבען האט אנגעהויבען צושטערט צו ווערען. די לעצטע צייטונגען וואס קימען נאך אן ברענגען ידיעות געדריקט מיט גרויסע אותיות „אייראפע מאביליזירט". אין דעם פרימארגען דעם 1 ספטמבר הערט מען סימנים פין פוילישען ראדיא ווי עס ווערט געזאגט פשעשעדל — נאדחאדזי. ער איז אריבער, ער קומט אן. דאס איז געווען דער אנזוג אז דייטשע עראפלאנען באמבארדירען שוין פוילישע שטעדט. פשייטש געפינט זיך אין קרייז צווישען די שטעדט וולאצלאוועק, קוטנו, קולו, און האט קיין מיליטערישע אדער אינדוסט־ריעלע אביעקטען, ווערט דאס שטעטעל דורך די דייטשען נישט באמבארדירט, און קיין מיליטערישע קאמפען קימען ביי פשדץ נישט פאר. איז טאקע אין די ערשטע טעג פין די מלחמה קימען אן יידען פין אנדערע שטעט ווי קולו, קאליש, טורעק א.א. וואס אנטלויפען צוליעב די באמבאדירונגען פין זייערע שטעדט, און אלעס מורא פאר די אנקומענדיגע היטלעריסטען.

דיא יידען ווערען דורך אינז ברודערלעך אויפגענימען, דיא מערהייט שטיבען זענען איבערפולט און אויך דיא פאדערהייזער. צווישען די געקימענע יידען זענען געווען אזעלכע וואס האבען אויך אין דער צייט פין דער ערשטער וועלט מלחמה געלעבט אין פשייטש, און דערציילען וועגען די ווארימע באציאונג פין פשייטשער יידען אויך אין יענער צייט.

נאר ליידער האט די מלחמה געהאט א אנדערן כאראקטער, היטלער דייטשלאנד האט געפירט אפארניכטונגס מלחמה געגען יידען אויף יעדען ארט.

די נעכט זענען פינסטערע, דער עלעקטרישער שטראם וואס איז געווען פארבינדען צו דער עלעקטרישער סטאציע פון וולוצלאוועק איז איבערגעריסען געווארען נאך אדייטשע באמבאדירונג.

דיא לאגע פארערגערט זיך מיט יעדען טאג. מען הייבט אן לעבען מיט פחד זעענדיג ווי דאס פוילישע מיליטער ציט זיך צוריק פון די פראנטען, פון פאמערן און פויזנער געגענט, מארשירען פארביי פשדץ באלד אין דיא ערשטע טעג פון דיא מלחמה, אטייל פון דעם אבטרעטענדיגען פוילישען מיליטער זענען אויך אנטיסעמיטען, זיי וואונדערען זיך וואס זיי זעהען דא אזוי פיעל יידען, און מיידען אויס יידישע געשעפטען, און לאזען אויך הערן פארשידענע דראהונגען, און דאס אין אצייט ווען זיי מיזען אנטלויפען ווייל די היטלעריסטישע ארמיי יאגט זיי נאך, דאס מאכט אשווערען איינדרוק אויף די יידען, פון איין זייט דער פחד פאר די דראאונגען פון פוילישען אנטלויפענדיגען מיליטער, וואס ריקט זיך צוריק פון פראנט, פון דער צווייטער זייט דער פחד פאר דעם אנקימענדיגען היטלעריסטישען מיליטער וואס ריקט זיך פאראויס אין אשנעלען טעמפו צו אינזערע געגענט.

אין צווישענציין הערשט א אומארדנונג, די העכערע פוילישע בעאמטע מיט די פאליצייי בראש פארלאזען דאס שטעטעל, די מאכט נעמט איבער צייטווייליג א פוילישע מיליץ וואס באשטייט פון געוועזענע קעמפער פון דער ערשטער וועלט מלחמה און האבען אנגעהערט צו די הערשענדיגע פארטיי פון פאר מלחמה׳דיגען פוילען. אין דערווייל ריקען זיך די היטלעריסטען פאראויס, און מיט יעדען טאג ווערען וואס מער שטעדט ארים פשדץ דורך זיי פארנומען. גרויסע קאמפען קימען פאר ביי די שטעדט קוטנו, גוסטינין, לויביץ. די אויפ־האלטענדיגע זיך אין פשייטש יידישע פליטים הייבען אן דאס שטעטעל צו פארלאזען. פיעל פון די יידען אהיימקערענדיג דערוויסען זיך אז זייערע שטיבען און געשעפטען זיינען בארובט געווארען. אין גרויס פאניק קערען זיך כמעט אלע יידען צו זייערע וואוין ערטער צוריק.

יעדען טאג ווערט די לאגע ערגער. וולאצלאוועק ווערט דורך דעם דייטשען מיליטער פארנומען. און זיי ציען ווייטער אין דער ריכטונג צו פשדץ.

אין מיטן חודש ספטמבר 1939, דער צווייטער טאג ראש השנה, פון די פריהמארגען שעהן ריכט מען זיך דאס די היטלעריסטען וועלען הייגט אנקומען. אין ליידען און פיין אויף פשייטשער יידען ברענגען, דער טאג איז ארעגענדיגער און וויינט מיט מיט דעם גורל וואס ערווארט די יידען אונטער דעם בארבארישע הערשאפט. יידען האלטען אין מיטן דאוונען, אין די בתי תפילה דערטראגט זיך די נייעס, אז מען זעט שוין אין די פארשטאט אדייטשען פאטראל. שטארק דערשיטערט פון די אנקימענדיגע ידיעה ווערט דאס דאוונען איבערגעריסען, און מיט האלב צונויפגעלייגטע טליתים אין די הענט לויפט יעדער צו זיין משפחה אהיים. באלד דערוויסט מען זיך אין אלע טיילען שטאדט אז די היטלעריסטען געפינען זיך שוין ביים הויז פון משה ראוד אויף די חאדעטשער גאס, דער דייטשער פאסטור גייט זיי באגריסען. די היטלעריסטען באפעלען באלד עס זאל קימען צו זיי דער רב פון שטעטעל הרב זעמעלמן, און אויך דער קריסטליכער

גייסטליכער פין שטאדט מיט'ן נאמען גייזלער. זיי בײדע װערען געװארענט געגען יעדען װידערשטאנד פין דער באפעלקערונג געגען זיי.

מיט זייער ארײנמארש אין שטעטעל האבען זיי אנגעהויבען זיכען געװער אין די שטיבען, אויך גלײכצײטיג ארויפגעצויגען די האקענקרייץ פאן אויפן שפיץ דאך פין שטאט ראט בנין.

פין דעם טאג האט זיך די היטלעריסטישע הערשאפט אנגעהויבען, מיט דעם די פיין און לײדען פאר די יידען פארגרעסערט, דער ניי אויפגעבויטער בנין פין די פייערלעשער װאס געפינט זיך אין מיטן פין נייען מארק װערט דורך זיי באזעצט. דערמיט איז די לאגע פין דעם טײל יידען װאס װאױנען אין דער געגענט אשווערע. זיי װערען די ערשטע דורך די היטלעריסטען פין די שטיבען צו פארשידענע ארבייט ארויסגעיאגט. פין די ערשטע יידען װאס די היטלעריסטען האבען צו די ארבייט פין די שטיבען ארויסגעשלעפט איז געװען דער רב הרב זעמעלמאן, און אויך אנדערע רײכע אנגעזעענע יידען עלטערע װאס האבען געװאױנט ארום דעם נייען מארק, כדי זיי צו דערנידריגען אין די אויגען פין דער נישט יידישער באפעלקערונג.

דאס איז געװען דער ציל פין נאציאנאל סאציאליסטישער דייטשען דריטען רייך.

איך קען נישט פארביי גיין, און װיל אויך דאס דערמאנען: װען די היטלעריסטען האבען געכאפט דעם רב צו שלעפען קלעצער האלץ, גייט צו דער יידישער בחור יעקב יאקובאװיטש און בעט די מיליטער לייט דאס ער װיל דיא ארבייט פאר דעם רב מאכען, און בעט זיי באפרייען דעם רב. זיי האלטעז דאס פאר אחוצפהדיגען טאט און דערפאר װערט יעקב יאקובאװיטש דורך זיי בלוטיג צעשלאגען. אזוי לעבט מען אין גרויס פחד. דאס שטעטעל איז קליין, און ביי די מיטהילף פין די קריסטען װערען די דייטשען װעגען די יידען אלעס געװואר. און זיי װיסען שוין יעדען טאג װעמען צו פארשידענע ארבייט אין די גאסען פין די שטיבען ארויסצושלעפען. די ארבייט װאס יידען זענען געצװינגען צו מאכען איז האקען האלץ, רייניגען די גאסען פין אנגעזאמעלטען מיסט און אויך ארויסרייסען מיט אלעפעל דאס אנגעװאקסענע גראז פין ארום די שטיינער ביים נייען מארק.

איך בין דאן אויך געכאפט געװארען מיט פיעל יידען מערסטענס עלטערע אויף די ארבייט. די היטלעריסטען פארגעסען אויך נישט דעם רב זעמעלמאן, זיי פאדערן ביי איהם ער זאל זיין פאראנטװארטליך פיר די אלע דאס קיינער װעט נישט אנטלויפען פין די אנגעװיזענע ארבייט.

שװער צו שילדערן װי דאס אלעס האט דאן אויסגעזעהן. אלעס אונז צו דערנידריגען און געװינען דיא סימפאטיע ביי די קריסטליכע באפעלקערונג װאס האט געהאסט די יידען, און געװיזען אז זיי זענען געקימען אויספירען דעם געמיינזאמען ציל און מיינען נאר די יידען. און דערמיט געװאלט אבװענדען דעם האס צו זיי פארװאס זיי האבען פערכאפט פוילען.

דאס כאפען יידען צו ארבייט װערט אטאג טעגליכע ערשיינונג. עס װערט כמעט נישט אויסגעמיטען קיין איין יידישע שטיב װאס די היטלעריסטען

זאלען עס נישט געפינען. דערצו זענען געווען אזעלכע איינגעאיבטע זעלנער וואס האבען זיך מיט יידען כאפעריי פארנומען. עס איז געוועזן אקליין וויקסיגער זעלנער וואס דיא יידען האבען איהם געריפען „אוגוסט”, ער איז געוועזן אשטענדיגער יידען כאפער. קליינע קינדער ווען זיי האבען איהם דערזעהן, האבען גערופען: טאטע באהאלט זיך, אוגוסט גייט דיך צו די ארבייט כאפען.

יעדער טאג ברענגט אויך פאר פשייטשער יידען נייע גזרות. די דייטשען פאראדנען דאס אלע געשעפטען מיזען זיין אפען. זיי גייען אריין אין יעדען יידישען געשעפט און באפעלען ארויסהענגען אצעטעל אין פענסטער „יידישעס געשעפט” און דערמיט אנגעהויבען איינפירען די נירענבערג אנטי יידישע געזעצען פין שטרייכער, רוזענבערג און געבעלס. דאס נאך דאן פארהאנדענע סחורה אין די יידישע געשעפטען מוז פארקויפט ווערען אהנע שום אויסזיכט פרישע צו באקימען. ביי לייזער זיכלינסקי וואס האט געהאט דאס גרעסטע קאלאניאל געשעפט אין שטעטעל ווערט אלעס אויספארקויפט, אויך דער נאפט, דאן מעלדעט זיך אקריסטליכע פרוי צום דייטשען קאמענדאנט אז מען וויל איר קיין נאפט נישט פארקויפען, דערפאר ווערט זיין זוהן בונים דורך זעלנער באוואכט מיט געווער איבער אלע גאסען פין שטאט געפירט מיט אגרויסען אויפשריפט אויף דער ברוסט און רוקען אין דיא פוילישע און דייטשע שפראך, דאס ער דער יידישער שווינדלער וויל די סחורה פאר פאליאקען נישט פארקויפען. און באלד מערען זיך נאך אזעלכע מסירות, אזוי דאס קיינער ווייסט נישט וואס דער מארגען דערווארט איהם.

געטראפען ווערט באלד דאס פרומע רעליגיעזע לעבען וואס יידען האבען ביז דאן געפירט, נאך דעם ווי די ערשטע יידען ווערען פין דיא היטלעריסטען געכאפט און זיי די בערד אבגעשוירען. אייניגע יידען וואס דארפען ארויסגיין פארשטעלען זייערע בערד. אזוי האט אויך פארבונדען זיין בארד מיט אקאלירט טיכעל ר׳ שמואל ימניק דער שוחט ווען ער גייט דורך באהאלטענע וועגען אין פריוואטע שטיבען שעכטען דיא כפרות ערב יום כפור, דאס אלעס איז פארבינדען מיט שרעק און פיין, יידען ווילען פין דעם רעליגיעזען פרומען ארט לעבען נישט אבטרעטען. טראץ דעם וואס אלע בתי תפילה זענען דורך דיא דייטשען פארמאכט און תפילה בציבור איז שטרענג פארבאטען, עס איז דער ערשטער יום כפור אינטער דער היטלעריסטישער הערשאפט, יידען שטעלען זיך איין און מיט מסירות נפש ארדנען זיי איין מנינים אין פריוואטע שטיבען. אין מיטן דאווענען געלינגט די דייטשען ווארשיינליך מיט דיא הילף פין דער ארטיגע קריסטליכע באפעלקערונג עטליכע מתפללים צו כאפען. זיי ווערען מיט דיא אנגעטוענע טליתים צו דער קאמאנדאטור געפירט און דארט באקימען זיי פאר דעם פארברעך גוט אנגעשלאגען.

אזוי ווערט דאס רעליגיעזע לעבען אינטערדריקט מיט כח. יידען מיזען ענדערען דעם אויסערליכען אויסזעהן, אויסטוהן די יידישע טראדיציאנעלע קליי־דונג וואס יידען פלעגען פיעל דורות טראגען.

דיא צייט איז דאן צווישען די ימים נוראים. די דייטשען וויסענדיג גענוי וועגען יעדען יידישען יום טוב באמיען זיך וואס מעהר ליידען און פיין אין די טעג פאר יידען צו ברענגען. די ערשטע טעג סוכות ווערט פארלאנגט פין פשייטשער

יידען אגעלט קאנטריבוציע אין הויך פון צוואנציג טויזענט פוילישע זלאטעס. דער פערלאנג אי אאולטימאטיווער, געווארענט מיט שווערע דראאונגען, אויב דאס געלט וועט דורך די יידען נישט באלייגט ווערען. דערשיטערט פון דעם היטלעריסטישען פערלאנג באמיען זיך יידען צו געפינען אוועג דעם באפעהל אבצוריפען. זיי בעטען ביי אפויליש דייטשען איינוואוינער געוועזענער לערער אין דער פאלקס שולע מיטן נאמען לארענץ וואס אויך ער קען נישט צוזעהען די היטלעריסטישע טאטען, הער לארענץ פארט מיט די יידישע פארשטעהער נאך וולאצלאוועק צו דעם לאנד־ראט, ה׳ לארענץ ווערץ פון דעם היטלעריסטישען לאנד־ראט געבעטען זיך אין זייערע געשעפטען נישט אריינצומישען, און נישט צו באצאהלען. שטארק פארצווייפעלטע אין אויס מורא פאר די דראונגען שטעלען צו באצאהלען. שטארק פארצווייפעלטע אין אויס מורא פאר די דרועגגען שטעלען יידען דאס געלט צו זאמען. אבער די פיין און לײדען הערען נישט אויף. די צווייטע טעג סוכות אין די נאכט פון שמיני עצרת מאכען די היטלעריסטען דעם גרויסען פאברעך. זיי צינדען אונטער די שול פון פשייטשער יידען. שווער צו שילדערען דעם דערשיטערנדיגען איינדרוק וואס דאס האט געמאכט אויף אלע יידען אין שטאט. צומארגענס זענען אלע יידען אין שטעטעל פון קליין ביז גרויס איינגעהילט אין טרויער, און צעווייטיגט איז יעדעס אידישע הארץ. אסרו חג גייט דער רב באגלייט מיט זיינס אזוהן אהין צום פלאץ ווי עס געפילט זיך נאד ברענענדיגע קוילען פון דער פארברענטער שיל. די שיל וואס האט איינגעזאפט אין זיך די תפלות פון עטליכע דורות אידען. דער רב איז די שיל מספיד. ווען פשייטשער קהילה איז נאך איינגעהעלט אין טרויער נאך דער פארברענטע שיל באפעלט דער מיליטערישער קאמאנדאנט נאך די פארשטעהער פון דער קהילה אין נאך עטליכע אנגעזעהענע רעליגיעזע אידען זיי זאלען צו איהם קימעז, און אויף א אבלאכענדיגען אופן זאגט ער: איך האב דא אזעלכע גוטע סאלדאטען און יידען פארברענען אליין די שול. מיט זיינע ווערטער וויל ער נאך מער דערשלאגען די שוין גענוג צעווייטיגטע הערצער. און זיי זענען געצווינגען דורך איהם אונטערצושרייבען אז יידען האבען אליין פארברענט די שיל... עס איז נישטא קיין איין רואיגער טאג אין קיין נאכט.

עס איז שוין סוף חודש אוקטובר 1939, עס הייבט שוין אן צו ווערען קאלט, די טעג רעגענדיגע, אין איינע אזא נאכט צעלאזען זיך די היטלעריסטישע זעלנער איבער דעם גאנצען שטעטעל, רייסען זיך אריין אין יידישע וואוינונגען און שלעפען ארויס אלע יידישע מענער פון די בעטען נישט שויענדיג דאביי עלטערע אדער שוואכע. אלע ווערען צוזאמענגעקליבען דורך די באוואפענטע זעלנער און צו דער נישט באוואינטע פארשטאט צוגעטריבען, ווי מען האט עס געריפען ביי די סטאדאלעס, דארט ווי די וועגען זענען נישט ברוקירט, נאר זומפיק פון דעם נאסען רעגען וועטער. אויף דעם ארט הייבען די נאציס אן מיט די יידען זייערע סאדיסטישע שטיק צו פראווען. באגלייט מיט קלעפ און דרועגדיג דערשאסען צו ווערען, צווינגען זיי די יידען זייערע פארשידענע באפעלען אויסצופירען. ארופלייגען זיך צום זומפיקען באדען, וואלגערען זיך אויף די ערד און נאך ענליכע סאדיסטישע איבונגען. נאך נישט גענוג דערזעטיגט

פון דעם פייניגען ווערען דיא יידען צו דער וואסער פלומפ געטריבען ווי זיי ווערען דורך די זעלנער מיט דעם קאלטען וואסער אבגעגאסען, און אזוי גייען די יידען אהיים מיט נאסע קליידונג אין אויסגעשמירטע פון דיא בלאטעס דערפייניגטע און צעשלוגענע. אין די שפעטערע נאכמיטאג שעהן פון זעלבען טאג ברענגען די היטלעריסטען אויף א פוילישען וואגען צוויי פאליאקען דורך זיי דערשאסענע פון דעם דארף ברונישאווא. זיי כאפען דאן ווידער יידען וואס ווערען געצווינגען די מתים צו ברענגען אין זאל פון דער פייערלעשער געביידע. דערמיט האט דאס היטלעריסטע מיליטער דעם טאג פיינונגען פארענדיגט. נאך עטליכע טעג האבען זיי דאס שטעטעל פארלאזט. אויף זייער ארט קימען מיליטערישע זשאנדארען ווי זיי הערשען צייטווייליג, ביז עס קימט אקאמיסאר מיט א אדיוטאנט געשיקט פון דעם אזוי גערופענעם דריטען רייך. זיי נעמען איבער די ארטיגע מאכט און הייבען גלייך אן דורך פארשידענע מיטלען דאס נאך עגזיסטירענדיגע יידישע לעבען צו ליקווידירען, די זשאנדארען פירען ווייטער יידען צו ארבייט אין דארף קאטארזינא, ווי זיי האבען דעם גוטבאזיצער פארנומען, און האבען דארט גענומען פארוואלטען. און אזוי יוערען יידען אין געשלאסענע רייען יעדען טאג צו דער ארבייט געפירט. דער נייער קאמיסאר באפעלט עס זאל צו איהם קימען דער פרעזעס פון די יידישע קהילה דוד זיכלינסקי ווי ער פערארדענט איהם יידען פארשטייער צו זיין. אין אלע אנטי יידישע באפעלען זאלען דורך איהם צו די יידען אין פשייטש באקאנט ווערען.

אביסעל לייכטער ווערט דערמיט דאס די יידען ווערען מער נישט געכאפט צו ארבייט. נאר די צאל יידען צו די ארבייט ווערט דורכן יידן פארשטייער אליין צוגעשטעלט.

דוד זיכלינסקי קאפטירט צו צו זיך נאך עטליכע יידען וואס זאלען איהם העלפען דאביי. דאמיט ווערט דאס אזוי רעגולירט אז עלטערע און שוואכע יידען ווערען מער צו צוואנגס ארבייט נישט גענימען. אבער דער קאמיסאר מיט זיינע היטלעריסטישע מיטהעלפער און אויך ארטיגע אזוי גערופענע פאלקס דייטשין וואס שטייען צו צו דער היטלעריסטישער פארטיי הייבען אן אויף אסיסטעמאטישען אופן דאס איינגעארדנעטע ארט לעבען פון יידען אין שטעטעל אונטעצוברענגען. זיי הייבען גלייך אן צו צונעמען וואוינונגען ביי יידען, אין געציילטע שעהן מיזען יידען זייערע וואוינונגען פארלאזען, אבער דאס מעבעל און בעטגעצייג און אנדערע ווערט זאכען מוזען די יידען פאר די דייטשען צושטעלען. דעם קומיסארס ערשטער פערלאנג איז ווידער אגעלט קאנטריבוציע פון פערציג טויזנט זלאטעס, און דאס ווערט מיט דראאונגען פערלאנגט. אבער די יידען קאנען מער דאס געלט נישט שאפען. אזוי צעלאזען זיך די היטלעריסטען איבערן שטעטעל, גייען פון געשעפט צו געשעפט און די לעצטע ביסלעך סחורה צוגענומען, פון דעם טאג אן איז דער יידישער האנדעל ליקווידירט, און די געשעפטען זיינען אויף אייביג פארמאכט געווארען.

די היטלעריסטען שטעלען די יידען אויסער יעדען געזעץ, יעדען טאג ווערען אנטי יידישע גזרות ארויסגעגעבען, ווי דאס מיזען אנטוען די געלע לאטע

אויף די פלייצעס פון די קליידער. עס ווערט אויך פארבאטען פאר יידען צו גיין אויפן טראטואר נאר אין מיטן גאס.

אנהויבענדיג צו לעבען אינטער די מיטלאלטערליכע באדינגונגען מאכט אויף יעדען א שרעקליכען איינדרוק און עס הייבען אן אטייל פון דער יידישער יוגענט דורך פארשידענע וועגען צו אנטלויפען צו מזרח ווי עס געפינט זיך דאן די דייטש רוסישע גרעניץ און עס געלונגט זיי נאך ראטן פארבאנד אנצוקימען, ווי זיי האבען זיך שפעטער אנגעשלאסען אין דער רוסישער ארמיי, אדער צו דער פוילישער געשאפענע ארמיי און הערויאיש געגען די היטלעריסטען געקעמפט.

ליידער האט דאס די מעהרהייט נישט געמאכט צוליעב פארשידענע סיבות.

פשייטש און די ארומיגע געגענט איז דורך די היטלעריסטען אנגעשלאסען געווארען צום דייטשען דריטען רייך. זיי טרייבען ארויס פון די געגענט יידען און אויך פאליאקען צו דעם נישט אנגעשלאסענעם טייל פון אוקופירטען פוילען וואס ריפט זיך פראטעקטוראט וואס ציט זיך פון לוביץ ביי קוטנו ביז לובלינער געגענט. עס הערט זיך באלד דאס די היטלעריסטען האבען צוזאמענגענימען אלע יידען פון דערבייאיגען שטעטעל לוביען, און דאס ערשטע אין אונזער געגענט יידען ריין געמאכט. זיי אלע זענען דורך די היטלעריסטען צו לובלינער געגענט פארשיקט געווארען. הערענדיג די טרויעריגע נייעס בלייבען אלע אין ווילען זיין מיט זייערע פאמיליעס צוזאמען אין פאל ווען דאס וועט אויך מיט פשייטשער יידען פאסירען.

אזוי לעבט מען אין אומרו און קיינער ווייסט נישט וואס ער האט צו טוהן. עס פערגייט דערווייל די צייט און אלע בלייבען צוזאמען אונטער די היטלעריס־טישע הערשאפט. קיינער קאן מער ווייטער נישט אוועקפאהרען און אלע יידען טרעפט דער זעלבער גורל. עס ווערט געביטען דער נאמען פון שטעטעל אויפן דייטשען נאמען „מוסבורג", דער קאמיסאר זאגט דאן צו אז אין פשייטש וועלען אלע יידען בלייבען און נישט פארשיקט ווערען. אבער ער באפעלט ווידער דעם יידען עלטעסטען עס זאלען יעדען טאגע די פארלאנגטע צאל ארבייטער צוגעשטעלט ווערען. די יידישע צוואנגס ארבייטער זענען געווארען געהיטען דורך ארטיגע פאלקס דויטשען באוואפענטע מיט געוועהר און שטעקענס. זיי פירען אן די ארבייט. עס איז געווען אסך פאלען וואס יידען זענען דורך זיי ביי די ארבייט געשלאגען געווארען ביז בליט.

דער געצווינגענער יידען עלטסטער מיט זיינע מיטהעלפער שיקען צו ארבייט גלייכמעסיג און אויף ארעגולירטען אופן, עס איז אויך געווארען ארגאניזירט אז וועמעס ריי עס איז געקימען צו ארבייט און האט זיך געוואלט באפרייען ווייל ער האט געהאט אמעגליכקייט עפעס צו פערדינען אויף פרנסה האט איינ־געצאלט אסומע געלט און א צווייטער וואס האט זיך גענויטיגט אין די עטליכע זלאטעס איז אויף זיין פלאץ געגאנגען צו דער ארבייט.

דער יידען פארשטייער ווערט אפט צו דעם קאמנדאנט געריפען, און אדערשראקענער מיז ער זיך צו איהם מעלדען, ווי ער קימט צוריך מיט פערשידענע ביטערע נייעס. אזוי ווערט דורך די היטלעריסטען באפוילען דעם יידישען בית הקברות צו ליקווידירען און ארויסרייסען אלע מצבות. די מצבות געווען אויך

אזעלכע פין הינדערטער יאהרען ווערען דורך די היטלעריסטען פארטיילט פאר די ארומיגע דארפס פויערען. יידען מיזען עס צוזעהען, ווי מיט יעדעס יידישע הארץ וואס די היטלעריסטען האבען געשענדעט דעם יידישען בית עלמין, דער הייליגער ארט ווי עס רוען די ביינער פין קרובים און באקאנטע. צו דער שענדונגס ארבייט נעמען די דייטשען פוילישע איינוואוינער וועלכע פירען אויס די ארבייט מיט סאדיסטישע צופרידענהייט. ביי יעדע מצבה ארויסרייסען שריען זיי אויס באליידענדיגע אויסרופען אויפן חשבון פין די וואס האבען דא זייער אייביגע מנוחה געפינען. נאך דעם ארויסרייסען אלע מצבות ווערט דורך זיי דער בית הקברות אויסגעליכען, און דער קאמיסאר הייסט פאר זיך אינטער די צוויי גרויס צעוואקסענע ביימער שטעלען בענק. נאכהער קימט ער יעדען נאכמיטאג מיט זיין סוויטע זעצען זיך דארט אוועק און קיקען צום דערבייאיקען טייך.

צופרידענע וואס זיי האבען ליקווידירט דעם אידישען בית עלמין, אבגעשטעלט דאס רעליגיעזע לעבען, דעם בית המדרש בנין פארוואנדעלט אין אשוסטער ווארשטאט פאר די דייטשען, דעם בנין פין חברה תהילים דער בית תפילה ווי עס האבען געדאווענט פשוטע בעלי מלאכה׳ס, שוסטערס, שניידערס, היטעלמאכערס, אבער יידען הארציגע, דעם בנין האבען זיי צענימען און דערמיט יעדער שפור פין עפענטליכען יידישען רעליגיעזען לעבען אונטערגעבראכט.

אבער דעם אינערליכען גלויבען ביי די יידען קענען די דייטשען נישט אוועקנעמען. פערבינדען מיט סכנות ווערט אין פריוואטע שטיבען געדאווענט מיט מנין, עס געפינען זיך אויך נאך עטליכע ספרי תורה׳ס אבפעראטעוועטע אין פריוואטע שטיבען, די יידישע עלטערען זארגען אויך עס זאל ביי די קליינע קינדער נישט פארגעסען ווערען דער אלף בית, עס זאל זיין אהמשך וואס די קינדער האבען פריער געלערענט אין חדר.

די דייטשען האבען אויך אבגעשטעלט יעדע געזעלשאפטליכע און קולטוררעלע טעטיגקייט וואס האט נאך ביז יעצט עגזיסטירט. די צוויי ביבליאטעקען זענען געשלאסען. איינע, די שלום עליכם ביבליאטעק איז געשלאסען געווארען נאך פארן קריג דורך די פוילישע רעגירונג. די צווייטע, די פאלקס ביבליאטעק, איז יעצט דורך די דייטשען געשלאסען. אבער אין פיעל שטיבען געפינען זיך נאך ביכער און די יוגענט באנוצט זיך מיט זיי. עס וואנדערען ביכער פין האנט צו האנט צום לייענען, און אזוי ארום האלט מען זיך נישט אבגעריסען צו ווערען פין קולטורעלען לעבען וואס די דייטשען האבען אזוי צושטערט.

עס הייבען אן צוריק צוקימען נאך פשדץ אידישע זעלנער באפרייט פין דייטשען געפאנגען שאפט נאך דעם ווי זיי האבען העראאיש געקעמפט אין די רייען פין פוילישען מיליטער. עס זענען דאן אויך אנגעקומען ידיעות וועגען זעלנער וואס זענען געפאלען אין קאמף געגען די נאצישע בעסטיע. זייערע נעמען איטשע דאניעלסקי, עזריאל דאניעלסקיע, יצחק פראנקענשטיין, נטע קרעל.

נאכהער זענען אנגעקימען ידיעות וועגען זעלנער וואס זענען געווען געפאנגען ביי די דייטשען, און קורץ פארן באפרייען פין געפאנגענשטאפט זיי ערמארדעט.

זייערע נעמען: נפתלי וולף קלאדאווסקי, זיין ברודער חנן קלאדאווסקי, מיכאל הערש גולדמאן.

גענויע איינצייטלהייטען וועגען דעם מאסען מארד פון פיעל יידישע געפאנגענע האט ערציילט אבא בוקס. ער אליין איז אנטלאפען פון געפאנגענען לאגער. ער ערציילט אויך אז די צוויי ברודער קלאדאווסקי זענען געשטאנען ארומגענימען זיך בעת די בארבארען האבען זיי דערשאסען. דיא ערציילונג וועגען די אבגעטויטענע פארברעכענס האט אויף אלע יידען געווארפען אגרויסע שרעק אין געמאכט אדערשיטערנדיגען איינדרוק.

אזוי ווערט אויך די לַאגע פאר די לעבען געבליבענע יידען אין פשייטש וואס אמאל ענגער. יעצט נעמען זיי זיך צו ליקווידירען די יידישע האנדווערקער ווארשטאטען. עס ווערט פון זיי געריפען דער יידען פארשטייער און זיי באפעלען איהם, אז די יידען זאלען זיך מיט זייערע באזיצטע פאכען אין זייערע שטיבען נישט פארנעמען. באלד צעלאזען זיך די דייטשען איבערן שטעטעל אין באגלייטונג פון אפאלקס דויטש ארטיגער איינוואוינער, אשניידער וואס האט דאס פאך געלערנט ביי יידען. זיי גייען אין יעדע שטיב וויא עס וואוינט אשניידער, נעמען צו אלע ניי מאשינען און אנדערע ארבייט מכשירים. אויב עס האט זיך נאך ביי אימיצען געפינען אשטיקעל שטאף האבען זיי עס אויך ציגענימען. דער נאמען פון דעם דערמאנטען פאלקס דויטש איז געווען וועלדער. ער נעמט פאר זיך אטייל פון די ניי מאשינען און יידישע שניידערס מיזען ביי איהם ארבייטען אהן שום באלוינונג.

דער קאמיסאר שפאצירט איבערן שטעטעל, און מיט זיין שטעקען ווייזט ער אן וועלכע יידישע געבידע זאל צענימען ווערען, און די ארבייט מיז געמאכט ווערען דורך יידען. פאר די ארבייט ווערט די יידען מיט גראשענס געצאלט.

אויף איינצוקויפען אביסעל לעבענס מיטל פארקויפען די יידען דאס לעצטע ביסעל שטיב זאכען וואס זיי האבען נאך פארמאגט.

בעלי מלאכה ווי שניידער, שיסטערס געלינגט פון צייט צו צייט אויפצונייען אינגעהיים אבגד פאר אקריסט, פארדעם בעקימט ער אביסעל לעבענס מיטל, און אזוי מאטרנדיג זיך האפען אלע היטלערס סוף צו דערלעבען.

אין אנפאנג פרילינג 1941 ווערט ווידער דאס שטעטעל באזעצט מיט פיל דייטש מיליטער. מען שמועסט אז פיעל מיליטער פארט אין דער ריכטונג צו ווארשע, און ווי אלע גלויבען איז דאס צו מזרח, צו די דייטש רוסישע גרעניץ, אויך דאס מיליטער וואס איז ביז יעצט געזעסען אין שטאט גייט אויף מזרח.

דעם 22 יוני 1941 אין דער פרי הערט זיך וועגען דעם מלחמה אויסברוך צווישען היטלער דייטשלאנד און סאוויעטען רוסלאנד. די לאגע פאר יידען ווערט ערגער, די דייטשען הייבען אן צו פערשיקען אין די לאגערן יידען פון די דערבייאיגע שטעטלעך. דער ארטיגער קאמיסאר וואס וויל נאך די יידען צו זיינע נישט געצאלטע ארבייטען אויסנוציען זאגט צו דעם יידען עלטסטען אז ער וועט די יידען פון מוסבורג (פשדץ) נישט לאזען אוועקשיקען. אבער קענענדיג דייטשע צוזאגען פילען די יידען אז אלעמען דערווארט דער זעלבער גורל און

קיינער לעבט מער נישט מיט אזיכערען מארגען, טראץ דעם וואס מען זיצט נאך מיט אגרויסען טייל פין די משפחות צוזאמען.

אין נאך געציילטע מאנאטען האט זיך דאס אזוי אנגעהויבען. ערב יום כפור ריפט דער יידען עלטסטער מיך און דניאל ראווסקי צו זיך, ער ערקלערט אינז אז מיר מיזען מארגען, דאס הייסט יום כפור, גיין צו דער ארבייט אין אדארף ביי אדייטשען פויער, און דערמיט איז איינגעארדנעט אז אלע יידען וועלען קאנען בלייבען אין שטאט און פאסטען און אבריכטען די יום כפור תפילות, און די הייליגקייט פין טאג זאל אין שטאט נישט געבראכען ווערען. מיר האבען אבגעשאצט די וויכטיגקייט פין דעם טאט. מיט צופרידענהייט אנגענומען און אויסגעפירט די ארבייט יום כפור וויסענדיג אז אדאנק אינז איז אגאנצע אידישע קהילה באפרייט פין ארבייט אין דעם הייליגען יום כפור טאג. נאך זין אינטערגאנג ווען מיר האבען געענדיגט די ארבייט אין געקימען אהיים האבען מיר זיך דערוויסט וואס פאר א יום כפור די היטלעריסטען האבען מיט די יידען געמאכט.

אין הויז פין יעקב וולף קלאר נעבען בית־המדרש איז איינגעארדענט געווארען אמנין מיט תפילה בציבור. מיט געבראכענע הערצער האבען יידען אנגעטיענע אין טליתים אבגעריכט די תפילות, פיעל טרערען זענען פארגאסען געווארען אויפן ביטערן גורל פין ביסעל נאך איבערגעבליבענע יידען. עס גייט גראדע אדורך דער פאלקס דייטש וועלדער, ער זיכט איידישען שניידער צו דער ארבייט און ער באמערקט די יידען אנגעטוהן אין טליתים, ער לויפט באלד צום קאמיסאר מעלדען וועגען דעם געוואלדיגען פארברעכען וואס יידען באגייען דא. עס קימען צו לויפען פיל היטלעריסטען, זיי טרעפען די יידען אין טליתים, שלעפען זיי ארויס צום נייען מארק אנגעטוענע אין די טליתים. די יידען ווערען באפעלט מיט בעזעמס אין די הענט צו קערען די גאס, עס ווערט אויך נישט אויסגעמיטען די ארבייט פין קליינע קינדער אין בראש פין אלע יידען האט זיך געפינען דער רב הרב זעמעלמאן.

אזוי האט אויסגעזעהן דער לעצטער יום כפור פאר די יידען וואס האבען זיך נאך געפינען אין פשדץ, אין יאהר 1941. אין די ערשטע סוכות טעג פארשיקען זיי די צווייטע גרופע מיידלעך, אויך פארהייראטע פרויען וואס האבען קיין קינדער נישט אין די לאגערן פין אינוברוצלב. מיט עטליכע טאג שפעטער פאדערן די דייטשען אויך מענער אוועקצושיקען.

די היטלעריסטען צעלאזען זיך איבערן שטעטעל, טרייבען ארויס פין די שטיבען, אויך איך בין דאן געכאפט געווארען, און ציזאמען מיט זעכציג פשייטשער יידען זענען מיר פארשיקט געווארען אין די לאגערן נאך פאזנאן.

לוי שווייצר
קרית מוצקין — חיפה

אין די פוזנער לאגערן

מיטוואך דעם 7־טן אקטובער 1941 חול המועד סוכות, ווען דאס שטעטל איז נאך נישט געווען בארוהיגט פון ווייטאג וואס ערשט מיט 4 טעג צוריק האבען די היטלעריסטן געהאט צו גענומען אלע מיידלעך פין 14 יאהר אהן און עלטער, וויא אויך פרויען אהנע קינדער, און זענען פערשיקט געווארן אין די לאגערן בייא אינאווראצלאוו, און ווידער איין פרישע אופטרייסלונג; ווען די מערהייט יידען פון שטעטל געפינען זיך נאך אויף די וועגן ביים צוריק קערן זיך פין די צוואנגס־ארבייט ווי מען האט זיך יעדען טאג געמוזט צישטעלן. עס קומט דאן צו גיין דער יידען פארשטעטער דוד זיכלינסקי, גיט איבער די טרויעריגע נייעס וואס דער דייטשער קאמיסאר האט איהם געזאגט אז מען פערלאנגט יידן אויף ארבייט אוועקצושיקען, און באלד צולאזען זיך ז׳אנדארמען און היטלעריסטען מיט האקענקרייצען אויף די ארמעל מיט שטעקענעס אין די הענט, זייא יאגן ארויס פון די שטיבען, אלע מוזן זיך צו שטעלן און מארק ביים מאגיסטראט, כמעט אלע וייסען שוין דעם גורל וואס עס ערווארט אונז. די מהומה איז גרויס און בייא דער באוואכונג פין זאנדארמען און געסטאפו לייט ווערן מיר געטריבען אין די קריסטליכע קירכע, די מאמעס ווי אויך די פרויען פון די גענומענע מענער ספאזמירען און וויינען, און מיט צעווייטיגטע צעבראכענע הערצער האבען זיי געבראכט אביסל אנטיעכץ) און ווי ווייט מעגליך אביסל שפייז פראדוקטן אוועק־גענומענע פין מויל, עס באזוכט אונז נאך דוד זיכלינסקי אין די קירכע, ער פרעגט ווער עס דארף עטוואס געלד.

אינדרויסען זענען שוין געשטאנען צו געגרייט פוערים מיט פערד און וועגענער, און נאך האלבער נאכט פירט מען אונז ארויס, באגלייט מיט גרויסע געשרייען און געוויין, פון אונזערע טייערע נאנטע וואס האט אבגעהילכט אין דעם גאנצען שטעטל. אזוי האבען מיר זיך צעשייט מיט אונזערע טייערע און נאנטע אויף אייביג. מיט די וועגענער זענן מיר געפארען ביז צו דער סטאציע צעטי, און פין דארט מיט די קליין באן נאך וולאצלאוועק, און נאכהער נאך פויזען, אנקומענדיק אין פויזען ביים וואכזאל האבען שוין געווארט אויף אונז די וואך לייט און געסטאפו אגענטן וועלכע האבען אונז געפירט צום שרעקליכען לאגער ס ט א ד י א ן. ווי עס האט זיך געפינן די הויפטלייטונג איבער אלע יידישע צוואנגסארבייטס־לאגערן ארים פוזנע, אשרעקליכען מורה־דיגען איינדרוק האט אויף אינז אלעמען געמאכט דער אויסזען פין דעם לאגער וואס איז געווען ארומגעצוימט מיט שטעכלדראטן, און איין תליה צום הענגן מענשן איז געשטאנען אין מיטן אפעל פלאץ. ווי פין אלע לאגערן ארום פוזען האבען געסטאפא לייט געברענגט יידן צום הענגן, וואס די איינציגע זינד זייערע איז געווען נעמן אשטיקל ברויט פון איין קריסט, אדער זיך דערווייטערן אפאר טריט פון ארבעטס פלאץ. דער לאגער האט שוין עגזיסטירט אהאלב יאהר ווען מיר פשייטשער יידען

זענען דארט אהין געקומען. די ערשטע יידען האבען די דייטשען אהין געברענגט פין לאדז און אזערקאוו, אנטקעגן דעם לאגער איז אויך געווען איין לאגער אין איין (בנין) געביידע וואס איז אמאלט געווען איין מושטארדע פאבריק — „רעמו" האט זי געהייסען, אין דער געביידע האבען זיך געפינען יידען פין דערבייאיקע שטעטלעך ארום פשייטש־חאדעטש, איזביצע־קויאבסקי, קאלא, טורעק, און נאך אנדערע. די יעניגע יידען האבען די היטלעריסטן געברענגט ביים אויסברוך פין דייטש־רוסישען קריג און מיר 60 פשייטשער יידן זענען געהאלטען געווארן אין לאגער סטאדיאן, צי געטיילט האט מען אונז איין שטוב וואס איז אמאלט באנוצט געווארן צום ערלעדיגן דעם מענשליכן געברויך... באלד נאך אונזער אנקומען אין לאגער, הויבט מען אונז יעדען טאג גאנץ פרי ארויספירען צו דער ארבייט, באוואכט דורך מונדירטע וואכלייט פאלאקען וואס האבען גוט באהערשט די דייטשע שפראך, און פאר דער מלחמה האבען זיי געהערט צו די אנטיסעמי־טישע פארטייען ענדעקעס און „נארו" לייט, זיי זענען געשיקט אהער פין איין שליסעל געזעלשאפט, זייער אנפירער רופט זיך שליביצקי, אן אויסגעשפאכענער אנטיסעמיט און איין אנגעזעענער פערזאן אין פאר מלחמה־דיגען פוילן. אונזער ארבייט באשטייט פין גראבען קאנאליזאציע גריבער צום פארלייגען רערען אין אטיף פון איבער 3 מעטער וואס ווערט אנגעשלאסען צי די מיליטער פאבריקען, די פאבריקען האבען דאס גערופען די פראכאוויניע, און אויך איין וואגאנען פאבריק, ווי דארט האבין אויך געארבייט פיעל ענגלישע געפאנגענע סאלדאטן, די ארבייט ווערט געפירט דורך איין דיטשע פירמע מיט'ן נאמען „צון" פין דאן הויבען זיך אהן גרויליכע טעג, מיט די ארבייט פירען אן דייטשע און פוילישע „שאכט־מייסטערס", זיי הויבען אונז אן גלייך צי ווארנען און דראען: „פאר נישט וועלן גיט אויספירן די ארבייט ווייסט איהר ווי איהר געהערט"... און די פאלאקען גיבן אונז אנציהערען דאס זיי האבען אונז דא אהערגעברענגט צום פארניכטן. ווען מיר קומען צוריק דעם ערשטן טאג נאך דער ארבייט אין לאגער — ווערן מיר גלייך געוואויר אז דאס איז איינע פין די ערגסטע און שוידערלעכסטע ארבייטס פלעצער, און וויפיעל יידען זענן שוין דא בליטיג צעשלאגען געווארן. דערווייל קומען שוין אן די ערשטע בריוו פין דערהיים, וויא אונזערע נאענטע ווייסען שוין ווי מיר געפינען זיך. און דאס פארזיסט אונז אביסל דאס לעבן, בייא דער ארבייט ווערט וואס אמאל אלס ערגער, א דייטשער מייסטער וואס די פאלאקען איהם גערופען מיטן צונאמען „באמבאוויעץ" (באמבארדירער) דער האט יעדען טאג געשלאגען מיט ארבייטס־מכשירים, געווארפען ווי ער האט נאר געטראפען, יעדען טאג ווערן מיר געשלאגען, און עס ווערן אויך צוריק געפירט אין לאגער יידען מיט צעבלוטיגטע קעפ, די פאבריק איז ארומגעצוימט מיט אהויכען פלויט, פארמאכט מיט בעטאן פלאטען, אין דרויסן דרייען זיך ארום געסטאפו אגענטן, דארט פיעלען זיך די מערדער פרייער ביים שלאגען, עס נעמט מיך איינער, פירט מיך אריין צו זיי אין באראק און מען הייבט מיך אן מערדערלעך צו שלאגען מיט איין גומע־שטעקן, איך רייס אויף די טיר אין מיט איין גרויס געשריי לויף איך ארויס. נאך דעם ווען זייא האבען אנדערע אריינ־געפירט צום שלאגען האבען זיי די טיר פעסט פארמאכט... די ענגלישע געפאנגענע

סאלדאטן, וואס האבען דארט געארבייט האבען אונז אויך געהאלפן ווי ווייט מעגלעך, געוועזן אפאל ווען זיי האבען פארפירט צו זיך דעם הויפט שלעגער דעם אזוי גערופענעם „באמבאוויעץ" און איהם גיט צעשלאגען, און מיט גרויס צו טימלונג לויפט ער צו צום דייטשען זעלנער וואס היט זיי, נאר דער מאכט זיך דערפין קיין וועזן, געוועזן אויך אפאל ווען אפוילישע פרוי האט מיט געוויין געשריגן פאר וואס ער שלאגט אונז, נאר באלד קומט אגעסטאפא אגענט און די פרוי ווערט ארעסטירט, ווי מיר האבען זיך שפעטער דערוואוסט, איז זי באשטראפט געווארן מיט 6 מאנאט ארעסט. נאך מעהר האט זיך פארערגערט די לאגע, ווען זייא האבען אונז געפירט ארבייטן צום פאליציי שיס־פלאץ, די פאלאקען האבן דאס גערופען „ווארשאווסקא־בראמא (ווארשאווער טויער). דער פלאץ האט זיך גערופען „מאלטא", דארט האט אמאל עגזיסטירט איין קאפע פאבריק. אונזער לעבען איז געווארן און גאנצן שוצלאז, צו לאזען זיך ווילגייןביים שלוגען אונז פרייא און אומגעשטערט, אונזער איינציגע טרייסט איז געוועזען — מען וועט צוריק קומען אין לאגער וועט אפשר זיין אבריוו פון אונזערע טייערע אין דערהיים. מען דערהאלט בריוו ווידער מיט פרייש טרויעריגע נייעס, עס זענען שוין ווידער פערשיקט געווארן יידען נאך אינא־ווראצלאוו אין איין לאגער אויף ארבייט, מיט נאך 10 טעג שפעטער ווידער איין טראנספארט יידען, אזוי האבען די היטלעריסטן גענומען אויסליידיגן דאס שטעטל פין יידן, טראץ אלע צוזאגען פין קאמיסאר דאס די מאסבורגער יידן בלייבען, אזוי האט פשייטש געהייסן אויף דעם דייטשען נאמען „מאסבורג". אונזערע בריוו ווערן צענזורירט, אבער דאך דערוויסען זיך אונזערע טייערע טאטעס מאמעס און פרויען פין מענער, וועגן אונזער לאגע וואס פארערגערט זיך פין טאג צו טאג. און מיר פשייטשער יידן אין פויזנער לאגער סטאדיאן האלטן זיך נאך אלע צוזאמען, נישט רעזיגנירנדיג פין די האפנונג און גלויבען אז עס וועט קומן זייער סוף, מיר באזארגן זיך אצייטונג אין די דייטשע שפראך און אהיים קומענדיק אין לאגער נאך אנ. ארבייטס טאג וואס איז באגלייט מיט קלעפ און זידלערייען, זיצט חיים אהרן אורבאך יעדע נאכט ביז שפעט און לעזט אלעס דורך און טאג גאנץ פרי גייענדיג אין געשלאסענע רייען צו דער ארבייט ווערט יעדען איבער געגעבין פון מויל צו מויל די נייעס, עס פרייט אונז ווען מיר הערען אז זיי ליידן מפלות אופן פראנט, נאר וואס אמאל אלס ערגער נייעס דערטראגן זיך צו אונז פין דער היים. מען הייבט אן הערען וועגן מאסן אויס־זידלונגען און אוועקשיקונגען אין אומבאקאנטע ריכטונגען, עס דערטראגן זיך ידיעות וועגן אלאגער חלמנו, וואס קיינער פון אונז גלויבט נישט אז דארט ווערן אלע יידן אומגעברענגט, וואס ווייטער אלס טרויעריגער ווערן די נייעס וואס שוואכן אפ אונזערע האפנוגען וועגן צוריק קערן זיך אהיים, אין דערהיים זענען פארבליבען פאראיינזאמט מוטערס מיט קליינע קינדער, עלטערע טאטע־מאמע און די אלע זענן באזארגט וועגן אונזער או זייער גורל, אונזערע טייערע פארקויפען דאס לעצטע וואס איז זיי נאך פארבליבן, כדי צו קויפען און שיקען עטוואס שפייז און קליידונג, דערמיט צו קענן אויף האלטן אונזער לעבען אין די לאגערן, און פיעל מאל זענן אונזערע טייערע אבגעשטאנן אגאנצען טאג ביים

בנין פון דער זטאנדארמעריע, און דאס פעקל נישט געקענט אוועק שיקען, ווי מיין טייערע מוטער האט מיר דאס געשריבען.

אין לאגער ווערט אלעס ערגער און ערגער, דאס עסען באשטייט פון 200 גראם שווארץ ברויט אטאג, און דאס מיטאג פין אביסל קולאריבן מיט וואסער געקאכט אן אברעקל פעטס אדער פלייש, דער הונגער איז גרויס, מען ווערט שוואכער פין טאג צו טאג, מענשן ווערן געשוואלן פין הונגער, עס ברעכט אויס אטיפוס עפידעמיע, דער לאגער ווערט אבגעשלאסין, צו קיין ארבייט ווערט מען נישט ארויס געפירט, אויס מורא נישט אן צי שטעקען די דרויסענדיגע באפעלקרונג, יעדער טאג ברענגט פרישע קרבנות געשטארבענע פון הונגער און פון טיפוס, אין לאגער קומט צו פארען יעדן טאג אוואגן געשפאנט מיט צווי ווייסע פערד, מען האט דאס גערופען פיראקס וואגען, אויף וועלכן עס ווערן ארויף געלייגט פיעל געשטארבענע געשוואלענע יידן פון הונגער. דער ערשטער פשייטשער קרבן אין לאגער איז געוועזן וואווע דאניעלסקי מיכאל דאניעלסקיס זון פין די כאטשער גאס, דער ווינטער איז זער אשווערער, גרויסע שנייען און פרעסט עס איז ינואר 1942, אונזער ארבייט בייא די פירמע „אסט דויטשע האך אונד טיף בויגעזעלשאפט" איז פערענדיגט, און אזוי זיצנדיק אין לאגער אין די שטובע 4 טיף פארטראכט וועגן אונזער גורל — קומען אריין צולויפן צוויי יידישע לאגער פאליציאנטן און נעמען ארויס פיער שטארקע מענער צו איין ארבייט, דאס זענן געוועזן די ברודער מענדל און מאיר קאז׳ימיערסקי וויא אויך אפרים ענגעל און טוביה גאלדמאן, נאך עטליכע שעה ווערן זיי צוריק געבראכט מיט א אויטא פין די געסטאפא ווי זייערע בגדים זענען פערשמירט מיט בלוט. און איין דערשלאגענעם צו־שטאנד דערציילען זיי אונז ווי זיי זענן געפירט געווארן אין הויפט שטאב פון די געסטאפו דארט זענען געלעגען קאסטענס און אין זיי זענען געליגען גיליאטונירטע מענשען, זיי האבען די קאסטענס ארויס געטראגען, און אוועק געפירט אין אקרעמאטאריום צום פארברענען. וויא זייא האבען זיך דערוואוסט גלייך אויפן ארט זענען דאס געוועזן הויך געבילדעטע מענשען פאלאקן וואס די געסטאפא האט כסדר אומגעברענגט. באלד ביים לאגער געפינט זיך דער בנין פון לאגער־פירער בנין ווי עס קומען גאנץ אפט פרישע פאראָרדנונגען מען הייסט אונז אהיים שרייבען דאס מען קען שיקען צו צוויי דייטשע מארק אין איין בריוו. באלט שרייבט יעדער אהיים מען זאל אריינלייגען 2 מארק אין אבריוו און אונז שיקען, די ערשטע קומען צו אונז און יעדע משפחה שיקט עטליכע בריוו מיט 2 מארק אריינגעלייגט אין יעדן בריוו, אבער דאס קומט שוין צו אונז מער נישט אהן, דער דייטשער לאגער פירער נעמט דאס אלעס צו, ארויסצוציען דאס לעצטע וואס איז נאך פארבליבען ביי אונזערע טייערע אין דער היים. נאך די לאגער־שפערע ווען מען הויבט ווידער אן אונז ארויס צופירען צו דער ארבייט, ווערן מיר פשייטשער צעטיילט און פערשיקט אין אנדערע לאגערן ווי שטיינעק, לענצ׳יק, א.א.וו. צווישען אונז געפינען זיך פיעל ברודער וואס האבן געוואלט זיין צוזאמען, פארען זיי אויך אין די לאגערן צוזאמען אוועק, איך בלייב ווייטער אין לאגער סטאדיאן, פין דערהיים דערהאלטן מיר בריוו דאס אין די שטעטלעך ארום פשייטש ווערן אלס ווייניגער יידען, נישטא מער

קיין יידען אין קלאדאווע, קאלא, כאדעטש, לובין, און אין איזביץ און נאך איך דערבייאיקע שטעטלעך ארום פשייטש.

עס איז אפריל 1942. יידן און פשייטש לעבען ווי אויף איין אינזעל, קיין יידיש לעבען ארום עקזיסטירט נישט מער, אין די בריוו וואס מיר דערהאלטן פון דער היים, ווערט אונז אויף פארשידענע אופנים אנגעדייטעט דאס ווארט חלמנו... די לעצטע קארטלעך דערהאלטן מיר ווי מען שרייבט מיר „עס איז פסח מען איז געזעסןביים סדר־טיש און פארגאסען ימים־טרערן, מען גרייט זיך צו די חתונה, די חתונה איז נאנט". אונזערע צווייטיגטע הערצער האבען דאס אלעס גוט פאר שטאנען, איך דערהאלט דאס לעצטע קארטל פון דער היים „מען פארט אויף די חתונה, מען וואלט זיך נאך געוואלט מיט דיר זעהן"... און דאס איז געוועזן דער לעצטער קאנטאקט מיט דער היים. אין לאגער ווערט מען רעזיגנירט פין יעדע האפנונג ווייטער צו קענען לעבען. קיינער הערט נישט אויף צו וויינען, וויסענדיג דאס קיינער פון אונזערע טייערע וועט מער נישט זיין מיט אונז און קאנטאקט...

די מלחמה איז אין פולען ברען, און די לאגערן איז דער הונגער גרויס, זעהר פיעל ווערן געשוואלן פין הונגער, יעדער טאג ברענגט מיט זיך פרישע קרבנות, פין אונז פשייטשער יידן הייבט אן ווערן ווייניגער, עס פאר שרייבען זיך צום ריקטראנספארט אדער „אבטראנספארט" ווי זיי האבען דאס גערופען, אבער דער אמת פון די טראנספארטן איז געוועזן צום טויט געשיקט נאך חלמנו. וואס קיינער האט עס נישט געגלויבט, עס פאר שפרייטן זיך קלאנגען דאס מען שיקט אויף מזרח אין די פארנומענע געביטן פין רוסלאנד. די דייטשן זאגן אז מען ווערט געשיקט צוריק אין לאדזער געטא, פיעל יידן פין לאדז און אזארקאוו פארשרייבן זיך מיט דער האפנונג צו קענען צוריק באגעגנען זייערע נאנטע אין דער היים...

צו דער ארבייט ווערט יעדן טאג ווייניגער מענשן געשיקט, צוליב דעם וואס פיעל זיצען און לאגער מיט געשוואלענע פיס און קערפער, איך קאן אויך נישט פארבייגיין אום נישט צו דערמאנען די נידערטרעכטיגע האנדלונג פין די יידישע לאגער פוליציי, וואס האט יעדן טאג גאנץ פרי מיט אפייפערל געוועקט אויף צו שטיין צו דער ארבייט, און גלייך מיט זייערע גומענע שטעקענס אין די הענט געגומען טרייבען פין די שטובען אין נישט פארפעלט דערביי צו געבן קלעפ אין אונזערע אויסגעדארטע שוואכעביינער וועלכע האבען שוין נישט געפיעלט דאס שלאגען, אזוי ארום האבען זיי געגלובט אז זיי וועלן זיין די איינציגע וואס וועלן איבערלעבן די פויזנער לאגערן. זיי האבען נישט פארשטאנען אדער נישט געוואלט פארשטיין אז די היטלעריסטן ניצען זיי נאר אויס קעגען זייערע אייגענע יידישע ברודער. און אז אייד בלייבט שטענדיג אייד, און אויך מיט זיי וועלן זיך די דייטשן נישט רעכנען, און אומברענגען נאכן אויסנוצן זיי.

מיר די נאך געבליבענע פשייטשער יידן ווערן צוגעטיילט צו איין פרישע ארבייטס־איינהייט, ווי נאכן גיין יעדן פרי מארגן עטליכע קילאמעטער צו דעם אזוי גערופענעם ארבייטס פלאץ, ווילדעוועט דארט אפאלקס דויטש סטעלמאנסשציק

מיט זיין געהילף אפאלאק אשונא ישראל מיטן נאמען שיקארסקי, דער ערשטער מיט זיינע סאדיסטישע שטיק, שלאגט אן אויפהער ביי דער ארבייט, נעמט ער אויסטיילען דאס „מיטאג" וואס באשטייט פין קרויט מיט וואסער געקאכט און ווען אלע שטייען שוין איינגעשטעלט אין דער רייהע צו באקומען דאס עסען, דאן נעמט ער און גיסט עס אויס אין דעם טייך סיבינא דאס וואסער וואס לויפט פארביי ביי דעם ארבייטס פלאץ, אדער ער גיסט אריין אין עסן אביסל נעפט... און נאכהער טיילט ער דאס אויס צום עסען. די ארבייט באשטייט פין אויפלאדנען לארקעס. ד.ה. קליינע וואגאנעטקעס מיט זאמד, פאר נישט אויפלאדנען די לארקעס פול ווערט מען באשטראפט און אויך מיט דעם דראהען עס צו מעלדן דער געסטאפא, נישט געבען קיין עסען, און אזוי ווייטער, צוריק קומענדיג אין לאגער „סטאדיאן" הערט מען גאנץ אפט פרישע נייעס: די געטאפא ברענגט יידען פין אנדערע לאגערן צום הענגען, עס קומט מיט דער איזשיניער נוימאן וועלכער איז דער פירער פין אלע יידישע צוואנגס־ארבייטס לאגערן ארום פויזנע, ער דער אינזשיניער ברענגט מיט די שטריק צום הענגען, די תליה איז אסטאבילע וועלכע שטייט שטענדיג אין מיט'ן אפעל־פלאץ, דערבייא ווערן געבראכט פיעל יידן פין אנדערע לאגערן, וואס מיזען שטיין און קיקען צום הענגען די קרבנות, דאס קומט פאר בייא דער פולער באוואכונג פון געסטאפא־לייט באוואפענט מיט מאשין געוועהר.

נאך דעם אבזיין 2 יאר צייט אין מיטמאכען דיא שרעקליכע ליידען אין די היטלעריסטישע צוואנגס־ארבייטסלאגערן ארום פאזנאן ווי אגרויסע טייל יידען זענען דורך זיי אויף פארשידענע אופנים אומגעברענגט געווארען, ווערען אלע ארבייטסלאגערן אין דעם געגענט אין ספטמבר 1943 ליקווידירט. און מיר ד.ה. דיא געציילטע וואס זענען נאך געבליבען פין די פשייטשער און נאך יידען פין אנדערע שטעט ווערען פארשיקט נאך אוישביץ. דא אין אוישביץ הייבט זיך ערשט אן אפרישער גיהינם, איך ווער דא ווידער אבגעטיילט פין די געציילטע לאנדסלייט און מיט אפרישען טראנספארט פארשיקט אין דעם קאנצענטראציאנס לאגער שווענטוחלוביץ ביי קאטאוויץ. דארט טרעף איך חיים סקוברונסקי וואס איז פאר מיר אנגעקימען. שרעקליך זיינען דארט געווען די ליידען. יעדען טאג ווערען די יידישע ארבעטער דורך די עס־עס לייט און מיט דער מיטהילף פין די לאגער קאפוס בלוטיג צעשלאגען און דורך זייערע וועלף הינט צעביסען. זעענדיג דיא באדינגונגען אז מען קאן דארט לאנג נישט בלייבען לעבען, באשליס איך מיט נאך צוויי יידען פין שטעטל אוזורקוב און מיר שטעלען זיך איין אין אצווייטער ארבייטס קומאנדו וואס גייט ארבעטען אויסערן לאגער. נאך אינזער צוריק־קימען אין אווענט אין לאגער אין שטייענדיג צום צייל אפעל ווערען מיר געריפען ארויס צו גיין פין די רייען אין זיך צום לאגער פירער מעלדען. ווען מיר גייען נישט ארויס צעלאזען זיך די קאפוס מיט די עס־עס לייט איבער די רייען און מיר ווערען אזוי בלוטיג צעשלאגען אז אלאנגע צייט זענען מיר נישט פעאיג צו קיין ארבייט.

נאכן אבזיין מער ווי צוויי מאנאט ווערען מיר אין באוואכונג פין עס־עס לייט אין אפארמאכטען אויטא נאך בירקענאו פארשיקט, דאס איז דער גרעסטער

פארניכטונגס לאגער ביי אושוויץ. דא טרעף איך ווידער עטליכע פשייטשער וואס האבען שוין אויך פיעל מיטגעמאכט אין פארשידענע ארבייטס לאגערן.

שווער צו שילדערן מיין באגעגעניש מיט אינזערע פשייטשער. עס ווייס דא קיינער נישט אויב מארגען וועט ער נאך זיין צווישען די לעבעדיגע.

עס עגזיסטירט אויך דא אפרויען לאגער ווי עס געפינען זיך עטליכע פשייטשער מיידלעך וואס זענען אהער געשיקט געווארען פין דיא אינברוצלאווער לאגערן. אין חודש יאנואר 1944 איך גיי מיט אגרופע יידען צו דער ארבייט. מיר טרעטעז אין די טיפע שנייען וואס האבען באדעקט דעם זומפיגען באדען פין דעם טויטן לאגער בזעזינקי (אויף דייטש בירקענאו) מיר קימען צו אפלאץ ווי עס שטייען אגרופע פרויען און מיידלעך טיף אין שניי איינגעבויגען פין קעלט ביי ארבייט. זיי צענעמען אהאלצען הייזעל. ווען איך קיק צו זיי דערהער איך ווי מען ריפט מיין נאמען מיט אאיבערראשט קול, עס איז געווען איינע פין די צוויי שוועסטערס ריבינסקי, גיטל. באלד הייבען אן נאך פשייטשער מיידלעך ספאנטאניש אויס־צושרייען און ריפען לוי, לוי, און פין ווייטענס זיך געפרעגט אויף קרובים און באקאנטע וואס זענען צוזאמען מיט מיר נאך פאזנאן פערשיקט געווארען. לײדער האבען מיר זיך נישט געקענט דערנענטערן, ווייל דיא מערדער האבען אינז גיט געהיטען.

מיט די מערסטע פין זיי האב איך זיך שוין קיינמאל נישט געזעהן. דארט אין בזעזינקי (בירקענאו) זיינען די גרעסטע טייל פין די פשייטשער יוגענט דורך די היטלעריסטען אימגעברענגט געווארען, און שטענדיג שטייען זיי מיר פאר די אויגען. איך האב אויך דארט געזעהן הערש טאפאלסקי, ער איז געפאלען אין אקאמף געגען די דייטשען ווען ער האט אנטיילגענימען אין אויפשטאנד פין דעם זונדער־קומאנדו דעם 6־טן נובמבער 1944.

נאך מיין אבזיין אין לאגער 3 מאנאט ווי איך האב מיטגעמאכט פערשידענע קראנקהייטען און סעלעקציעס ווער איך ווידער פערשיקט אין אנדערע לאגערן, בונא, גלייביץ, פלוסענבורג, ביז נאך דאכאו. און דארט ווערען מיר באפרייט דעם 29 אפריל 1945 דורך דער אמעריקאנער ארמיי, איך טרעף זיך דא מיט משה אהרון יאקובאווסקי, פישל גולדמאן עזריאל סקאבראנסקי, לײדער איז עזריאל געשטארבען נאך דער באפרייאונג אין דאכאו.

עס וויל זיך נישט שלום מאכען מיטן געדאנק אז אלעס איז אזוי געשעהן און עס וויל זיך נאך זעהען די טרויעריגע ווירקליכקייט. און ווען די אמעריקאנער ארמיי שיקט אהיים נאך פוילען אטראנספארט פאליאקען, פארען אויך מיט עטליכע יידען און איך צווישען זיי.

איך קים אן נאך פשייטש חול המועד סוכות. פונקט מיט 4 יאהר פריער בין איך מיט נאך זעכציג פשייטשער יידען אוועקגעריסען געווארען און דאן נאך פוזנאן פארשיקט, פין דעם טראנספארט זענען געבליבען נאר דריי מאן.

שווער צו באשרייבען דאס אנקימען אין שטעטעל אריין, אנהייבענדיג פין דער האטשער גאס ווי מיר זענען אנגעקימען, איך גיי אדורך דעם נייען מארק, דעם אלטען מארק, אין אנדערע געסלעך. עס שטייען נאך די הייזער, און עס שטייט מיר פאר די אויגען די יידען וואס האבען אין זיי געוואוינט און די

געשעפטען געהאלטען. אשטעטעל ווי יעדער איינער האט אלעמען געקענט, יעדענס נאמען און צונאמען וואס האט זיך פון דורות געצויגען, און קיינער איז פון זיי נישטא מער.

אנדערע איינוואוינער אין שטיבען וואס האבען צו יידען געהערט, אנדערע פערקויפער אין געשעפטען וואס האבען צו יידען געהערט.

צייטווייליג געוואוינט אין פשייטש האבען נאך זייער צוריקקימען פון די לאגערן, משה און באלציא יאכימוביטש, יוסף בורנשטיין, מנדל פראנקענשטיין. יעדער וואס האט באזוכט פשייטש האלט זיך אויף ביי משה און באלציא יאכימוביטש.

עס קימען נאך געציילטע וואס האבען די צייט ביי פערשידענע שווערע באדינגונגען אדורכגעלעבט, אויך פון ראטענפערבאנד, דארט ווי זיי האבען זיך איינגעשלאסען אין די רויטע ארמיי און העלדיש געקעמפט געגען די היטלעריס־טעשע יידען מערדער, און געהאלפען אויך באפרייען פוילען, און דערפאר אויך אויסצייכנונגען באקומען.

אבער מיר ווערען דא מיט בייזע בליקען פון די פוילישע באפעלקערונג אויפגענומען. זיי זעהען אין אונז אז מיר קימען זיי שטערן דאס רוהיגע וואוינען אין די פארכאפטע דירות און געשעפטען וואס האבען אמאל צו יידען געהערט.

יעדער וואס האט דאס אלעס איבערלעבט און דאן פשייטש באזוכט פילט אויס זיין שליחות ווי אויף קבר אבות, פאר דעם פארלאזען פוילען.

די שארית הפליטה פון פשייטשער יידען צעפארען זיך אין אלע טיילען וועלט, אבער דער גרעסטער טייל האט געשטרעבט נאך ישראל. אין טאקע זיך דא באזעצט. און געבליבען איז ביי יעדען די זכרונות פון יידישען לעבען וואס האט אמאל אין דעם שטעטעל פשייטש עגזיסטירט.

דווידוביץ יהושע — תל־אביב

המאורעות בעיירה פשדץ

המאורעות בעיירה פשדץ בתקופת השואה

בחרדת קודש ובסיפוק נפשי הנני מתיישב לכתוב על אותם ימי החורבן והכליון שירדו על יהודי עיר פשדץ עם כניסת הנאצים הגרמנים לעיירתנו. ובזה אוסיף נדבך לאותו בנין שנקרא ספר היזכור לקדושי עירנו. אשתדל כמיטב יכולתי לרענן את זכרוני ולהעלות בכתב את אותם המאורעות הנוראים של הימים והשנים ההם. (אעבור לכתוב באידיש כדי שאוכל להתבטא טוב יותר).

פשייטש אין יאהר 1939

געלעבט האט זיך דאס קליינע יידישע שטעטעלע פשייטש אין פרידן און איןליידען, דער גרעסטער טייל אידישע איינוואוינער זענען געוועזען בעלי מלאכה׳ס: שניידער, שוסטער, היטלמאכער. אגאנצע וואך שווער געהארעוועט אויף פרנסה, געפארען פין זונטאג ביז פרייטאג אויף ירידים פין איין שטאדט אין דער צווייטער, צו פארקויפען די אויפגעארבייטע סחורה ,אזוי ביז צום אויסברוך פין דער צווייטער וועלט מלחמה דען 1טן סעפטעמבער 1939. ביי אונז אין שטעטל זענען די דייטשען אריין אום ראש השנה, צופעליג איז דאן געוועזן ארעגען, די יידין זענען געוועזן פארזאמלט אין די בתי תפילה ביים דאוונען די ימים נוראים־דיגע תפילות, מיטן אריינמארש פין דעם דייטשען מיליטער זענען מיר יידען צולאפען פון שול או פון בית המדרש אין זיך באהאלטען ווי נאר איינער האט געקענט.

הושענא־רבה האבען די דויטשען פארברענט די שול, צומארגענס האבען זיי גערופען דעם פרעזעס דוד זיכלינסקי און געפאדערט קאנטריבוציע, ווייל נישט אנדערש נאר מיר יידן האבען פארברענט די שול, די סומע איז געוועזען זעהר אגרויסע אבער דאס געלד איז געשאפען געווארען אין געגעבען צו די נאצים. און דער זעלבער צייט האבען די זעלבער זיך גענומען צום רב זעמעלמאן ז״ל. ער האט געמוזט רייניגען די גאס, און שלעפען שווערע קלעצער האלץ, פין די ברודער ענגעל אויפ׳ן האדעטשער וועג ביז צום נייעם מארק, עס איז נישט געוועזן צו באגרייפען וויא אזוי דער רב האט דאס באוויזען צו טון, זיי האבען איהם אויך אפגעשוירן די בארד, דאס בילד וועל איך קיינמאל נישט פארגעסן. אין דער זעלבער צייט האבן זיי נאך נישט געטשעפעט די יונגע מענשן, נאכדעם איז געקומען אקאמיסאר און איבער גענומען די מאכט פין דויטשן מיליטער, אפאקט איז אז פין דער תקופה אהן, האט זיך דאס לעבען אין פשייטש נארמאליזירט, עס איז געשאפען געווארן דריי ארבייטס אמטן, די יונגע אונטער דער אנפירונג פין אפרים ענגל, די מיטליעריגע אונטער דער אנפירונג פין בנימין פרענקעל. און די עלטערע מענשן אונטער דער אנפירונג פין לייבוש אש. דער יידען עלטעסטער איז געוועזן דוד זיכלינסקי, עס איז כדאי פעסטצישטעלן דאס די קורצע תקופה בערך איאר צייט איז נישט פוירגעקומען קיין ספעציעלע

געשעעניש. מען האט געוואוינט ווייטער אויף דעם זעלבן פלאץ, בייא די פאלאקען האט עס געהייסע דאס מיר יידן הערשען אין שטאט מיט דוד זיכלינסקי בראש. אין דער צייט האט דער רב זעמעלמאן ז״ל זיך בעפרוינדעט מיטין קאמיסאר, אזוי אז ער האט אפט מאל באזוכט דעם רב, צופעליג בין איך איינמאל געוועזן אנוועזענד ווי זיי האבען געפירט אגעשפרעך אויף די טעמע רעליגיעזע פילאזאפיע. דאס בית המדרש איז געוועזן באזעצט מיט מיליטער לייט, אויך זיי האבן זיך גיט באצויגען צום רב אויך ציגעטיילט איהם כבוד, און צו דעם אלעם איז געקומען אנ׳עק ווען עס איז אנגעקומען אבאפעל פין ארבייטס־אמט, אז אלע מיידלעך מוזען זיך צושטעלן, דאס איז געוועזן אין אנפאנג יאהר 1941. מען האט זיי אלע פארשפארט אין די קאטוילישע קירכע, און פארטאג האט מען זיי אוועקגעשיקט נאך אינאוואראצלאוו אין ארבייטס־לאגער. דער קלאַפּ איז געוועזן דיא ערשטע גרויסע טראגעדיע פאר דיא יידישע משפחות אין שטעטעל. תיכף נאכדעם איז געקומען אבאפעל אז אלע יונגע מענער זאלען זיך צו שטעלן און די זעלבע הארצרייסינדע סצענע האָט זיך ווידער איבערגעחזרט. איך באַמערק אז נישט אלע יונגע מענער האבען זיך צו געשטעלט אויפן באפעל, אזוי דאָס די ז׳אנדארמעריע מיט די ציווילע דויטשן זענען געגאנגען פין הויז צו הויז און געזוכט און געגישטערט אין אלע ווינקלען, און טראץ אלעם האבען זיך צוגעשטעלט בלויז אקליינער טייל. אויך איך מיט מיין ברודער אברהם זלמן ז״ל האבן זיך אויס־באהאלטן, דער טראנספארט איז געפארען נאך פוזנאן און ווי עס האט זיך ארויסגעוויזען זענען פין דעם טראנספארט כמעט קיינער נישט געבליבען. דאגעגען דער צווייטער טראנספארט פין מענער אויך איך מיט מיין ברודער אברהם זלמן ז״ל. האָט מען אונז געשיקט נאך אינאוואראצלאוו. מיר זענען דאָרט געוועזן צוויי יאר מיר זענען געוועזן שטאט ארבייטער ביי פארשידענע ארבייט, אויך האבען מיר געארבייט ביי דער באהן, פון קיין הונגער האבען מיר נישט געוואוסט, און אויך נישט געהיטן אונז, און די פרייהייט האט געקאסט קרבנות. די שרעקליכע טראגעדיע האט מיך געטראפען ווען און אגעוויסען זונטאג איז מיין ברודער זלמן געגאנגען באזוכען אונזער שוועסטער רחל אין לאיאווע, אַכט קילאָמעטען ווייט פין אונזער לאגער, דאָרט האבען זיך געפינען אגרויסע גרופע פשייטשער מיידלעך. די געסטאפא האט זיי ביידע געכאפט אויסערן לאגער, און זיי ארעסטירט, און זיי געברענגט אין שטראף־לאגער. ווי עס האבען מענשן דער ציילט, האט מען זיי דארט שרעקליך געפייניגט און באשולדיגט אלס שמוקלער מיט לעבענס־מיטעלן ווייל מיין שוועסטער רחל האט איהם מיט געגעבן פיל עסענווארג, און דארט זענען זייא אומגעקומען דורך דיא בלוטיגע נאצישע הענט הי״ד. אויך יעקב פראכאווסקי איז אומגעקומען דורך די געסטאפו, מען האט איהם געטראפען אין שטאָט אריינלייגען א בריוו אין פאסט קעסטעל, אויך זעליג בארנשטיין איז דארט אומגעקומען, מען האט איהם געחאפט אין שטאט מיט עסענווארג. מיט אנאטירליכען טויט איז געשטארבען הערש זינגערמאן, און מען האט איהם קובר געוועזן אויפן פאלישן צמענטאר, עס זענען אויך פארגעקומען צוויי סעלעקציעס, דאס הייסט אויסגעקליבען מענשען צו שיקען קיין חעלמנא, (פארניכטונגס לאגער), די ערשטע האט מען גענומען

די עלטערע פשייטשער יידען, וואס זענען געוועזען מיט אונז. איידער געדענק איך נישט אלע נעמען די וואס כ'געדענק זענען איטשע ווידען, משה ראווסקי, שמשון זיכלינסקי דער קאמאשען שטעפער, משה פלאצקער, פנחס רומר, משה ראוך, ישראל חיים זיעלינסקי, אברהם עקערט, און מרדכי פאזנער. די צווייטע סעלעקציע איז פארגעקומען דעם סוף 1943, מען האט אונז גענומען אָן אויסנאהם אויפן געסטאפו פלאץ, ווי אויך פון אנדערע לאגערן, זעהר פיעל יידען זענען דארט געוועזען פארזאמעלט, עס איז אפאקט דאס 35 יידען פון אונזער לאגער האט מען צוריק אפגעלאזט, מען האט געזאגט אז דאס איז אדאנק דעם אינאווראצ־לאווער שטאט־ראט, ווייל זיא האט געדארפט די יידען צו דער שטאט ארבייט, מען האט די אלע יידען געפירט קיין העלמנא, עס איז מיר געוועזען שווער צו פארשטיין דאס איך אויך אנדערע האט מען באפרייט, און דאגעגען גענומען הויכע און געזונדע שטארקע מענער קיין העלמנא, ווי צום ביישפיל די זון פין יחזקאל מרדכי לענציצקי אין אנדערע, ווארשיינדלייך איז עס געוועזען לויט אליסטע. די צאָל יידען פשייטשער וואס מען האָט דאן גענומען זענען געוועזען בערך 40 מאן, די נעמען געדענק איך איידער נישט, דאן אין יאהר 1943 בערך ראש השנה צייט האבען די נאציס אויפגעלעזען אלע פראווינץ־לאגערן, צונויף גענומען אלע יידן פין דער גאנצער געגענט אן אויסנאם אין געשיקט נאך אוישוויץ, מיר פשייטשער יידען האט מען זיך ווי ווייט מעגליך געהאלטן צוזאמען, און אויך געפארען אין איין וואגאן, די רייזע קיין אושוויץ האט געדויערט בערך 24 שעה אין פארשפארטע וואגאנען אָן לופט אָן עסען און טרינקען, איינער האט נישט געקענט העלפן דעם צווייטן. פארשמאכטע, פערחלשטע, פארווייטאגטע און צעבראכענע זענען מיר אן געקומען אין גיהנום אושוויץ, וועלכעס איך קאן נישט באשרייבען, ממש דאס גיהנום אויף דער וועלט, בייגאכט אין די גרויסע פינסטערניש, און די גרוסע ווילדע הינט וועלכע האבען געריסען שטיקער פלייש פין די אונגליקליכע, און די קלעפּ איבער די קעפּ פין די נאצים מיט די גומי־שטעקענס, די געשרייען און די געוואלדען סיי פין די פייניגער און סיי פין די געפייניגטע זענען געוועזען אומגעהויער גרויס. נאך אסעלעקציע אויפן באַן הויף האָט מען אונז אוועקגעפירט אויף מאשינען און מיר האבען געגלויבט אז מען פירט אונז שוין צום פארברענען, הערשל ווישניעווסקי וואס צופעליג בין איך געוועזען לעבן איהם, האט דערמאנט זיין פרוי אין קינדער יעדען באזונדער, און געזאגט ווידוי און קריאת שמע, מיט גרויס געוויין, אנקומענדיג אין לאגער אושוויץ אין נאך גראען פריהמארגען, האט מען ווידער געמאכט אסעלעקציע און צעטיילט און פארשידענע ארבייטס לעגערן, מיך האט מען געשיקט אין די גרויסע פאבריק א. ג. פארבען אין בונה. אין בונה זענען געוועזען זעהר ווייניג פשייטשער יידען, אבא בוקס איז דארט באלד אומגעקומען, יעקב פישער געפינט זיך היינט און אמעריקה, מענדל פראנקענשטיין, געפינט זיך און פשייטש.

אין ינואר 1945 ווען דאס רוסישע מיליטער האט זיך דער נענטערט האבען די דייטשען ליקווידירט אלע לאגערן פין דער ארומיגער אושוויצער געגענט, נאך 15 שעה גיין זענען מיר אנגעקומען קיין גלייוויץ, דארט האב איך

געטראפען פשייטשער מיידלעך, צווישען זייא אויך דעם פשייטשער רב׳ס טאכטער אסתר, איך באצייכען דעם פרט ווייל אסתר זעמעלמן האט מיר דאן געגעבען אברויט וועלכעס האט מיך דערהאלטןביים לעבען, נאכהער האבען מיר נאך געוואנדערט אין געטריבען געווארען פין די דייטשען בערך צוויי וואכען ביז מיר זענען אנגעקומען קיין בוכענוואלד, מיר זענען באפרייט געווארען כ״ח בניסן תש״ה, דעם 11.4.45 דורך דעם אמעריקאנער מיליטער, צו מיין גרויסער איבערראשונג האב איך געטראפען אין בוכענוואלד אונזער פריינד און חבר פין די קינדער יארען ראובן יאמניק, איך געדענק נישט פאר וואס מיר האבען זיך נישט געהאלטן צוזאמען, אבער די הויפט זאך דאס מיר זענען יעצט צוזאמען אין ישראל, אזוי האבען מיר די שארית הפליטה זיך צונויף געזאמעלט אין ישראל, זאלען אונזערע קינדער אין משפחות זיין אטרייסט...

משפחתי ובית אבא

ולבסוף כמה מלים על בית אבא ומשפחתי ז״ל. אבא ר׳ מרדכי בנימין כידוע היה במקצועו שען שקיבל בירושה מאבותיו בקלודבה. הוא היה תלמיד חכם גדול ומעין בלתי נדלה של דברי תורה ופשעטליך. אפשר היה לשבת אתו שעות ולהקשיב לאמרותיו התורתיות, היה יוצא ונכנס קבוע אצל הרב זמלמן ז״ל. בסעודת שלוש סעודות שהיה אצלו כבר מנהג קבוע להשתתף יחד עם כל הלמדנים והפני של העיירה והשתתף בכל דברי התורה, גם בבית המדרש למד בכל ערב. בוודאי ישנם עוד כאלה שזוכרים את סבתי הרישעשיצערון, כך קראו לה בעיירה, בוודאי עוד זוכרים שבשנת 1924 היא נסעה לארץ ישראל אל בתה שיינדל שכבר היתה אז בארץ עם דודי בונים ברקנפלד. אך לצערי הרב לא החזיקו מעמד בארץ וחזרו לפולין ללובין, מקום שגרו בו לפני עלותם לארץ ישראל, והיתה להם חנות בדים.

ובכן, אבא מרדכי בנימין, אמא חוה, אחותי זלדה היתה נשואה למנדל פישר, היו להם 2 ילדים, היו בפשדץ עד החסול הסופי, אחותי השניה רחל היתה במחנה לויאווה על־יד אינוברוצלב, נהרגה יחד עם אחי אברהם זלמן הי״ד בעת שביקר אצלה במחנה, ואנשי ס.ס תפסו אותם מחוץ למחנה והרגום. אחותי השלישית גיטל (גוטה) נפטרה ממחלה ברגל מחוסר טיפול נכון בשנת 1933 בערך. אחי הקטן ישכר לייבוש הלך עם הטרנספורט הראשון לפוזנה, מהמחנה הזה כמעט לא נשאר שריד. אבא היה יליד קלודבה, היו לו שני אחים ושתי אחיות, משפחות גדולות, וחוץ מבן דוד אחד ששמו גם כן יהושע דוידוביץ, לא נשאר אף שריד מכל המשפחה. בן דודי הנ״ל עלה ארצה בשנת 1934. קרובים מצד אמי גרו בלובין, אח ואחות, דודה שיינדל ודוד בונים ברקנפלד. הם היו תקופה מסויימת בארץ אך לא הסתדרו אז וחזרו לפולין, כנ״ל. אחות השניה של אמי גולדה, בעלה הערש ליפמן פערלה היה תלמיד חכם, היו להם 5 ילדים, שני בנים — אברהם זלמן, ומרדכי, בחורי ישיבה ושלוש בנות, למדו גם מקצוע הסריגה במכונות שהביאו לפשדץ. בסוף מכרו את הבית ועברו לגור ללודז׳ אחרי שהדוד

הערש ליפמן נפטר פתאום, בערך בשנת 1935. באותה השנה בערך נפטר גם איש תלמיד חכם מורי ורבי ר׳ אברהם הערש סקוברונסקי ז״ל, באופן פתאומי. בנו יחידו היה חברי הטוב, ישראל ליב, היה אתי במחנה אינוברוצלב אך לא החזיק מעמד והגרמנים לקחו אותו יחד עם דודו שמשון זיכלינסקי ומשה רבסקי ועוד ומשם לא חזרו יותר...

בשנת 1937 שלחו אותי הורי ללמוד בישיבה בלודז׳. למדתי שם בערך שנתיים, מדי שבוע הלכתי לשוק העופות ברח׳ וולבורסקה ע״י בית הכנסת הגדול כדי לקבל ממשה ראוך דאר מהבית. העגלון היה אפרים ענגל, כי אוטובוסים לפשייטש לא היו אז. על יד השוק היה גר אלתר ווישניעווסקי, הבן של יוסף ווישניעווסקי, אצלו אכלתי יום אחד בשבוע, תקופה מסויימת עבד אצלו גיסו אבא בוקס. גם הבת של איסר מורגנשטרן, צפורה ובעלה זיעלינסקי ראובן בן אליה זיעלינסקי, גרו בלודז׳. גם ר׳ יצחק יוסף אורבך, איש תלמיד חכם, עבר ללודז ושם היה שמש בבית החסידים דגור. מפעם לפעם נסעתי הביתה עם העגלון אפרים ענגל. יצאנו מלודז׳ לפנות ערב והגענו לפשדץ למחרת בבוקר. הנה קבוצת בחורי ישיבה מפשדץ, האחים משה ושלמה טורונציק, בני בנימין טורונציק, הם למדו בורשה, ישראל לייב סקוברונסקי למד בלוביץ, בהשתדלות החסיד מלוביץ ר׳ איטשע וויידן ז״ל, יהודי יקר, גבאי דבית המדרש ועושה צדקה וחסד, כדאי להקדיש לו מקום נכבד בספר. הוא היה אתי במחנה עבודה אך לא זמן רב, לקחו אותו אחרי שהתמוטט, אתו לקחו גם כן את משה פלאצקר הקצב, את משה רבסקי,



זלמן דבידוביץ וחבריו ז״ל בעת פירוק בנין מגורי המורים בפשדץ.
ביניהם לוי שווייצר יבדל״א, הנמצא בישראל.

שמשון זיכלינסקי ועוד. זה היה בערך חצי שנה שהיינו באינוברוצלב. במחצית השניה של שנת 1938 חזרתי הביתה מלודז׳ והבאתי אתי מכונת גרביים, לימדתי גם את אחי אברהם זלמן, התקדמנו יפה וקנינו עוד מכונה והיו לנו תכניות שונות, אך הכל נגוז ונמס בפרוץ המלחמה.

בשנת 39—1938 היו חיים תוססים בעיירה, היו קיימים כמעט כל הארגונים הפוליטיים ובין כל הארגונים האלו שררה אחוה ואחדות. אני הייתי שייך למחנה ז׳בוטינסקי, אגף הדעת בברית החשמונאים. עתונים „היינט״, „מומנט״ ואחרים קבלנו יום יום, „היינט״ קיבל חיים אהרן אורבך ז״ל. 5 גליונות מומנט קבלנו אנחנו וחלקנו אותם. יש לציין שהרב זעמעלמן ז״ל היה קורא נלהב של המומנט, ובהרבה מקרים הזדהה עם תנועת ז׳בוטינסקי. היינו מבקרים אצלו כמעט יום יום עם האחים משה ושלמה טורונצ׳יק והכרנו את הרב מקרוב. היה איש גדול מאוד בכל השטחים. וכך חייתה העיירה את חייה היהודיים, איש איש ופעלו, מחשבתו ומעשיו, ובתוכם גם משפחתי, עד שעלה עליהם הכורת הנאצי והשמיד את כולם, הי״ד.

זכור את אשר עשה לך עמלק מדור דור לנצח.

י. ל. ל. שלומי

הא לחמא עניא

זיצט ביטע אנגעלענטערהייט, היינט איז דאך דיא ערשטע סדר נאכט, קיין פעדערין אין דיא דעקען אין קישענס זענען נישט פאראן, דיא דייטשען האבען זיי צוריסען. אין דיא פעדערין מיטן ווינד צעוואָרפען. גאלד, זילבער אין צירינג האבען זיי אין דיא קישענעס געזוכט.

זיצט, זיצט, ווי איינעם איז באקוועם, אין הארכט זיך צו, דאס איז דאך דער לעצטער סדר אין שטעטעל, אין דער צווייטער ביי אזעלכע באדינגונגען, מער וועט מען דא נישט זינגען, חאטש מען זינגט שוין נישט לאנג.

דא אין דיא זכרונות פין לעצטען סדר אין שטעטעל פשייטש אין 1942 קורץ פארן פארסאמען אין דיא מאשינען-גאז קאמערן אין לאגער חלמנו דערמאנט מען ווייניג וועגען דיא הגדה, וועגען דעם נס פין יציאת מצרים, מען דערמאנט אויך נישט וועגען מצות ווייל אזעלכע זענען נישט געווען, ארים ברויט יא. דאס ריכטיגע „לחמא עניא״, מרור מיט אפולע מאס, אבער דעם סדר פסח האט מען אבגערעכט.

הינדערט מיידלעך זיינען מיר געווען מיט איין יינגעל אבראמעק זיכלינסקי אין ערשטען טראנספארט אין 1940 ערציילט טובטשא יאקובאביטש. מען האט צונויפגעזאמעלט לויט ארשימה פין יידען־ראט. עס האט געהייסען אז מיר פארען ארופ־רוימען דיא קארטאפעל אין בוראקעס פין דיא פעלדער, דאס איז געווען סוכות צייט, זיי האבען אינז צעטיילט אין דריי גרופען נאכ׳ן אנקימען

אין דיא געגענט פין פאזנאן, אין געשיקט אין דריי פאלווארקען — פארוואנדעלטע אין ארבעטס־לאגער'ן, גנוינא, לאיאווע, אין טוצ'נו. איך בין געווען מיט מיין שוועסטער העלה, מיר האבען געהאט מיטגענימען בעטגעוואנט, קליידונג אין וועש, שווער האבען מיר געארבייט פין זין אויפגאנג ביז פינצטער, דיא אויפזייערס ארטיגע פאלקס דויטשע האבען ליעב געהאט מיט קלעפ אין שמייסען צו באווייזען זייער גרויסקייט, אין שטארקייט. דער לאגער האט געהאט אקוך פאר זיך, נאר מיר האבען דיא ערשטע צייט באקימען פעקלעך אין אויך אביסעל געלט פין דער היים. עס פערשטייט זיך אז נישט אלע עלטערן אין נישט אין דיא זעלבע מאס האבען געקענט העלפען, עס זיינען אויך געווען פאלען אין לאגער אז נאנטע האבען זיך געהאלפען. פריי זיינען מיר נישט געווען צו דיא שעה אויפשטיין, אין צו דיא שעה שלאפען, וועגען ליכט אין דיא וואוין ערטער, אבער מעגליכקייט



הגב' קיילה יקובוביץ ז"ל ובנותיה: העלה וטובצ'ה תבדל"א, המתגוררות בישראל.

צום קולטורעל אויסלעבען לעגאל זיינען נישט געווען. בריעף אויסטויש מיט אינזערע משפחות זיינען געווען באגרעניצט, מיר האבען געבענקט אין פיעל צוליעב דעם אדורכגעקלערט. פין צייט צו צייט איז ווער פין אינז אהיים געפארען אויף אפאר טעג. דיא אורלאפען האבען מיר זיך געמוזט קויפען פאר געלט, אבער אמתנה פאר דעם לאגער פירער, דעם פאלקסדויטש אורבאנסקי, אדער אאנדערן דינער פין דיא היטלעריסטישע בייזע באשעפענישען.

דאס ערגסטע איז געווען דאס איבערפירען אינז פין איין ארט אויף אאנדערן, מעט האט שוין געהאט זיך אביסעל איינגעארדנעט, אביסעל שטרוי אויף דיא נארעס, מען האט שוין געהאט אביסעל בעקאנטשאפט ביי דיא ארומיגע איינוואוינער ביי וועלכע מען האט פאר אביסעל עסען אוועקגעגעבען אינזער האב

אין גיטס — משטיינסגעזאגט — האבען זיי אינז איבערגעפירט אויף אנייען פלאץ. אלאנגע צייט זיינען מיר געשלאפען אין טעאטער זאַל אין אינברוצלאב אויף נאקעטע ברעטער אויף דער סצענע, אין דאס איז געווען אין ווינטער, פין אלע זייטען האט געבלאזען אפראסטיקער ווינד אין אלע זיינען מיר געווען פארקילט. בריוו פארשטייט זיך האבען מיר באקימען אדער געשריבען אין דער דייטשער אדער פוילישער שפראך. פארזיכטיג האבען מיר געמיזט שרייבען, אין צווישען דיא שורות, נישט אלעס קאַן מען ארויסלייענען.

פאר פסח 1942 אדאנק אביסעל געלט וואָס איך מיט מיין שוועסטער העלה האבען באקימען פין דער היים האב איך באקימען דריי טעג אורלויב.

שוין צוויי יאר נישט געזעהן מיינע עלטערן אין ברודער, אז מיין ברודער מרדכי איז אין אגעפאנגען לאגער אלס פוילישער זעלנער האב איך דעמאלס נישט געוויסט, אבער איך האב דאך געהאט דיא עלטערן אין נאך צוויי ברודער יעקוב אין נטע.

מיט אציטערנדיקען אימגעדולד בין איך געזעסען אין דיא באן. אין דא האב איך זיך געמוזט היטן, איך האב נישט געהאט ערלויבניש אויף דעם מיטל לוקומוציע.

מיט גרויס פחד בין איך ארויס אויף דיא לעצטע באן סטאנציע אין דארף צעטעי, אין דיא לעצטע 8 קילאמעטער צופיס געמאכט.

איך בין אריין אין שטעטעל ערב פסח פארנאכט, ווען דיא יידען האבען געדארפען צו גיין אין שול, איך אבער האב קיין ייד נישט באגעגענט. עס איז מיר אקעגען געקימען אשווידערליכע שטילקייט אין אשרעק פין אלע זייטען.

אין מיין שטוב האב איך נישט געקענט אריין. מיינע עלטערן האבען געמיזט אריבער אין געטטא אין אלעס איבערלאזען, אקריסטין האט מיר אנגעוויזען ווי דער יידען קווארטאל געפינט זיך. פשייטש איז אקליין שטעטעל אין עס איז נישט שווער געווען צו געפינען דעם אָרט ווי דיא איבערגעבליבענע זענען אין גרויס ענגעניש אין דוחק איינגעארדנעט.

דיא מוטער מיינע האב איך אין שטיב געטראפען, דער טאטע איז נאך געווען ביי דיא ארבייט. דיא פאליציי שטונדע איז נאך נישט אנגעקימען, ער אלס שניידער האט געארבייט ביי אפאלקסדויטשקע וואס האט געוואוינט אין די דירה פין דיא פאמיליע ראפופורט. מיינע ברודער זיינען שוין געווען אין איינעם פין די מערדערישע לאגערן אין מער אין מיין לעבען האב איך זיי שוין נישט געזעהן.

עס זיינען זיך צוזאמען געקימען פיעל עלטער'ן פרעגען זיך וועגן זייערע טעכטער. מער ווי אגריס האב איך נישט געקענט איבערגעבען. איך האב דאך נישט געקענט זאגען דעם גאנצען אמת. אבער אין פארלויף פין מיין לעצטען באזוך האבען אינזערע עלטערן נאר גערעדט וועגן חלמנו, אין וועגן דערנענטערן זיך דיא ליקווידאציע פין דעם געטטא. זיי האבען גענוי געוויסט וואס דארט קימט פאר. דער טאטע איז געקימען שפעט, אין נאכן אבדאוונען האט מען זיך געזעצט צום סדר. פיעל פרויען זיינען געווען פארזאמעלט, זייערע מענער זיינען געווען אין לאגערן, אין צווישען דיא פרויען זיינען שוין געווען אלמנות — חאָטש נישט אלע — האבען וועגען דעם געוויסט. עפעס אקליין יינגעל האט

געפרעגט דיא קשיות „מה נשתנה הלילה הזה" אין מיטן איז ער אויסגעבראכען מיט אשטיקענד געוויין אין אויסגעשעפצ'יעט חלמנו. אפשר פינף יאר איז דאס קינד אלט געווען, איך געדענק נישט וועמעס עס איז געווען. דיא פענצטער זיינען געווען פארהאנגען, אויפן טיש האבען געברענט צוויי ליכטלעך, דיא מאמע מיינע האט אויף דיא קוך געהאט אבגעטריקנט עטלעכע ווייסע פלעצלעך. מיר אלע האבען זיך געהאלטען מיט אלע כוחות נישט ארויסצוברעכען מיט אגעוויין, אבער ווען דער טאטע מיינער איז צוגעקימען צום פסוק „ונצעק אל ה' אלהי אבותינו וישמע את קולנו" האט ער שוין אליין זיך נישט געקאנט באהערשען, אין מיט אשטיל געוויין קוים צוגעקימען צום סוף.

דאס איז געווען דער לעצטער סדר פסח מיט מיינע עלטען. אין נאך מיין צוריק פאהרען אין לאגער האב איך זיי שוין מער נישט געזעהן, אין אויך נישט געהערט. אבער ווען איך בין אין לאגער צוריקגעקימען האב איך ווידער געמוזט אלעס דערציילען, נאר דא האב איך שוין נישט געקאנט זיך באהערשען.

מרור. ביצה. רושקה נעם מיך מיט. זרוע, כרפס, מצות. חלמנו. גאז־קאמערן אויף רעדער. חרוסת. יין. אלעס, אלעס, איך האב גארנישט פארגעסען. שיינע לייכטערס מיט ליכט, ווייסער טישטיך, צוגעדעקטע מצות, אלעס, אלעס, אזוי ווי עס דארף צו זיין, לושקע לאז מיך נישט איבער. אלעס זעהר שיין. טראדיציע, מסורת, ריין אהן חמץ. כשר. אהן זכרונות, אהן ביטערע געדאנקען, אהן עלטערן, אהן קברים פין ברודער אין שוועסטער, ווי מאכט מען דאס, ווי קען מען דאס.

מיט דיא ווערטער הייבט אהן דיא ערצעלונג רושקה (שושנה) יאכימוביץ, איר ערצעלונג וועגן לעצטען פסח וואָס זי האט איבערלעבט אין פשייטש אין 1942. מיך האט מען פארשיקט נאך גנוינא, אדארף נישט ווייט פין אינברוצלב. אפאלווארק. פין 1940 אין יעשען צייט האב איך אנגעפאנגען דארט צו ארבייטען אין פעלד ביים אויסקאפען קארטאָפעל, בוראַקעס, הינטער א שמירה פון ווילדע אכזריותדיגע פאלקסדויטשען באוואפענטע מיט שטעקענס, בייטשען, אין אנדערע כלים צום שלאגען איבער די נאסע פין רעגען איינגעבויגענע פלייצעס. ספעציעל בעסטיאליש האבען זיי זיך אויפגעפירט צו דיא שוועסטערס קרעל, און ענגעל. נישט קיין טאג, נישט קיין נאכט אהן שלאגען זיי ביי אקאמפאנאמענט פין ווילדע געלעכטער. אספעציעלען פארגענוגען האבען זיי געהאט פין שלאגען אין קאפען דיא אומגליקליכע מיידלעך ביז צום בליט. אנדערע מיידלעך האבען זיי אויך געשלאגען. נאר איבער זיי האבען זיי זיך איזדעקעוועט אויף אספעציעלען חיה'שען אופן. גארנישט האט זיי געפאלען, גארנישט האבען זיי גיט געטוהן. נאר דער אמת איז, אז זיי האבען פשוט אויסגעקליבען זיי פאר אקרבן. אהן שום סיבה, פארגארנישט. ווייל אזוי איז עס, ווייל זיי זיינען דיא הערשער, דיא הערען. דיא קולטור, איך גלויב אז זיי האבען אפילו נישט געקענט שרייבען אין לייענען. זיי האבען שוואך גערעדט פויליש אין נישט בעסער דייטש. דאס איז עס, ביי זיי אין דיא הענט איז געווען דער שטעקען. אין מיט דעם האבען זיי געוויסט זיך צו באניצען. נאכן אברייניקען דיא פעלדער אין אראפשלעפען זעק פילע מיט פראדוקטען אויף דיא פלייצעס. אין דערנאך איינשפאנען זיך

אין דיא וואגענס ווייל פערד האבען זיי געשוינט. האט מען אינז באשעפטיגט ביים באדינען חזירים, קיען אין פערד. שניידען שטרוי, קאכען פאר דיא בהמות קארטאפעל, ביי דעם האבען מיר אויך אביסעל געגאסען, גנבנדיג עסען פין דיא חזירים. נישט אלע האבען געהאט פאר וואס צוצוקויפען עסען ביי דיא ארומיגע פויערען אדער איינציטוישען פאר אמלביש.

אריבער איאר האבען מיר אזוי געלעבט, דערנאך האבען זיי אינז אריבער געפירט אין לאגער לאיאווע. דא זענען דיא וועכטער געווען אביסל מער מענשלעך. זיי האבען נישט געשלאגען. דא האבען מיר געארבייט אויך נישט לייכט. אין אפשר נאך שווערער. מיר האבען געקאפעט ריווער, אויסגעגלייכט וועגען, איבערגעפירט אויף רולקעס (וואגאנעטקעס) ערד וועלכע מען האט צום ערשט אנגעפילט אין דערנאך אויסגעליידיקט אין צושיט געהעריג איבערן וועג, פאר־שיטנדיג די גריבער אין קאלוזיעס.

אין דיא זעלבע צייט דאס הייסט סתיו 1941 האבען זיי געברענגט צופירען נאך איין גרופע פין 30 פשייטשער מיידלעך אין לאגער טוצ׳נו, נישט ווייט פין אינז. אין דיא גרופע האט זיך אויך געפינען דאס מיידעל קיילה ווישניבסקה. אין דיא זעלבע צייט בערך האבען זיי אויך געברענגט אגרויסע גרופע מענער פין פשייטש צו דיא ארבייט אין אציקער פאבריק נאך לאיאווע. מיר האבען באקומען ווייניג עסען אין זיי דיא מענער נאך ווייניגער. פין הינגער אין שווערע ארבייט זיינען פיל פין זיי געשטארבען, אין דיא שוואכע האבען זיי געשיקט אין דארף אמזע נעבען אינברוצלב ווי זיי זיינען געווארען געשאסען דורך די דייטשע הענקער. צווישען אנדערע זיינען דארט אימגעקימען יעקב פנחס רומער, דוד ווישניעבסקי, הערש זיעלינסקי, שלאמעק מאקוביצקי, משה ראוך, מענדעל קוויאט, דוד אין זיין פאטער ישראל חיים זיעלינסקי, מאניעק ראוך, אין פיל אנדערע.

אין אנפאנג 1942 זיינען געווארען ליקווידירט דיא לאגערן טוצנו אין גנווינא, אין אלע פארשיקטע זיינען איבערגעפירט געווארען אין לאגער לאיעווע. עס איז אויך אנגעקימען אגרויסע צאל יוגענט פין שטעטעל ראדזיעיאב, אין לאיעווע האבען דיא אָנפירער פין לאגער אויסגעווילט קיילע ווישניבסקה פאר אאויפזעערין איבער דיא מיידלעך (יידען עלטעסטע). פין איר דארף מען ערציילען אצווייט קאפיטעל, זיא האט זיך ביי דיא פשייטשער מיידלעך אין לאיעווע פארשריבען מיט שיינע אותיות. זיא האט ארגאניזירט אווערקשטעל פאר שניי־דערינס מיט יטה לנציצקה בראש. אווערקשטעל פאר שטריקערינס, פאר אריבער 10 מיידלעך, דיא ארבייט איז נישט געווען קיין שווערע, אין שטילערהייט האבען זיי פארדינט אביסעל עסען וועלכעס מען האט איבערגעגעבען פאר דיא הינגעריקע מענער אין דיא צוקראווניע. אבער ביי דעם אלעם זענען מיר געווען אומרואיק, פין דיא עלטערען פין שטעטעל זיינען געקימען שלעכטע ידיעות. אדאנק קיילה ווישניבסקה האב איך באקומען אגאנצע וואך פריי איך זאל קאנען אהיים פאהרען, אחוץ מיר זיינען אויך אהיים געפאהרען אויף דעם ביטערן פסח, חוה זיעלינסקי, פייגה פשעדעצקה, טובה יאקובוביץ, בריינה ענגעל, בריינה אופנבאך. מיר האבען זיך געהאלטען באזונדער, אין פאל ווען דיא דייטשען וועלען וועמען פין אינז כאפען, (ווייל מיר זיינען נישט לעגאל געווען), אבער מיר

זיינען אלע אנגעקימען אהיים. אין יעדער פין אינז האט שווער אדורכגעלעבט דיא טעג מיט דיא נאנסטע. איך האב געפינען מיין מיטער, א אכט יאריגען ברידער׳ל לוי אין געטטא. זיי האבען זי ארויסגעווארפען פין דיא דירה. מיין פאמיליע האט יעצט געוואוינט אין א דאך צימער׳ל ביי אברהם פישער. דעם טאטען מיינעם חיים קלאדאווסקי מיט מיין עלטעסטען ברודער האבען זיי ארויסגעפירט צו דיא ארבייט עטליכע וואכען נאך מיין פארשיקען אין קורץ נאך דעם האט מען שוין פין זיי קיין שום ידיעה נישט געהאט. מען האט מיר געזאגט אז דער טאטע איז אימגעקימען ביי דיא באן ארבייט אין אינברוצלב, נאר ווי איך האב זיך דערנאך דערוויסט האבען זיי איהם גענימען אין טויטן לאגער אמזע אין דארט אומגעברענגט. זאגט מיר טייערע מיינע, ווי איז אייער קבר, ווי איז אייער געביין, ווען איז דיא יארצייט.

מיין מיטער האט געהונגערט, זיא האט אלעס פארקויפט אין געשיקט מיר פעקלעך אז איך זאל קענען אויס האלטען דיא פיין. מיין קליין ברודערל איז פין דיא צרות דאר אין קליין געווארען. ער האט פעלערהאפט אונגעהויבען צו רעדען. ווען איך בין צוריך אוועק אין לאגער האט ער מיך באגלייט. אויפן וועג האט ער מיך געבעטען, לושקה נעם מיך מיט. לושקה איך וויל נישט שטארבען. זיי וועלען אינז אלעמען נעמען אין חלמנו אין פארגאזעווען אין פארברענען. ברידערל מיינס ווי קען איך עס, איך ווייס דאך אליין נישט וואס מיט מיר וועט זיין. אבער לושקע איך וויל נישט שטארבען.

יעדען פסח הער איך דעם קול פין לייוועלען. לושקה איך וויל לעבען,
לושקה, לושקה, לושקה.
אין וויל לעבען.

י. ל. ל.

די שטילע גבורה

אין אונזער ערצעלונג באערען מיר דעם גרויסען טאט פין יעקב יקובוביץ ז״ל

אין אוואכען טאג צווישען יום כפור אין סוכות האבען זיי ארויסגעשלעפט אלע מענער פין 14 יאהר פין דיא שטיבען, צוזאמען געזאמעלט אלע אויפן נייען מארק אין אויסגעשטעלט אין אהאלברונד, ביי דיא אפענע זייט זענען געשטאנען דריי פארשוינען אין גאבארדין מענטעל מיט אויפגעהויבענע קעלנער, אין אויף דיא קעפ טירולישע קאפעלושען מיט פאווענע פעדערן, נעבען זיי אקליין טישעל באדעקט מיט ווייס פאפיר אין אויף דעם אפריזיער מאשינקע מיט אשער.

כמעט אלע יידישע מענער פין שטעטעל זענען געוועזען פארזאמעלט מיטן רב בראש, אין נעבען אים זיין געטרייער באגלייטער דער האלב-בלינדער

אלטער איטשע שמש, אלע מענער זענען געוועזען פארזאמעלטע, אין פארשידענעם עלטער, פין 14 יאהריגע קינדער, אין קלענערע וועלכע האבען דעם טאטען נישט געוואלט אליין לאזען גיין, אין אזעלכע וואס מען האט אינטער דיא ארימס געהאלטען, פין יאהרען שוין אין דיא גאס צוליעב דיא עלטער נישט געגאנגען, אלע האבען זיי פארזאמעלט, העלפערס האט זיי נישט געפעלט.

דא שילדערט מען נישט דיא נאטור, אין ארום אינז אדיקע מויער פין חוזק אין שפאט, זיי שטייען אין דיא הויכע גלאנציגע שטיוועל אין גלאצען אויף אינז אויס די אימפארביגע אויגען, בלאסע נארקאטישע פנימער מיט זעהר דינע ליפען.

זיי זענען דער גורל.

זיי זענען דיא הערשער ראסע.

אלע יידען זענען פארזאמעלט. ווייל עס זענען געווען אזעלכע וואס האבען געהאלפען אויפזיכען דיא באהאלטענע. נאך בערך אהאלבע שעה שטיין האט איינער פין דיא דריי אגעשריי געטוהן... מיצע אב! ערע פיר דאיטשע סאלדאטען. דערנאך האט דער זעלבער אנגעהויבען שרייען דאס האט געהייסען ביי איהם אאויפקלערונגס רעדע. וועגען דיא נידערטרעכטיגקייט פין דיא יידען. ער האט גערעדט אזעלכע ווערטער וואס אמענש פין די נידעריגסטע קולטור וואלט זיך געשעמט מיט אזא לעקסיקאן צו באנוצען.

עס האט זיך געענדיגט דאס אבגענארען דיא פויערען אין דיא ארבעטער דורך דיא שמוציגע יידען, דיא פאראזיטען הינט וועלען מיר מאכען פראדוקטיוו.



קבוצת בנות מפשייטש בעת עבודת כפיה

די חזרים וועלען מיזען ארבעטען פארן זיג איבער דיא וועלט פאר דיא נארדישע הער׳ן ראסע. אזוי האט ער געשריגען מיט ארויסגעגלאצטע טויטע אויגען בערך א צוואנציג מינוט אין געענדיגט מיט דעם אז יעצט וועלען זיי איינפירען היגיענע ביי דיא שמוציגע שווייגען הינט. ער האט ציגעריפען אארטיגען פריזיער פיז צווישען די יידען אין געהייסען אים שערן דיא בערד, אבער נאר איין זייט. נאך דעם האבען דיא אבגעשוירענע יידען ארויסגעזעהען ווי עפעס אקרענק וואלט זיי פארקרימט דיא פנימער. זיי דיא הערען האבען זיך געקייקעלט פין געלעכטער. אינטער געשפרינגען אין געקלאפט זיך מיט דיא לאדונעס אויף דיא זייטען פין דיא הויזען. זיי האבן ארויסגעריפען איין עלטערן ייד וואס האט זעהר אומגליקליך אויסגעזעהן מיט דיא הענגענדיגע גרויע האר פין דיא האלבע בארד זיינע. אוועקגעשטעלט איהם אין מיט׳ן האלב רונד פין דיא פארזאמעלטע און ווידער אנגעפאנגען צו שרייען, וואס פארע מיאוסע נישט קולטורעלע אין שמוציגע דיא פאראזיטען זענען. אין דער ייד איז געשטאנען צום ערשט פארשעמט, טרויעריג, אין דערנאך האט ער אנגעהויבען צו שמייכלען. האט אים מיט כעס דער דייטש געפרעגט, וואס ווילט דיך אזוי ? דער ענטפער איז געווען אאויסער־געוועגלעכער — אקדיש נאך אייער קולטור דארף מען זאגען.

צום מזל האט דער הענקער נישט פארשטאנען דעם יידישען ענטפער, אבער דאס ווארט קולטור האט ער געכאפט, האט ער נאך מער אנגעהויבען צו ווילדעווען אין אטייל פין דיא פארזאמעלטע צו דיא פלימפ אהין געפירט. צוויי האט ער געהייסען דרייען ביי דיא רעדער, דאס הייסט פלימפען וואסער, אין איינער פין דיא יידען האט געמוזט שטיין הינטער דעם שטרום וואסער. ווען ער איז שוין געווען שטארק נאס האט איהם געמוזט פארטרעטען אאנדערער אין דער נאסער איז געצווינגען געווען צו גיין צו דיא איבריגע יידען וואס האבען געמאכט גימנאסטיג. זיי האבען געמוזט לויפען, שפרינגען, ציען זיך אויף דיא ערד. אבער דעם רב אינזערען האבען זיי געצווינגען איבער צו טראגען שווערע קלעצער האלץ פין איין ווינקעל אין אצטווייטען ווינקעל אריין פין מארק. אין דא איז געשעהן אמיאוס חוצפדיגער טאט פין איינעם פין דיא יידישע ווילדע אויסוואורפען (לויט זייער מיינונג), דער עלטעסטער זין פין דעם שניידער איטשע יאקובאוויטש דער זעקס אין צוואנציג יאהריגער יעקב, איז צוגעגאנגען צו איינעם פין דעם הערן פאלק אין געבעטען מיט טרערען אין דיא אויגען ער זאל איהם ערלויבען צו פארטרעטען דעם רב ביי דיא שווערע ארבייט. פאר דעם פארברעכערישען אויסערגעוועהנליכען טאט האט ער יעקב׳ען אויסגעצויגען אויף דיא ערד אין מיט אשטעקען ארייגעהאקט פינף אין צוואנציג קלעפ איבער דיא נאקעטע פלייצע. דערנאך האט דער געשלאגענער נאך געמוזט מאכען שווערע גימנאסטיק. פארבלוטיגט אין נאס האט מען יעקב׳ן אהיים געפירט ווי ער איז געלעגען אוואך אין בעט.

אזוי האבען דיא הערען געלערנט קולטור און פראדוקטיביזאציע ביז פינסטערע נאכט. ווען זיי אליין זענען שוין מיד אין הייזעריג געווארען האבען זיי ערלויבט דיא פארפייניגטע. געשלאגענע, אין מידע יידען אהיים צו גיין.

פניני לאה (זמלמן)

קינה על עיר שאינה עוד

המלחמה נגמרה ודרכי הביתה...
אחרי כל הסבל הרב (כי אינו) ודרכי הביתה,
אלפים מסתובבים בדרכים, בודדים, בלויים, ותשושים.
רק אתמול נגמרה המלחמה האכזרית,
ועתה כל אחד חוזר הביתה...

כל קילומטר אם ברכבת או באוטו
שאני עוברת בדרכי הביתה,
נראה לי לאט מדי, כנצח,
כל הזמן לנגד עיני צפה
עיירתי החביבה העיר פשייטש
בתיה, תושביה, שם נולדתי אני בת הרב.

הומה היה ביתי, ברוך הילדים
ארבעה בנים וארבע בנות.
כה טהורים, תמימים ועליזים עד אין קץ
אמא אשה צדקנית ובראשנו אבי הרב, הייתכן שאינם ?

כמאתיים משפחות, שכולם הכרתי בשמם,
בעלי מלאכה, חנונים, סוחרים זעירים,
מתפרנסים בדוחק אך בכבוד.
הייתכן ! הייתכן שאינם עוד ! ?

הרכבת עוצרת — קשעוואטה ! קלאדאווא !
יורדים תושבים, איש לא מכירני,
אני מתנחמת... הרי גדלתי ועזבתי כמעט ילדה,
עוד כברת ארץ, ומנגד לעיני מתגלית עיירתי
עיירתי פשייכוש, הו ! כמה אהבתיה !
כנראה שכל השמועות היו לשוא.

כי עיירתי קיימת, כה רגועה נראית שלמה היא.
בראשה עדיין מתנוססת הכנסיה הנוצרית־
הגותית — שלימה
לא. מאום לא קרה שם, ואני רצה לפשייטש
אך מה זה ? עיר מתים היא.

חנות ושוב חנות שתריסיהן מוגפים, היכן בעליהן ?
אני עוברת ברחובות ריקים ובתים ריקים,
דרכי הביתה — לביתי שלי !
מרחוק ראיתיו כן הוא עומד על תילו, גרים בו,
עציצים בחלונותיו, עציצים אדומים כדם, דם !
לא ! לא אלו אמי אהבה...
עלי לדפוק בדלת, בהססנות בפחד בלב,
אשה מרושעת הופיעה.
„מה את רוצה ? את מי את מחפשת ?
שואלת היא בקול חד כסכין שדוקר את לבי.
את בתו של הרב ?...



במקום שנמצאת כעת הגדר עמד בית מגורי הרב ובית המדרש

„איך זה הצלחת לעבור את המלחמה ? ועודך בחיים".
לא ! זה אינו ביתך, לכי לך ! וטרקה הדלת בפני...
אני נשענת אל הקיר — הקיר המשותף עם בית המדרש... בית המדרש ; כמו מילת קסם נגד עיני, כאן שקקו חיים תמיד — ביום ובלילה, כאן למדו, כאן התפללו, לכאן באו האורחים העניים, כאן היה מרכז העצבים של חיי היהודים בעיירה...
כעת — שקט של בית הקברות שורר כאן, המתפללים, הלומדים, ועסקני הצבור — אינם כבר כאן, כולם עלו על המוקד על קדוש השם והעם — נגמר הכל וחלף.
ראשי סחרחר, איני מתרכזת — היכן אני ? לא איני בוכה. הדמעות קפאו בעיני, רק צביטה עזה בלב, וזעם עצור. בראש מורד, אני עוזבת את ביתי... לעד. בצער ובזעם אני עוברת מרחוב לרחוב, בית על יד בית, את כולם הכרתי בשמם, כה טוב ידעתים, הרי כמו משפחה אחת היינו...
כאן גר וחי הגעלער איצ'י — איש יקר ועסקן צבורי, מכאן יצאו שליחיו בתלבושת הליצנים בפורים לאסוף כסף לעניים. כאן היה הגמילות חסד; כאן הבאנק לודאווי, כאן דער אלטער מארק, והנה ביתו של ר' איטשע שמש, ועדיין מהדהד באזני קולו המכריז „אין שול אריין !"
כאן תססו חיים יהודיים טהורים ותמימים ואינם עוד. ושוב אני כאן, ועוברת בחוצות העיירה על פני כל בית וקוראת בשם כולם, אך במקומם יוצאים גויים מרושעים. ושאלה אחת בפיהם „איך ניצלת ? ועודך בחיים"...
ארורה העיר אשר ברחובותיה עונו והושפלו עד דכא — היהודים. נזכרת אני באבי ז"ל. — כה טהור, עמד לפני הקהל בבית הכנסת היפה שנשרף ואינו. והמלים יצאו מפיו שמע ישראל ! והקהל שהוא אהב והם אהבוהו ענו אחריו. מחשבות נוגות ומעיקות אחזוני ואני רצה, רצה, רצה... נמלטתי מן העיר כי ריקה היא מכל, לא קיימת יותר עבורי, ואחרי רדף הקול... איך ניצלת ? !

קול גויים — הם לא הושיטו יד אוהבת... — — —

25.9.62

י. ל. ל.

אבינטל זכרונות

פאַרוואָרפען, אַמאָל קען זיין האבען זיך דאָ צוזאַמען געפארען פריצים אויף יאגד, פיש כאפען, אין אנדערע פארוויילינגען באשיינט מיט ספירוטואליעס אין בלוט, האזארד, אין געוואלד טאטען לויט דיא טבע פין דיא שלאכטיעס.

אין יענע צייטען האָבען מיר געקיקט אויף אינזער שטעטעל וויא אויף אארט פאַרהאקט מיט ברעטער, צוריק געשטאנען, אין דאס שווערע לעבען פין דיא הארעפאשנע מאסען, מיט ענצעלנע אויסנאמען. אלעבען באגרעניצט דורך געזעצען אין טראדיציעס פארבליבענע פין פרעהיסטארישע צייטען.

היינט נאך צענדליקער יאהרען שפעטער קיקענדיג אין שפיגעל פין אינזער זכרון זעט מען דאָס אינגאַנצען אַנדערש, אפילו די וועלדער, וואַסערען אין זומפען מיט דיא טארף גראבענס נעמען אן איין אנדערן אויסזעהן. קען זיין מען פארשטייט עס אנדערש, קען זיין אויף דער רומאנטיזם פין דיא פארגאנגענע יאהרען טיט דאס באשיינען. אבער אדורכגעלעבטע פאקטען ווארפען אצווייטע שיין אויף דיא פארגאנגענהייט.

פאר מיר ליגען זכרונות אנגעשריבען דורך דריי מענשען: יעקב טאפאלסקי־וועלכער וועקט אויף דיא פארגאנגענהייט פין דיא פרייע יאהרען 1900 ביז צום אויפברוז פין דיא מערדערישע עפאכע. משה מאקאטאב אין יצחק לוין דערמאנען מער פאקטען פין דיא יאהרען 1923—1938. איך מיז נישט זיין איינשטימיג מיט דיא זכרונות פארפוצטע מיט אידעאלאגישע בלומען פין דיא הייסע הערצער, אין נישט מיט קאָמפּלעקסען ארויסגעטראָגענע פון דיא סביבה אין וועלכע זיי האָבען אין דיא יונגע יאָהרען געלעבט, אין פאַרברענגט. אָבער פין דעם גאַנצען מאַטעריאַל זעט מען הערליכע טיפען. מענטשען ערנסטע, גוט פאָזיטיוו קלערענדיגע, דארשטיגע נאך ארענעסאנס וועלכען מיט איינגעשפארטקייט פירן זיי אין שטעטעל אריין.

מיר זעהן דא מענשען וועלכע שטרעבען נאך אלעזונג פאר דיא יידישע מאסען — וואס זענען געבינדען דורך דיא ענדעקישע רדיפות, מלוכהשע געזעצען, אין באגרעניצונגען פין אנדערע סיבות גארנישט פשוטע.

דאס לעבען אין פשייטש פליסט לאנגזאם, מיד, אין דיא זימער אוועטען מיט אפוילע זעטיגקייט שפאנען דורך דיא געסלעך דיא בהמות אהיים פין דיא פעלדער. איבערלאזענדיג דא אין דארט טורקיסטאנישע ברען מאטעריאל אויף דיא שטיינער, דיא נאכט דערנענטערט זיך, דיא פאסטוכעס קנאלען מיט דיא בייטשער, דיא פאטערס איילען צו מנחה, אין אהיים קערן זיך נאך מעריב, אנגעזאפטע מיט שטאטישע נייעס. א צייטונג מיט אהיפשע פארשפעטיגונג איז זעלטען אריינגעקימען אין שטעטעל, דיא מלחמות האבען אויסגעמיטען דיא געסלעך, האטש דאס שטעטעל האט מיטגעליטען.

אויף דיא גורעס דאס נאענסטע דערפעל וויא דיא קריסטען האבען

געגראבען זאמד פאר די שטאטישע באפעלקערונג אויסצושיטען אויף די פאדלאגעס האבען זיך אנגעטראפען אויף סקעלעטען פון חולעריצ׳נעם צמענטאר פון די טערקיש רוסישע מלחמה.

אין די יאהרען 1917—1918 האט געהערשט אטיפוס מגיפה וועלכע האט כמעט פון יעדע משפחה פון די אלגעמיינע איינוואוינער עמעצען ארויסגעריסען. אפילו אין שטעטעל איז קיינמאל נישט געווען קיין פראנט ליניע אבער קרבנות האט מען געגעבען, הערשער האבען זיך געטוישט, דא זיינען געווען דייטשען, דא רוסען. אין יעדער מיט זיינע גזרות, שטענדיג האבען זיי געפינען עפעס אשפיאן וועלכער האט פון גארנישט געוויסט, אבער די נשמה אבגעגעבען האט ער געמיזט, אין די צייטען האט מען אביסעל געהאנדעלט, אביסעל געארבייט, אביסעל געשמוקעלט, אין אסך געהינגערט. אין די שווערסטע עקאנאמישע צייט אין געווען ביים סוף פון די ערשטע וועלט מלחמה, אין דער אנפאנג פון די זעלבסטשטענדיגקייט.

אין די פריע יאהרען פון 1900 האבען אין פשייטש געארבייט זאטלער געזעלען, זיי זענען געווען פון אנדערע שטעטלעך, זיי זענען געווען מיטגלידער פון די „נאראדנאיא וואלא״, זיי האבען געפריבט ציציציען אנהענגער, אבער אדאנק דעם דעמאלסדיגען רב אין נאך פרימע יידען האבען זיי פיעל נישט אויפגעטוהן, אענדלעכען פראצעס האבען אדורכגעמאכט די ברודער לאנגנאז אין 1906 וועלכע האבען געפריבט צו פארלייגען א ציוניסטישע ארגאניזאציע. אינזערע פרומע עלטערן האבען מורא געהאט צו וועקען משיח׳ן. אבער טראץ וואס דער בית־המדרש, די שול, ס׳שטיבעל זענען שטענדיג געווען פיל מיט מתפללים, האבען די נייע מיינונגען נישט אויפגעהערט צו ברויזען. אזוי, אז דער געדאנק פון אאייגענע היים, אין אויך די עקסטרעם לינקע געדאנקען זענען אין שטעטעל פארבליבען.

קען זיין אז אין די יוגענט יאהרען האבען אינזערע עלטערן הינטער דער גמרא אויך געהאט ליגען די לידער פון „היינע״, ווייל עס זענען געווען צווישען אינזערע פאטערס אזעלכע וואס האבען זיי פון אויסענווייניג ציטירט. נאר אינז האבען זיי געוואלט פון דעם אפהיטען, זאל מען בעסער וועגען דעם נישט רעדען. עס וואלט נישט גווען אנגענעם וואס איך גיב אויס אזעלכע סודות.

פון די קליינע פענסטערלעך יעדען פרייטאגצינאכט שיינען ארויס די ברענענדיגע ליכט. נעבען זיי געבויגענע קעפ פון אינזערע מאמעס, באדעקטע מיט טיכלעך. אין פארדעקט מיט די הענט די אויגען, אין פיל מאל פון אינטער די פינגער רייסען זיך ארויס הייסע ווייטיקליכע טרערען. שבת אין דער פרי אין די שיל גאס שפאנען אינזערע מאמעס מיט לאנגע קליידער, אינזערע טאטעס מיט די קינדער ביי די הענט וועלכע טראגען פאר זיי דעם טלית. פאר די פארגאנגענע טעג אין פאר שבת־קודש איילט מען אבגעבען אלויב דעם בורא עולם.

די צייט שלעפט זיך אומעטיג, עס קימען פאר חתונות, ,לוויות, מען ערציט קינדער, עס שטייען אויף גמילות חסד קאסעס אין פאלען, אין מען שאפט אויפסניי, אין סאראיעווע פאלט אשאס, קיסרים קעמפען, אין זעלנער פאלען. עס קימט אהינגער וואס ברענגט מגיפות. פיעל מענשען ווערען היימלויז.

נאך פשייטש קימען פיעל יידען פין לאדז אין אנדערע שטעט. מען שאפט פלעצער פאר זיי צום שלאפען. אין אויך אקוך ווי מען גרייט פאר זיי עסען פאר צינויפגעזאמעלטע גראשענס. עס איז ווייניג אבער מען דערהאלט דיא מענשעןביים לעבען. פיעל פין דיא משפחות בלייבען וואוינען אין שטעטעל צווישען זיי פארשידענע פאכלייט, אין אויך געלערנטע, אין מענשען פין פארשידענע אנשויאונגען. אין דיא צייט שאפט זיך דיא ערשטע ביבליאָטעק אויף דיא יידישע גאס, צווישען דיא ארגאניזאטארן יעקב טאפאלסקי, רוזשיא מאקאטאב. מען ארגאניזירט פארלעזונגען, עס שטייט אויף אויך א אמאטורסקער דראמאטישער קרייז, פאר דיא איינקונפטען קויפט מען נייע ביכער. עס פערשפרייט זיך דער דראנג נאָך אאייגענע היים אין עס גרינדעט זיך א ציוניסטישע אָרגאַניזאציע, הינטערן דרוק פין דאמאלסדיגען רב. מוז זי זיך אויפלעזען. אָבער דיא פאַלקס ביבליאטעק בלייבט אין פירט איר טעטיגקייט. עס ווערט געשאפען אביקור חולים אינטער דיא אנפירונג פין איטשע ווײדען, אין דא אויך לייגט אריין פיעל ארבייט דיא פרוי מוקוטוב. איר מאַן יצחק מוקוטוב שפענדעט אויך פיעל אויף דעם צוועק. אין 1922 פארלאזט הרב גאלדשלאג דיא שטאט, ער פארנעמט דעם פאסטען אלס רב אין שערפץ נאך דיא פטירה פין זיין זיידען דעם רב.

אין פארלויף פין איאר האט מען באטראכט קאנדידאטען אויף אשטאט רב. מען האט געהערט דרשות, אנאליזירט, באטראכט, געוואויגען אין געמאסטען. אינזערע עלטערן האבען געהאט אשווערע ארבייט ביז מען האט זיך דעצידירט אויפצינעמען דעם יונגען רב הרב יוסף אלכסנדר זמלמן. אזיהן פין דראבנינער רב. נאר מען מיז ציגעבען אז דיא דעציזיע איז געווען אריכטיגע. דער יונגער רב האט זיך ארויסגעיויזען אהויך אינטעליגענטער ווערטפולער מענש.

אין טאג פין אויפנעמען דעם רב האט זיך סגאנצע יידישע שטעטעל ארויסגעלאזט אבווארטען איהם. אטייל יוגענד אויף פערדלעך באפיצט מיט פאַרשידענע קאָלירטע פאלערינען האָבען געהאַלטען די אָרדנונג, באַפיצט מיט מאסקעס האט מען געזעהן ריצאר׳ן מיסקעטער׳ן אין אנדערע גענערעלער מיט קאזאקען, אבער אלע מיט יידישע הערצער. בראש זיינען געגאנגען אייגענע כלי זמרים. עס איז געווען זעהר יום־טוב׳דיג אין פריילעך, א דאַנק די ענערגישע אין שיינע אָרגאַניזאַציע האט מען פערהיטען פין שטערונגען. דער רב האָט זיך ארויסגעוויזען אגוטער פארשטענדליכער מענש. עס איז געווארען אין שטעטעל מילדער אין אינטערעסאנטער. עס האט אנגעפאנגען צו פליסען אשטראם נאך וויסען. מען האט מער געלעזען. סהאבען זיך אנגעפאנגען צו באווייזען טאג צייטונג אין דיא יידישע אין פוילישע שפראך. דער רב האט אפט פארבעטען צו זיך יונגע מענשען אין דיסקוטירט מיט זיי אויף פאליטישע טעמעס, אין אויך געשמיסט ווענען ליטעראטור. ער האט געהאט אגוטען פעדאגאגישען צוגאנג האטש נישט תמיד מיט ערפאלג.

אין פריען פרילינג 1924 גרינדעט זיך אהכשרה פונקט הינטער דיא השפעה פין דיא אלגעמיינע ציונים. כמעט דיא גאנצע יוגענט פין שטעטעל האט אנטייל גענימען ביים צוגרייטען זיך צו באארבייטען דיא פעלדער פין דיא קימענדיגע יידישע היים.

אויף דעם גרויסען שטח באדען פון חיים זומער אין מיר׳ל פראנק, ברענט אפיבערהאפטע ארבייט. וואסער האט מען געטראגען פין יעדז׳ער. צומיסטען דיא פעלדער האט מען אויך פיעל מיה געגעבען. עס האט דארט געבליט דיא שענסטע בלומען. פין דיא פיעל ערד פרוכט אין אויבסט איז דאָס הארץ געוואקסען. דאס גאנצע שטעטעל האט דא געקויפט רעטעכלעך (ראש־חודש־ריבלעך), אוגורקעס, קארטאפעל, פאמידארען, ראבארבאר, פיעטרושקע אין נאך אנדערע גרינסען. יעדען נאכמיטאג אין זינטאג אגאנצען טאג האט דיא יוגענט געארבייט, ביינאכט האט מען געהיטען געגען שאדן־מאכערס, אלעס פרייוויליג, צווישען דיא יוגענט האבן זיך געפינען: יעקב טאפאלסקי, ברידער ענגעל, גבריאל לוין, לייב חודצקי, הערש זיעלינסקי, פנחס זיכלינסקי, מנחם ראווסקי, יצחק בורנשטיין, יעקב הערש ווײדען, מאיר לבקוביץ, חיים אהרן אורבאך, חיים אלתר איגלינסקי, יחיאל אפענבאך, עזריאל סקאווראנסקי, אין פיעל אנדערע. דיא אמת׳ע פאָזיטיבע ארגאַניזאַציע האָט געהאט דאָס לעבען פין אזימער פויגעל, אבער בלויז איין זימער. קען זיין וען עס וואלט נישט געווען אזא גרויסע גערעטעניש פין פרוכטען וואלט דיא הערלעכע הכשרה אזוי שנעל נישט געפאלען. אבער פין איין פרילינג זימער אין סתיו האט דיא יידישע יוגענט באוויזען אז זיי זיינען פעאיק צו אגרויסע ארבייט.

אין דיא צייט איז געווען אעקאנאמישע פארבעסערונג. שניידערס אין שיסטערס האבען געהאט מעהר ערפאלג ביי זייער ארבייט. לויט דיא פאראָרדנונג פין „איזבא־זיעמיעשלניצא״ גרינדעט זיך אשניידער—שיסטער „צעך״. זיי האבען ארויסגעגעבען געזעלן אין מייסטער דיפלאמען, צו דעם איז געווען אפאכמענישע קאמיסיע. פין אלע ארומיגע שטעטליך זענען געקימען קאנדידאטען צו וויזוואלעט ווערען. פאר דעם ארײנגעפלאסענעם געלט האָט מען צוריק אויפגעבויט דיא חברה תהילים געביידע, אין אויך פארלייגט אאייגענע הילפס קאסע. דער הויפט פרעזעס פין דעם צעך איז געווען דער היטל־מאַכער גרשון לייזר האלטריכט.

אין 1927 האבען זיך באוויזען אין שטעטעל אין ארומיגע דערפער קאמוניסטישע פלי בלעטלעך. אין דעם זעלבען יאר איז אויסגעבראכען אשטרייק ביי דיא שיסטערס, שניידערס, אין היטעלמאכער, ער האט געדויערט אהיפשע פאר טעג. עס האט זיך דערפילט אמין שטארקער שטראם ווי עלעקטרא. אביסעל שפעטער איז אויפגעשטאנען אנאדל פאראיין מיט אשלום עליכם ביבליאטעק, צווישען דיא אָרגאַניזאַטאָרען זיינען געווען: מיכאל שפירא, נחום דאניעלסקי, בנימין צ׳אנסקאווסקי, משה לוין, אסתר גאלדמאן. אין 1929 גרינדעט זיך דיא „צעירי־מזרחי״ ארגאניזאציע, דיא מערהרהייט מיטגליעדער זענען באשטאנען פין בחורים פין דיא ארטיגע ישיבה וועלכע הרב זמלמן האט געהאט געגרינדעט. אויף דיא פוילישע גאס אין דיא צייט האט זיך פארשטארקט דיא ענדעקישע טעטיגקייט. שפעט ביי נאכט איז געווען שווער אין גאס ארויסצוגיין, ארגאניזירטע עקסצעסען זענען נישט געווען, אבער דיא אויפקלערונגס ארבייט פין אזעלכע טשעציאקס אין פריסטארס האבען געגעבען פרוכט. ספעציעל שווער האט זיך געמאכט פאר דיא דארפס־הענדלער, אין סעידערס, פאר דיא ארימסטע יידן אין שטעטעל.

אין 1932 גרינדעט זיך דיא ביתר ארגאניזאציע. סזענען געקימען פין צענטראלע מענשען מיט פארלעזונגען, אויך זענען פארגעקימען העברעאישע קורסען. מעט האָט געשפילט שאַך, פינג־פונג, זיי האָבען ארגאניזירט אויספלוגען אין דערפער צו באקענען זיך מיט אגראר ארבייט. אבער גאר אינטערעסאנט זיינען געווען דיא שמועסען געפירט דורך דעם פרעזעס שלמה יששכר ענגעל, ער איז געווען א אינטעליגענטער מענש וואָס האָט דאס גאַנצע לעבען אריינגעטוהן אין געזעלשאפטליכע ארבייט. ער האט זעהר פיעל געוויסט, פיעל געלייענט, אין אספעציעלען דרוק געלייגט איינצופלאנצען אין דיא ברענענדיגע הערצער אליבשאפט צו בוי ארבייט. ער פלעגט זאגען, פאר אינז וועט קיינער דיא ארבייט נישט מאכען, בויען אהיים, אין אויסקעמפען אהיים מוז מען מיט אייגענע הענט. אדאנק זיין ארבייט האבען דריי יוגענטליכע געלערנט סטאלעריי, צוויי פין זיי געפינען זיך אין ישראל: משה מוקוטוב, אין חיים זיכלינסקי. דאס איז געווען א צייט אין פוילען פין פיעל ארבעטסלאזע, אין צווישען זיי יידען מיט העכערע בילדונג. האבען זיי געוואנדערט איבער דיא שטעטלעך מיט פארלעזונגען אין ארטיסטישע אויפטריטען, צווישען אנדערע איז עטלעכע מאל געווען ביי אינז דער ד״ר פילאזאף פויגעלזאן, ער האט דעקלאמירט לידער פין יידישע שעפער, אין איבערזעצונגען פין אנדערע שפראכען. אין איינעם פין זיינע אוועדען האט ער געזאגט „יידען, מיר מוזען שטרעבען צו עמיגרירען פין דאנען, ווייל דיא יידען וועלען אדורכמאכען אגרויסע טראגעדיע״.

אין 1934 ארגאניזירט פישל טופולסקי ארעכטע „פועלי־ציון״ ארגאניזאציע, אין מיכאל שפירו דעם „השומר־הצעיר״. זיי האבען געפירט דיא ארבייט אין איין לאקאל. זיי זענען געווען הויך אינטעליגענטע מענשען. זיי האבען מיט־געארבייט אין איינהייט ארבעטער פראנט מיטן נאדל פאראיין, דא איז געגאנגען אפיבערהאפטע קולטורעלע ארבייט. יעדען אוונט איז עפעס פארגעקימען ווי אלעבעדיקע צייטונג, אוואנט־צייטונג, פראגע אין ענטפער אוונט, זינגען, טענץ, אדראמאטישער קרייז, בשותפותדיגע ליינען ביכער, לערנען עברית. דיא אקטיווסטע זענען געווען פישל טופולסקי, טוסיא יכימוביץ, פייגע פלאצקער, אסתר גאלדמאַן, משה לוין דוד סאיקא, לוי שווייצער, שרה האלטריכט, אין אנדערע. פין דיא רעכטע פועלי־ציון אין השומר־הצעיר מיטגליעדער איז ליידער קיינער נישט פארבליבען, לויט דיא זכרונות זעט מען אַז אין שטעטעל פאר זייער צייט איז געגאנגען אשיינע ווערטפולע ארבייט אויף דיא יידישע גאס, אין דאס אלעס איז פארניכטעט, צוזאמען מיט אזוי פיעל ווערפולע לעבענס.

זאָל מען נעמען אזא מענש ווי הערש ליפמאן פערלע דער מיטל וויקסיגער שלאנקער ייד מיט דיא עסטעטישע שווארצע בארד אין ברענענדיגע שווארצע אויגען, מיט זיינע שנעלע טריט, הויך פאררייסען דעם קאפ. אזוי ווי ער וואלט זאגען „איך בין שטאלץ אז איך בין א ייד״. ער האט געלערנט איינגלעך משנה, גמרא, וויפיעל גיטען ווילען האט ער אריינגעלייגט אין זיין ארבייט, דער רייכער אין וויסען מלמד האט מיט געדולד דריי אין פיר מאל געקענט אויסטייטשען אפסוק ביז מיר האבען איהם ריכטיג פארשטאנען, ווייל אינזערע קעפ זענען

געווען אין דעם מאמענט אויפן חצר פון דיא רישעשיצערין ווי יהושע אייזיק האט פונקט זיין געשאסען א גול.

זאָל מען נעמען הערשיע בוף וואס האט אונז אריינגעברענגט יעדער וואָך עופות. ווען מען האט איהם געזאגט הערשיע רעד נישט אזוי פיעל פלעגט ער ענטפערן „געמבא ניע קושטויע". וואס פארא גיטע מענשען זיינען ביי אינז געווען, געדענקסט ווען הערש ליפמאן איז קראנק געווארען און מען האט געדארפט פאר איהם פאמעראנצען. ביי אינז האט אויסגעפעלט, זיינען צוויי בחורים אויף ראווערן געפארען אין אצווייטע שטאט אריין און געברענגט דיא פרוכט פאר דעם חולה. אדער דיא שטילע הארעפאשנע משפחה קרעל וועלכע האבען געארבייט אזוי שווער אויף אשטיקעל ברויט, און ווען מען האט געדארפט אויפנייען אמלביש פאר ארימען חתן אהן געלט האבען זיי דאס מיט ליבשאפט געמאכט.

אין ווען האבען דיא גוטע מענשען געשטערט.

וועמען ?

י. ל. ל.

פאַרבליבן איז איין מצבה

מיט איין מאל אומגעברענגט אלע געזעצן, אלע מאוסן פון לעבן, פון הומאניזם. מערדער האבן זיך פריי געדרייט איבער די גאסן, פון אלע זייטן שנאה אין חוזק, ס'איז נישט דא קיין ארט ווי זיך צו באהאלטן, ארומגערינגלט מיט אמין ווילדקייט, די קלעפ פאלן אויף די יידישע קעפ אהן אשיעור, אהן אויפהער, זיי שיסן מענטשן אין מיטן גאס, הענגען אין מיטן מארק, חאפן אויף אומנוצליכע ארבייט, שלעפן ארויס אונזערע קינדער פון שטיב און פארשיקן ערגעץ ווי. פון אטייל באקימט מען נאך אצייט בריעף, נאך אנדערע איז דער שפור אהעקגעקימען, אמינוט מנוחה איז נישטא, זיי פארברענען די שול און צווינגען אטייל פון די בעלי בתים מיטן רב בראש אינטערצישרייבן אז מען האט אליין אינטערגעציגדן די הייליגסטע פאר אינז געביידע. און מען מוז נאך באצאלן 50.000 זהובים דעם קאמענדאנט פון די שטאט פאר דעם נישט באגאנגענעם פארברעכן. ווען משה הערש דאניעלסקי מיט ד"ר דיאמענט גיבן אים איבער דאס שווער צונויפגעזאמעלטע געלט, זאגט ער, יא, דאס געלט איז פאר די רעגירונג, און יעצט פאדער איך אזא סומע אויך פאר מיר, פון קיין שום זייט קיין טראפען רחמנות, פון אומעטום אויסגעשטרעקטע בלוט דורשטיגע הענט צו דעם הילפלאזען, נישט באוואפענטן ייד. נישטא קיין טאג, נישטא קיין נאכט, אפילו אינזערע קינדער און פארלויף

פין טעג זענען געווארן ווי עלטערע מענטשן, אפשר גאר אין פארלויף פין שעה׳ן, די שולן פארמאכט, די חדרים פארבאטן, איבערהויבט צוזאמען קימען זיך פארבאטן נישטא קיין מוט צום שפילן זיך, זיי דרייען זיך ארום שטיל אין קיקן מיט פרעגנ־דיגע אויגן, אין נישטאָ וואָס צו ענטפערן, די דייטשע מעדיצין הויבט שוין אן צו ארבעטן, אבאפעל פין אוטאנאזיע „טויט אויס רחמנות״, פארשידענע פריווינגן פין איינשפריצינגען וועלכע זיי וועלן באדארפן פאר די רוצחישע מיליטער לייט זייערע, אין אלעס פארבינדן צום אויסראטינגס פלאן זייערן פין נידעריגע ראסן מענשן. ווי קען מען אָנריפן די האַנדלונג פין איין פאָלק צום אַנדערן ? אפשר וועט עפעס אגעניאלער דאקטאר אויף די רוצחישע פסיחוזע צייט ארויסגעבן אדיאגנאָז, אפשר קען ווער אויפקלערן די צייט, פארטיידיגן געפינען א תירוץ, א סיבה, פאַרוואָס שווייגט ביז איצט די וועלט ? ווער איז שילדיג אין דעם ? דריי יאריגע יידישע קינדער האבן שוין אין 1940 געוויסט וואס עס׳ טיט זיך אין דעם לאגער חעלמנא. אין זיי די בליט זויגער איז אלעס געוועז ווייניג. נישט בלויז פיזיש אויסראטן, נאר יעדען סימן פין יידישן פאלק פארניכטן, אויסמעקן.

אין זימער 1940 האבן די דייטשע וואנדאלן מיט די הענט פין פרייווילִיקע פאליאקן פאַרניכטעט דעם יידישן בית עלמין. זיי האָבן צוויסן געגעבן אַז די אלע וואָס וועלן אנטייל נעמען ביים ארויסנעמען די מצבות וועלן באקומען אטייל פין זיי אויף בוי מאטעריאל.

דער בית הקברות אין פשייטש האט עגזיסטירט אריבער 600 יאהר, די ערשטע קברים זענען געווען פי די פריע יאהרן פין 13־טן יאהר־הינדערט, עס זענען מצבות באוואקסן מיט אלטע פאטינע, אין מען האט נישט געקאנט איבער לייענען צו וועמען דער קבר געהערט, איינגעזינקענע טיף אין די ערד, אין נישט געוואלט אויסגעבן ווער ס׳האָט דא געפינען די אייביגע רוה. סזענען דא געווען טויזנטער קברים מיט פארשידענע מצבות, סזענען געווען זאמד שטיינער, קאלך שטיינער, גרויע גראניט, ווייסע אין שווארצע מארמורען, ריינע ווי שפיגלען, אין אדורכ־געשניטענע מיט איידעלע רויטע אין גרינע אדערלעך.

עס זענען זיך צוזאמען געלאפן ווי שאקאלן צענדליגע יונגע מענשן פין דער קריסטליכער־באפעלקערונג, מיט גרויס פלייסיגקייט געכאפט זיך צו דער ארבייט. אבער פאר דעם האבן זיי זיך אבגעצלמט, אין אבגעזאגט וויגעווענלעך פאר יעדע ארבייט אקורצער מאדליטווע, ביי די ארבייט זענען געפאלן פין זייערע מיילער וויצן אויפן חשבון פין די וואס האבן דא געפונען אמקום מנוחה. קלאפנדיג מיט דיא כלים אין די שטיינער האבן זיי מיט אשמייכל געזאגט „נו זידזיע דאסיץ טלאסטיך קור יגענשי זעזשארלעשי״ (נו ייד גענוג פעטע געגז מיט הינער זיך אנגעפרעסן) צי דעם האבן זיך ציגעהערט די יידן — וועלכע די דייטשן האבן געצווינגען איינצושפאנען זיך אין וועגענער הויך אנגעלאדענע מיט מצבות אוועקגעפירט אין גארטען פין חיים זאמער ווי זיי האבען דיא מצבות מאגעזינירט. מיט אכזריות ארויסגעריסען פין דיא ערד אלע שטיינער, דאס פעלד פעראקערט, נישט דא קיין צייכען פין בית הקברות. אבער איין מצבה איז געבליבען. חאטש זיי זעצען דארט קארטאפעל.

מיט קנאפע דריי הינדערט יאר צוריק האט דא געלעבט אגרויסער ייד. האבען דערציילט אינזערע מאמעס פאר דיא קינדער. דאס איז געווען אין דיא צייטען פין „ליבערום וועטו" פין שלאכטעס, ווען יעדער שלאכציץ האט זיך געפילט ווי אקייזער אויף זיין ווירטשאפט. ווען דיא פויערען זענען געווען ציגעבינדען צי דיא ערד און געלעבט אין דיא ערד. ווען דער פויער איז געווען אין דיא ווערט פין א אוקס, און וויא א אוקס קיין רעכט נישט געהאט. און אין דיא פריציעשע פאלאצען האט זיך שפריט און האניג געגאסען אהן אמאס. ווען איין שלאכציץ (פריץ) אויף דעם שווייטען איז אנגעפאלען, אויגעשאכטען דיא גאנצע משפחה און דיא גאנצע ווירטשאפט מיט דיא ערד צוגעראבעוועט ווייל ער איז געווען שטארקער, ווייל דער טויטער האט איהם כלומרשט געניג כבוד נישט אבגעגעבען. אט אין דיא בליטיגע פרייע צייטען אין פוילען איז אזא גיבור אין שטעטעל אריינגעקימען, ארויסגעיאגט אלע יידען פין דיא שטיבען, ווייל ער האט געזיכט אקרבן, ווייל ער האט געוואלט באווייזען זיין קונץ צו הרגענען מענטשען. ער האט זיי פארזאמעלט אויפן פלאץ פין הייליגען פלאריאן און אויסגעשטעלט אין אלאנגע רייע, קעגען איבער זיי אויסגעשטעלט אררייע פין קריסטען, און מיטן צווישען דיא רייען האט ער געהייסען אנידער שטעלען זיך דעם גרויסען גאון דעם רב פין שטעטעל, און געזאגט, יעצט וועל איך מיט מיין שווערד מיט איין קלאפ דעם ייד דעם קאפ אבהאקען און אויף וועלכע זייט ער וועט פאלען צו דיא וועט ער געהערען.

דער שרעקליכער פארברעך וואס דער רב איז באגאנגען, פארוואס עס קימט איהם אזא שארפע שטראף איז, ווייל פשייטשער יידען האבען געמאכט אעירוב, צו מעגען טראגען שבת. און דער רב איז דאך בראש העדה.

אין דעם מאמענט ווען דער פריץ דער רוצח האט זיין שווערד אויף דעם רב אראבגעלאזט איז פין דיא ידישע רייען אשוואנגער פרוי אינטערגעלאפען און אין איר פארטוך איז דער קאפ פין דעם הייליגען מאן אריינגעפאלען. דיא יידען האבען דעם רב צו קבר ישראל געברענגט. אין אצייט ארום איז צוקאפענס פין דעם קבר אביימעל ארויסגעוואקסען. און עס איז אויסגעוואקסען אגרויסער געדיכטער באצווייגטער ווילדער בארנע בוים, אזוי ווי מיט זיינע צווייגען האט דער בוים געוואלט באשיצען דעם קבר פין דעם אלטען רב, און געדינט גלייכ־צייטיג אלס מצבה, און אט דיא מצבה פין יענע יאהרען איז פארבליבען.

עס וואיען ווינדען. אמאל פין מערב, אמאל פין מזרח, דיא גרויסע צווייגען באדעקט מיט בלומען אדער בלעטער, אדער אין ווינטער מיט שניי בייגען זיך אין פלעכטען זיך.

צייטען דארט פלעכטען זיך אויך. אין דיא שטיינער דיא מצבות האט מען צעטיילט. דיא ארבייטער האבען באקימען אטייל, פאר דער פיזישער באפרידיגונג פין ליקווידירען דעם בית הקברות. מיט דיא איבערגעבליבענע האבען זיי געפלאסטערט דיא גאסען פין שטעטעל.

און דיא מצבה שטייט, און דיא צווייגען פלעכטען זיך אין דיא צייטען אויך.

י. ל. ל.

פארוואס

מוקדש לזכרם של ר' חיים טארנער ומשפחתו

„את קשתי נתתי בענן והיתה לאות ברית ביני ובין הארץ"
(בראשית ט)

ווי א אבקלאנג פון זילבערנע גלעקלעך רייסען זיך ארויס קעלעכלעך פון יונגע קינדער דורך דיא קליינע פענסטערלעך פון חדר לענג אויס פין דיא וואנד ביי דיא פענסטער שטייט אלאנגער גלייכער טיש פין דיקע סאסנע ברעטער, ארום דעם טיש שטייען נישט געהיבעלטע בענק, אין אויף זיי זיצען תלמידים פין 12—4 יאהר אין חזר'ן נאכן רבין דיא ווערטער פין חומש, אויבן אן אופן בכבודן ארט זיצט זיך באקוועם דער רבי, מיט זיין קליגען בליק נעמט ער ארום דיא קעפלעך פין דיא קינדער וואס גרייטען זיך צום שווערען לעבען פון א ייד.

נעבען אבאזונדערן נידריג טישל זענען געזעסן דיא 3 יאהריגע קינדער דיא אזוי גערופענע א. ב. קינדער.

דיא שטיב איז געווען אגרויע, דיא זין האט דארט קיינמאל נישט אריינגעקוקט, 2 קליינע פענסטערלעך זענען ארויס געגאנגען אויפן מערב זייט פין דער וועלט, טיילווייז זענען זיי געווען פארשטעלט דורך דעם פערד שטאל, צווישען דיא פענסטער אין דיא סטאניע איז געווען אשמאלער צוגאנג צו דער ברינע פין וועלכע דיא ארומיגע שכנים האבן געשעפט וואסער, פין דיא זעלבע ברינע האט אויך געשעפט וואסער דער בעקער קלאדאווסקי צו זיין בעקעריי.

דארט אין די פינסטערע טיפעניש פין דיא ברינע האט זיך געהערט א אומאיבעררייסלעכע פלאַדעריי אזוי ווי פיעל מענשען וואלטען איינצייטיג גערעדט, אין דאס האט אונז ארומגענומען מיט א נייגעריגע גרויזאמקייט. מיר זענען געווען איבערצייגט אז דארט אין דיא קאלטע פינסטערע טיפענישען זיצען טויזענדער טייוואלים אין שדים אין לויערען אויף אינזערע נשמות.

אין מיטן הויף וואס איז געווען ארומגערינגלט מיט נידריגע הייזלעך באוואוינטע מיט בעלי מלאכות איז געווען אריינגעגראבען דער סלופ א איינ־ ארדנונג אזא צום גארבעווען לעדער. ארום דעם ארט אויסגעקנעטען פין מענש־ ליכע אין פערדישע פיס איז געווען א פעטע ערד דורכגעזאפט מיט סאקען פין דיא לעדער אדורכגעמישט זאלץ מיט האר, פין דעם ארט איז געגאנגען א שארפער אונאנגענעמער געשמאק אזוי אז דער ריח פין דיא סטאניא איז געווען אין פארגלייך צי דעם ווי א געשמאק פין פערפיום.

אין א זימערדיגען נאך מיטאג, צו דיא פאראהארעוועטע מענשען האט טיילמאל אריינגעקיקט דיא זון, אבער אין חדר דארט ווי דיא קליינע קינדערלעך

האבען זיך באקענט מיט דיא ערשטע ווערטער פין סידור אין חומש האט קיינמאל דיא זון נישט ארייגעקיקט ווייל דאס פערד שטאל האט פארשטעלט.

דער ארייגאנג צום חדר האט זיך געפינען אין א פינסטערען שמאלען קארידאר, דיא פאדלאגע פין קארידאר איז געווען פין ליים איינגעטראטען וואס האט געשאפען בערגלעך אין טאלען און ספעציעל אין דיא ווינטער טעג. אויב דיא תלמידים האבען דארט נישט צעבראכען הענט אין פיס איז געווען א נס מן השמים.

,,ויאמר ה׳ ראה ראיתי את עני עמי אשר במצרים ואת צעקתם שמעתי מפני נוגשיו כי ידעתי את מכאוביו, וארד להצילו מיד מצרים ולהעלותו מן הארץ ההוא אל ארץ טובה ורחבה אל ארץ זבת חלב ודבש״ (שמות ג), קלינגען צוזאמען מיטן זינגענדיגען אנגענעמען באס פין רבי׳ן קינדערלעכע קעלעכלעך פיעלע מיט ליבע אין איבערגעבענקייט.

קעגען איבער דיא טיר איז געשטאנען א גרויסער ווייסער הויכער ציגעל אויבן וואס אין זימער האט ער געדינט בלויז צים קאכען, און אין ווינטער אויך צום ווארעמען דיא שטיב.

,,וידבר ה׳ אל משה לאמור. שמעתי את תלונות בני ישראל, דבר אליהם לאמור בין הערבים תאכלו בשר ובבוקר תאכלו לחם וידעתם כי אני ה׳ אלקיכם״ (שמות טז).

פין אויבן פאראלעל צו דיא פענסטער איז געווען צוגעשטעלט א שאנק צו קיכען געשיר, אין אויך א שאנק צו מלבושים, אין אזוי ארום איז דיא שטוב געווען אדורכגעטיילט אין צוויי׳ען, אזוי אז דיא צווייטע העלפט איז געווען אבגעשניטען אינגאנצען פין טאגליכט, אט דיא העלפט האט געדינט אלס קיך, עס צימער, א. א. וו. ווען אין דרויסען איז נאך דיא זון געווען הויך איז שוין איןביידע צימערען געווען פינסטער, אין מען האט זיך געמוזט באניצען מיט א נאפט לעמפעל, אפילו אז דיא 2 פענסטערלעך זענען שטענדיג געווען געהאלטען דורך דיא רביצין אין אויסערגעוויינלעכע ריינקייט.

,,והנה ה׳ ניצב עליו ויאמר! אני ה׳ אלקי אברהם אביך, ואלקי יצחק! הארץ אשר אתה שוכב עליה לך אתננה ולזרעיך״ (בראשית כ״ח) האבען געקלינגען מיט אנטציקונג דיא קעלעכלעך פין דיא קינדער מיט דער שיינקייט פין צוזאג.

דיא פאדלאגע פין חדר האט אויסגעזען ווי אמוזאיקע, טיילווייז מיט ברעטער טיילווייז מיט ליים. דיא ברעטער זענען כמעט יעדען טאג געריייניגט, אבער דיא טיילען וו ס׳איז געווען ליים ספעציעל אין ווינטער האט ליב געהאט צו שוויצען אדער פארפרווירען צו ווערען, אין אנבעלאנג פין דיא טעמפעראטור פין דרויסען אין דיא הייסקייט פין אויבן.

אויך דא אין צימער איז דיא פאדלאגע נישט געווען קיין אידעאלע גלייכקייט, אויך דא זענען געשאפען געווארען בערגלעך אין טאלען ווילענדיג אדער נישט ווילענדיג, נישט איינמאל פאסירט אז א 4—5 יאריגער בחורל ביים שלינגען דיא דברי תורה איז איינגעדרימעלט, נאך א שטיפ פין זיין שכן אויפן באנק, אדער

מיטן ליבליכען קול פון רבין האט ער זיך איבערגעוועקט מיט איבערראשונג. טיילמאל האט עס געווירקט אויפן תלמיד און ער האט זיך באגאסען מיט א געשמאק און דאמאלס האט דיא רביצין מלכה געווישט און געוואשען דעם בחורל און בארוהיגט מיט איר מטערלעכע ווארמקייט דאס צעשראקענע קינד.

ואלה הוסר שלמה לבנות את בית האלוקים האורך אמות במדה הראשונה אמות ששים ורוחב אמות עשרים (דברי הימים ב׳ ג), האבען זיך אדורכגעריסען דיא קינדערשע קעלעכלעך ווי אפויגעל געזאנג אויף דעם הויף צו דיא פארהא־רעוועטע מענשען און אויף א מאמענט האבען זיי אויסגעגליכען זייערע געבויגענע פלייצעס און געקערעווט זייער בליק צום הימעל ווי זיי וואלטען געזען אז אויך מלאכים אין הימעל נעמען אנטייל אין לויב געזאנג פון דיא קינדערלעך.

דורך דעם פינסטערען און טרויעריגען צימער זענען אדורכגעגאנגען עטליכע דורות פון יודען וואס האבען ביי דעם פראסטען און לאנגען טיש באקימען דעם ערשטען וועג פון הערצליכע ליבע צום רבונו של עולם. און לאנגע יאהרען אויפן אויבערשטען ארט ביים טיש איז געזעסען דער געלער רבי א נידריגער א דיקליכער מיט זיין ברייטע פאטריארכאלישע בארד און לאנגזאם ווארט ביי ווארט מיטן זינגענדיגען באס איינגעזייט און דיא קינדערלעכע קעפלעך ווערטער פון ליבע צום בורא עולם.

יעדען און דער פרי האט ער געעפענט דעם שול טאג צוזאמען מיט אלע קינדער ווען זיי שטייען אויף זייערע פיסלעך מיט דער באקאנטער מארגען תפילה „מודה אני לפניך מלך חי וקים שהחזרת בי נשמתי בחמלה, רבה אמונתך״. און אווענט ביים שליסען דעם טאג לערנען האט זיך ווידער געהערט דיא תפילה פון קריאת שמע לייענען. „המלאך הגואל אותי מכל רע יברך את הנערים ויקרא בהם שמי ושם אבותי אברהם ויצחק וידגו לרוב בקרב הארץ״.

ר׳ חיים טארנער איז אויך געווען דער יערליכער בעל שחרית צו ימים נוראים אין בית המדרש ווי ער האט זיינע גאנצע יאהרען געדאווענט, ווען ער איז צוגעטרעטען צום עמוד אנגעטון אין זיין ווייסען קיטעל איינגעהילט אין טלית האט דער עולם געפילט אז ער איז דער אמתער שליח ציבור.

תפלת זקן ורגיל ופרקו נאה וזקנו מגודל, וקולו נעים, ומעורב בדעת עם הבריות. אבער...

אבער אין דעם הויז אמתדיג פערהייליגטען איז דאך קיינמאל פריילעך נישט געוועזען ווייל דארט האט דיא זון קיינמאל נישט אריינגעקיקט.

אין אויך נישט שטענדיג איז ברויט געווען צו דער זעט. אבער דיא הער־צער פון דיא 2 הערלעכע מענשען האבען געלאכט פון גרויס פרייד ווען דיא קינדערלעכע שטימען מיט זייערע זילבערנע קעלעכלעך האבען דעם נאמען דעם גרויסען געלויבט.

אין דאמאלס האט דער רבי ר׳ חיים און דיא רביצין מלכה פון גרויס פארגעניגען טרערען אין זייערע ליבע אויגען געהאט, און שטילערהייט מיט דיא קליינע קינדערלעך צוזאמען מיטגעזינגען:

„ויברא אלקים את האדם בצלמו בצלם אלקים ברא אותו זכר ונקבה ברא אותם”.

אין דיא רביצין מלכה אין איר ריין געלאטעט קלייד א שטענדיג פארהא־רעוועטע אבער שטענדיג א ווארם שמייכעלדיגע האט לאנגע יאהרען פאר דעם קליינווארג א מיטערלעד געפיהל ארויסגעוויזען.

אין ר׳ חיים שעפט נחת פין זיינע תלמידים פין אמאל וואס זיצען יעצט אויף דיא בית מדרש באנק און לערנען א בלאט גמרא.

אין אימגעקימען זענען דיא הערלעכע מענשען. דיא שיינע הערצלעכע מענשען האבען אפילו קיין קבר נישט באקימען. אין אפילו דיא גרעזער פין בית עולם זינגען פאר זיי קיין שלאף געזאנג.

נאר מיינע שארפע ווערטער לויבען דיא ווערטפולע משפחה טארנער, אין ווער ס׳וועט לייענען זאל דערמאנען דיא מענשען אין זאגען:

„יתגדל ויתקדש שמיה רבא”

גאט מיינער, צי דיר ווענד איך זיך זינדיגער יוד אין דיין נאמען לויב איך, זאג מיר גרויסער גאט מיר זינדיגען יוד, פארוואס גרויסער, פארוואס אל־מעכטיגער, פאוואס, איינאיינציגער, פארוואס גערעכטיגער.

אין פארוואס אויף אייביג אייביגער,

פארוואס ? פארוואס ?

פ — א — ר — וו — א — ס ? !

אסתר ברג (זמלמן)

זכרונות מבית אבא

אני, אסתר זמלמן, בתו הבכירה של הרב יוסף אלכסנדר זמלמן ז״ל, רבה של פשייטש שבפולין.


אני מעלה זכרונות של משפחתי היקרה, את הורי, אחי, ואחיותי, אשר נספו במלחמת העולם השניה בידיו המגואלות בדם, של הצורר הנאצי.

ועתה, כשמעלה אני זכרונות מילדותי, עדיין איני מאמינה שכל זה מאז ועד עתה עבר עלי, אף על פי שהזכרונות עוטים בערפל מרגישה וחשה אני את ההווי המשפחתי בבית הורי.

שמונה ילדים היינו בבית: ארבעה אחים, וארבע אחיות. אני הייתי הבכירה. אחרי לאה, יהושע, יואל, נחמיה, עדלה, חומצ׳ה, ובן הזקונים יענק׳לה.

כל אלו היקרים לי מכל. אבדו לי ואינם עוד, מכל משפחתי הענפה נשארתי אני ואחותי לאה.

בחלומותי אני רואה את עצמי בצוותא עם משפחתי היקרה בביתנו בעיירה הקטנה. כה דומה לכל העיירות בפולין. לא היה בה שום דבר יוצא דופן מהאחרות.



הגב׳ אסתר ברג (זמלמן) במרתף השואה בירושלים,
ליד האנדרטה לזכר לוחמי וגבורי גיטו ורשה.

אבל בעיני דמתה העיירה הזאת כסמל היופי והשגשוג. שם גדלתי, שם חונכתי, ושם את ימי עלומי בילתי ואת חלומות הנעורים חלמתי.

אני זוכרת כשהייתי סך הכל בת שלוש שנים החליטו הורי, זכרונם לברכה, לשלחני לחדר כדי ללמוד א׳־ב׳ אצל המלמד „דער געלער חיים", זה היה איש מבוגר מסור לתלמידיו. אחרי שסיימתי לימודי בחדר הורי שלחוני ללמוד ב„בית יעקב", זה היה בית ספר מטעם „אגודת ישראל" מיסודה של הגב׳ שרה שנירר ובו למדנו בעיקר תנ"ך ומעט עברית, דינים והלכות בית, המורה בבית יעקב היתה גב׳ הירשברג, אני אהבתיה והערצתיה מאוד. היא היתה אשה טובת מזג ומסורה לתלמידותיה בכל נימי נפשה.

לאחר שעזבה גברת הירשברג את העיירה הגיעה מורה חדשה שגמרה סמינריום למורות מוסמכות ב„קרקוב". זאת היתה דודתי אשר שמה היה כשמי אסתר זמלמן אחותו של אבי ז"ל. גמרתי את לימודי ב„בית יעקב" והגעתי לגיל בו הולכים ילדים לבית־הספר. הייתי מאושרת. יום זה היה המאושר בחיי. הרגשתי את עצמי כבר „גדולה", אני בכיתה א׳, מורי הראשון היה מר בז׳עז׳ינסקי, אני אז כמעט בת שבע שנים והוא היה מקור אהבתי הראשונה ואני האמנתי בו מאוד. אחריו באו מורים אחרים והחלפתי את הערצתי אליו ממורה למורה. במיוחד הערצתי את הגב׳ פביאשינסקא, זאת היתה אשתו של מנהל בית הספר. זמן מסויים למדתי בבית הספר הישן, מה שמחתי וכמה גדול היה אושרי כשהתחילו בעיירתי לבנות בית ספר חדש. זה היה בניין גדול ומפואר אחד הבתים היפים ביותר בעיירה. כמה זמן אחר כך התאכזבתי וגדול היה סבלי

כששמעתי מפי מורי כי אין מספיק כסף לממשלה לגמור את הבניין היפה הזה בשלימות, דאב לבי כשנודע לי בפעם הראשונה כי פולין מולדתי היא ארץ דלה.

ועכשיו כשמביטה אני אחורנית לימי נעורי, כמה אהבתי את פולין והאמנתי שזוהיא מולדתי היחידה ולא חשתי את האנטישמיות ששררה סביבי, מה עוללו לי ולמשפחתי „אחי למולדת".

נזכרת אני ספטמבר 1939 בפרוץ מלחמת העולם השניה. הצורר הנאצי כבש את פולין וכעבור ימים ספורים נכנסו לעיירה שלנו, מיד החלו הרדיפות נגד היהודים. אבי ז"ל כרב העיירה סבל מהם ביותר. זכור לי הבוקר הטראגי כשהוציאו את אבי היקר מהבית ועוד נכבדים יהודים ושלחום לנקות את הרחובות, והפולנים עמדו מסביב ועיניהם מביעות אושר ושמחה. לא רק ששמו אותם לבוז ולכלימה. גלחו את זקניהם ופיאותיהם של כל יהודי העיר. הציתו את בית הכנסת היפה שלנו והכריחו את אבי לחתום על הצהרה שלא הם אלא אבי עם עוד כמה יהודים מהעיירה שרפו את בית הכנסת.

אחרי זמן מה העבירו אותנו לגטו, זה היה הרחוב שקראנו באידיש דער „אלטער מארק", זה היה מקום שבו רוב תושביו היו אנשי עמל ומסחר זעיר. ובבתיו הקטנים הדלים נאלצו כל אנשי העיירה היהודים להצטופף.

הצורר הנאצי גזל את רכושנו. סגרו את חנויות היהודים, אסרו על ילדי היהודים ללכת לבית הספר, ולא היה מי שיתקומם נגד הצורר הנבזה. ואבי ז"ל התקוממה בו נפשו האצילה ולא יכול היה לשאת את סבל אחיו לעיירה, את חורבן קהילתו אשר אהב אותה בכל נפשו ומאודו. ולא היה ביכלתו לעזור. הוא נמלט אז לווארשה והגיע לגיטו היהודי. אבי קורא למרד ולנקם. הוא קורא ליהודים לקום ולהתעורר נגד הצורר הנאצי. בסכנת נפשות הוא עובר אל הצד „הארי" יושב שם כ„ארי טהור", קושר קשרים עם פרטיזנים פולנים שמאליים. ואחרי כן עושה אותה הדרך לגיטו עם תחמושת ואקדחים. כינס אסיפות חשאיות בתוך בונקרים. נואם בכשרון גדול ובכל אש נפשו מתאר את מחזות הזוועה של השמדת העיירה הקטנה שלנו וקהילות אחרות.

אבי קורא לנקמה ומציע תכנית להתקוממות. הוא מקבל על עצמו להמציא נשק ותחמושת, ואמנם יחסית הצליח בזה. בפרוץ המרד בגיטו ורשה אבי היה בין ראשוני הלוחמים במרד. עדי ראיה סיפרו שראו את אבי לאחרונה כשהוא מגיח מרחוב צדדי עם עוד כמה בחורי ישיבה שתקפו ברימונים ובאקדחים קבוצת חיילי ס. ס. שנכנסו לבית יהודי כדי להצית אותו. אבי וקבוצתו הטילו עליהם רימוני יד וירו עליהם באקדחיהם. הגרמנים הטילו עליהם רמוני יד וירו עליהם ברוביהם. זה היה הקרב שבו נפל אבי ובחורי הישיבה ז"ל. זאת היתה הידיעה האחרונה על אבי היקר מאת המספר הלל זיידמן בספרו „יומן גיטו ורשה".


הרוצחים הנאצים המשיכו להשמיד את היהודים בתאי הגזים גם לאחר מרד גיטו ורשה, ההשמדה היתה מהירה יותר לאחר חיסול הגיטו, ויהודים נטבחו ונהרגו למיליונים. לאחר חמש שנים למרד גיטו ורשה פרצה „מלחמת הקוממיות" בישראל לשיחרור העם והנחלתו על אדמתו. ב־ה' אייר תש"ח, 15 למאי 1948, הוכרז על הקמת מדינת ישראל, תוך מלחמה עקובה מדם, מיטב צעירים יהודים סללו בגופם את הדרך להקמתה. לכאן התקבצנו פליטי השואה, כאן במדינת

ישראל אנו בטוחים ששואה שניה לא תהיה יותר. אולם עלינו לזכור שהחיילים שעמדו בקוו הראשון ולחמו למען הקמת ישראל ושלמו בחייהם היו אלו שהרימו את נס המרד בגיטאות ולחמו בחירוף נפש נגד הצורר הנאצי, ואשר אחד ממניחי היסוד והמעוררים למרד ולוחם בפועל היה אבי הרב ר׳ יוסף אלכסנדר זמלמן ז״ל רבה של עיר פשייטש הי״ד.

נוימרק שמחה סאן פאולה — בראזיל

מיין פאטער מיכאל הערש ניימארק

מיר קינדער זענען גאר יונג געווארען פאריתומ׳ט, אינזער מאמע פרימעט איז נפטר געווארען אין דיא שענסטע יאהרען פין לעבען, מיין פאטער איז געבליבען מיט 6 יונגע קינדער. דיא גרעסערע זענען נאך נישט געווען געניג דערוואקסען מטפל צו זיין מיט די יונגערע קינדער אין צו פירען די ווירטשאפט. גאנצע טעג איז אינזער פאטער געווען פארנימען מיט באזארגען פרנסה, ער איז געווען געצווינגען ארומציקיקען זיך נאך א צווייטע בעל הבית׳טע אין שטיב. נאך לאנג ארומזיכען האט ער געהייראט מיט א אלמנה מיטן נאמען רחל וועלכע האט געהאט א קינד פין איהר ערשטען מאן, מיט׳ן נאמען הערש לייב. חאטש זיא איז געווען א גיטע פרוי פאר אינזער טאטען, אין א גוטע בעל הבית׳טע, האבען מיר קינדער נישט געקענט שלום מאכען מיט א ניי פנים וואס האט



אאבשניט פון דעם אלטען מארק גאס פאָטאָגראַפירט דורך ה׳ שמחה ניימאַרק, ביי זיין באַזוך אין פשייטש אין יאָר 1965.

פארטרעטען דאס ארט פון אינזער גיטער מאמע. אין דאס איז געווען די סיבה וואס אין די גאר יונגע יאהרען האבען מיר קינדער געזיכט אוועג צו ווערען זעלבסשטענדיג אין ארויס פון שטיב.

מיר האבען זעהר גערן געהאט אינזער טאטען און מיר זענען געווען שטאלץ מיט איהם. זיין שטיב איז תמיד פיל געווען מיט מענשען. יודען און קריסטען, וועלכע זיינען געקימען זיך בעראטען מיט איהם און א עת צרה.

מיין טאטענס עצות זיינען דורך די באזיכער אויפגענימען געווארען מיט דער איבערצייגונג אז דאס וועט זיי ארויספירען אויפן ריכטיגען וועג. ווייל ר׳ מיכאל הערש האט ריכטיג אבגעשאצט אלע ענינים געבענדיג דעם געווינשענעם אויסוועג.

נישט בלויז די פשייטשער איינוואוינער האבען געזיכט עצות ביים טאטען נאר אויך פון ארומיגע דערפער און שטעטלעך זיינען געקימען מענשען, גלייך ווי צי א „גיטען יוד" זיכען הילף אין א שווערע שעה.

מיט עטליכע יאהר צוריק נאך מיין באזוך אין ישראל, בין איך געפארען נאך פוילען צו באזיכען מיין געבורט שטאדט פשייטש, מיט דער האפנונג צו געפינען א לעבענגעבליבענעם קרוב אדער פריינט. וואס איז מיר ליידער נישט געלינגען. נאר קימענדיק אין קאנטאקט מיט דער שטאָטישער קריסטליכער באפעלקערונג און שפאצירענדיג איבער די געסלעך פון מיין געבורט שטעטעל האבען מיך אבגעשטעלט אסך פון אירע בירגער און מיט באוואינדערונג אויסגע־ריפען, „דאס איז דאך דער זין פון פאן ניימארק.

אין א שמועס מיט די מענשען בין איך געוואר געווארען אז נישט בלויז די פשייטשער באפעלקערונג נאר אויך פון ארומיגע שטעטלעך און דערפער זענען געקימען צום פאן ניימארק זיכען הילף. און ביז היינט צו טאג דערמאנען זיי דעם נאמען פון מיין פאטער מיט גרויס דרך ארץ דעם נישט דיפלאמירטען „פאן מעצענאס".

מיין טאטע האט גשמ׳ט אלס אייביגר פארטיידיגער און טיילמאל שופט פון הונדערטער ליידענדע מענשען, נישט מאכענדיג קיין אינטערשיעד צווישען יוד און קריסט ארעם אדער פארמעגלעך.

מיין ערליכער און גיטער טאטע וועמען אלע האבען מיט יראת הכבוד גע־שעצט און געאכטעט, איז טראגיש אימגעקימען צוזאמען מיט זיין משפחה. און די צייטען ווען היטלער מיט זיינע דייטשע בארבארען און אויך מיט דער הילף פון א טייל פון די פוילישע קריסטלכע באפלקערונג האבען זיך פארנימען אומצובריענגען דאס גאנצע יודישע פאלק.

צום מזל זיינען די פלענער פון די בארבארען נישט פארווירקליכט געווארען, חאטש זיי האבען אומגעברענגט א דריטעל פון יודישען פאלק.

מיט דער דאזיגר דערמאנונג וויל איך שטעלען א מצבה, א סימבאלישע מצבה מיין טראגיש אימגעקימענע משפחה. און דער עיקר מיין אימפארגעסלעכען פאטער, ווי אויך די פאטערס, מיטערס וועלכע מ׳האט געפירט און די גאז קאמערן, געהאנגען אויף תליות, און מיט אנדערע מיתות משונות. אייביגען כבוד

דעם אנדענק פין דיא זעקס מיליאן יודישע קרבנות צווישען וועלכע עס געפינען זיך מיינע ברודערס אין שוועסטערס, פעטערס, מומעס, פלימעניקעס אין קוזינס.

איך דערמאן מיט טיפען דרך ארץ דעם אנדענק פין מיין שטיפמאמע, וועלכע האט געטיילט דעם גורל פין מיין פאטער, זייענדיג זיין איבערגעגעבענע לעבענס באגלייטערין אין דיא שווערסטע מאמענטען פין זיין לעבען.

בילבסקי יוסף

זכרונות

בהתחלת 1939 נסגרה המאפיה שלנו בפשייטש בפקודת השלטונות, הורי התחילו לחפש אחרי מקור פרנסה, ומצאו מאפיה בשכירות בעיר קלעטשעוו, ולשם עברנו, אבי ז"ל שהתעסקותו בענייני ציבור בפשייטש עיר הולדתו היה חלק מחייו והיה מעורה בחיי הקהילה ומוסדותיה קשתה עליו הפרידה מסביבתו הטבעית.

אולם התחלנו להסתגל למקום החדש ונראה היה שמצאנו את מקומנו.

אבל האווירה המורעלת שהשתררה בפולין בחדשים ההם, יחס הפולנים אל היהודים, התפרצויות אנטישמיות, והדאגה לגרוע מזה שמא חלילה תפרוץ מלחמה העיקה עלינו מאוד, וכן על כל היהודים, במיוחד עלינו שהיינו חדשים במקום.

מאחי משה בארץ ישראל קבלנו מכתבים לעתים קרובות, ידענו על המאורעות שעברו על היישוב, דאגתנו היתה מובנת, ובכל זאת הורי ז"ל לא פעם אמרו הלואי — ויכולנו להיות ביחד אתו בארץ ישראל, אולם היה זה חלום שלא התגשם.

ב־1 לספטמבר 1939 פורצת המלחמה, מגפי הקלגסים הנאצים דורסים את פולין, מחריבים ערים, והסובלים העיקריים יהודים.

הגרמנים נכנסו לקלעטשעוו בערב ראש־השנה, למחרת יום ראשון של חג הוציאו הגרמנים את היהודים לשוק העיר והחלו להראות את נחת זרועם, שיראו היהודים מי השולט מעכשיו בעיר, עינויים והשפלות החלו, וכך תוך הסתגלות למצב החדש נמשכו החיים.

בתי התפילה רשמית לא נסגרו, אבל היהודים נמנעו מלבוא ולהתפלל בצבור.

בקיץ 1940 הנאצים החלו בחיסול הקהילה היהודית בקלעטשעוו, העבירו את תושביה היהודים לזאגרעוו. הגרמנים גייסו רכב, עגלות וסוסים להעברת המגורשים על מטלטליהם אמנם מצומצמים אבל בתנאים שנוצרו, גם לזה היה ערך רב.

אציין פרט קטן, כשעזבנו את קלעטשעוו השארנו במחסן המאפיה כחצי טון קמח, בבואנו לזאגרעוו קבלנו רשיון מיוחד מהיודנראט באישור השלטונות הגרמנים וכן רכב להעביר את הקמח אלינו לזאגרעוו. גרנו בכעין גיטו פתוח בערך כשנה, בקיץ 1941 נשלחו כל הצעירים המסוגלים לעבודה פיזית למחנות עבודה לאינוורוצלב מחנה פארקאש.

כשבועיים לפני ראש השנה החלו הגירושים מזאגרעוו. הגירוש בוצע בסודיות מוחלטת. כל תושביה היהודים וכן הפליטים שהגיעו אליה נאספו, נאלצו לשלם 4

מרק גרמניים כהוצאת נסיעתם, כן עברו בדיקות רפואיות לוודא אם אמנם מסוגלים הם לעבודה.

במחנה פארקוש קבלתי מהורי מכתב ובו מודיעים לי שהם והילדים נשלחים למחנה־עבודה, ובמכתב הבא יודיעוני את כתובתם החדשה. את כתובתם החדשה לא קבלתי...

איך רימו ואיך השלו הגרמנים את היהודים איך רצו המעונים להאמין לכל הבטחה, לכל מלה טובה, המגורשים לא יכלו להאמין שחלום בלהות זה שיצרו הגרמנים בצורת מחנות־עבודה מציאות היא. גם יהודי קלעטשעוו וזאגרעוו האמינו כשהוסעו בצפיפות איומה במשאיות לגיא ההריגה שביערות קזימיערז, האמינו כשנאמר להם שהם מוסעים למחנות עבודה, האמינו כאשר הגרמנים הביאום לפני בנינים ועליהם כתובת „בתי מרחץ מיוחדים לחיטוי ולרחיצה".

האמינו מתוך תקווה שמא ברגע האחרון יתרחש נס.

הנס לא קרה.

כחודש לאחר שלא קבלנו מכתבים עם הכתובת החדשה המובטחת. בחור מקלעטשעוו שהיה במחנה פארקוש נסע ברשיון לזאגרעוו לוודא מה קרה לקרובינו, לאן נשלחו ?

עקבותיו נעלמו מאז.

ומאז שום ידיעה לא התקבלה מהם, מקטעי ידיעות שנאספו התברר שחלק מהיהודים נרצחו ביריות, וחלק הורעלו במכוניות תופת. בין יהודי קלעטשעוו שהובאו לזאגרעוו ונשלחו לגיא ההריגה נמצאו גם אבי מנדל וולף בילבסקי, אמי הענה שרה בילבסקי, 2 אחיותי בריינה בת 25, באלציא בת 16, ואחי לייבל בן 13 „תהא נשמתם צרורה בצרור החיים", ה.י.ד. מכל מגורשי זאגרעוו ליערות קאז'ימירז' לא נשאר שריד.

במחנה אינוברוצלב פגשתי כמה מתושבי פשייטש, משה ראבסקי, משה טשאנסטקאווסקי, הערש זינגערמאן, איטשע ויידען, משה אהרון ווידען, לייב חודצקי, ועוד אחרים, מהם שמעתי על התלאות שמצאו את יהודי פשייטש והערים מסביב.

ברור שכתוצאה מחוסר מזון נאלצנו לקנות מדי פעם אוכל מחוץ למחנה, אולם מי שנתפס מר היה גורלו, אשר רוזנקראנץ נתפס ובכיסיו כמה תפוחי אדמה, נשלח למחנה עונשין הסמוך, היה זה מחנה עם כל זוועות הגיהינם, עבודת פרך קשה, שסוי כלבים, ריצה של שעות מסביב למחנה, מכות אכזריות, מי שנכנס למחנה עונשין הזה, גמר שם את חייו העלובים.

ממחנה פארקאש נשלחתי למחנה לאדקובה בסוף 1942, שם פגשתי את האחים שלמה ואליעזר מקוביצקי, יומצה שליפקוביץ, משה אהרון יקובובסקי, שלמה מקוביצקי מת במחנה לאדקובה מחוסר תזונה. בחודש פבואר 1943 הועברתי למחנה אנדזעיעוו שם פגשתי את עזריאל סקוברונסקי, וכן את מוניש סאיקא, הם עבדו בבניית קוו רכבת.

במחנה בירקנאו פגשתי 2 אחים ענגעל, אריה לייב פאר־דאנסקי, פנחס ראוך,אחים דאניעלסקי הנמצאים בארצות הברית, ואחים טאפאלסקי.

באותו מחנה פעלה הזונדרקומנדו, בסוף 1944 התארגנה הקבוצה למרד

ופוצצו את הקרמטוריום, ביניהם היה הערש טאפאלסקי אחרי הפיצוץ נהרגה כל הקבוצה בקרב עם הגרמנים.

מבירקנאו נשלחתי למחנה יאבוזנא, עבדתי במכרה פחם, משם עם הנסיגה של הצבא הגרמני הגעתי עד מחנה בלכהאמר, כאן פרצתי חומות הלבנים שהיה בנוי מסביב למחנה, וברחתי ליערות בסביבה עד לשחרור.

מיד עם שחרורי בינואר 1945 חזרתי לפולין ובקרתי פעמיים בעירי פשייטש, שוממה היתה העיר, עברתי ברחובותיה, חפשתי שריד מחיי היהודים, לא מצאתי. בית הכנסת שרוף בית המדרש שבו בליתי שעות יפות בנעורי אם בתפילה, אם בלימוד, שמם. לא קול תפילה, לא קול לימוד. והפולנים הסתכלו עלי בתמהון, כאילו חזרתי מפלנטה אחרת, היתכן דבר כזה, נשארו עדיין יהודים, השתוממו, בדאגה הביעו דבריהם, שמא יצטרכו להחזיר נכסי היהודים ודירותיהם. בכסף מלא קניתי לחם מידידינו לשעבר דושק.

ואז עזבתי את פשייטש לנצח.

גרמניה היתה מובסת, אבל עדיין לחמה, פולין המשוחררת הקימה את צבאה, מיד — התגייסתי כי חפשתי נקמה בגרמנים, ראיתי רבבות גרמנים עם משפחותיהם בשלזיה התחתונה שנהפכו בין לילה לפליטים, עזבו בתיהם, רכושם, כמעט עם צרור על שכמם עזבו הכל וגורשו לגרמניה ההרוסה. נקמה זוטא.

ברור שאת קרובינו, ידידינו שנרצחו ע״י הנאצים תוך השפלות ועינויים שההיסטוריה לא יודעת כדוגמתם לא יכולנו להחיות, להושיע.

התכוננתי לנסוע לארץ ישראל, בשנת 1948 הגעתי לאיטליה ששם עברתי אימון צבאי נוסף לקראת גיוסי בארץ, בינואר 1949 הגעתי לארץ, מיד ישר מהאוניה נשלחתי למחנה צבאי ששם גויסתי לצה״ל. היה זה יום חג בשבילי שזכיתי אחרי כל כך הרבה תלאות ללבוש מדי צבא ההגנה הישראל, אחרי 48שעות קבלתי חופש לבקר את אחי ומשפחתו הגרים ברמת גן, השמחה היתה גדולה אולם את אחי לא מצאתי בבית, הוא היה בצבא, אחרי חצי שעה, צלצול בדלת, והנה אחי מופיע עם בשורת השחרור, רגעים ארוכים עמדנו חבוקים ובוכים מרוב התרגשות, שנינו במדי צה״ל. אחי על סף השחרור לאחר השתתפות במלחמת הקוממיות, ואני העושה את צעדי הראשונים בארץ במדי צה״ל.

תקפוני רגעים ארוכים של התרוממות רוח שלעולם אזכור אותם.

אני משרת את ארצי.

ראובן יאמניק

זכרון דברים לבית אבא

מוקדש לזכרם הקדוש של הורי, אחי ואחיותי היקרים
שנהרגו ע״י הנאצים ועוזריהם בשנות השואה.
אבא שמואל הלוי שו״ב וש״ץ ז״ל.
אמי שרה רחל לבית אלברט ז״ל.
אחי יעקב יצחק, ואשתו לאה ומשפחתו ז״ל.
אחי שלום, ואשתו מכלה ומשפחתו ז״ל.
אחותי חיה דבורה ובעלה ישראל מגדלבוים ומשפחתה ז״ל.
אחותי רויזה לאה ז״ל.


אבי ר׳ שמואל ימניק ז״ל היה שו״ב (שוחט ובודק) וש״ץ בעיירה שלנו פשדץ למעלה מארבעים שנה. דרכו כאחד מכלי הקודש היתה בנויה על דרך התורה ועל דרך ארץ, כמאמר רבי אלעזר בן עזריה „אם אין תורה אין דרך ארץ, ואם אין דרך ארץ אין תורה — כי הדרך ארץ צריך להיות עזר לתורה, זה משלים את זה, וכך גם חינך את ילדיו, לאהבת התורה, לאהבת ישראל, לאהבת ארץ ישראל, ולדרך ארץ לזולת.

אבי ז״ל נולד בעיר ראווה מזוביצקה לאביו ר׳ יהודה הלוי ז״ל, שו״ב וש״ץ בעיר זו, ולאמוביילה ע״ה, ביום כ״ג באלול תרל״ב, השם שמואל ניתן לו ביום א׳ דראש השנה תרל״ג שאז מפטירים את ההפטורה על לידת שמואל הנביא ע״ה. (זה שמעתי מאבי ז״ל).

אמי ע״ה נולדה בעיר גרודז׳יסק ע״י ורשה, לאביה ר׳ יהודה אלברט ז״ל, ולאמה רבקה ע״ה, בשנת תרמ״ב. אבי בהיותו עוד אברך צעיר, נתקבל למשרת שו״ב וש״ץ בעירנו פשדץ, בשנת תרס — 1900, ע״י הרב משה חיים בלום ז״ל, שעבר אחרי־כן לכהן כרב בעיר זמושץ׳ ע״י לובלין, אחרי כן היה אבי שוחט בתקופת הרבנים, הרב ר׳ יהושע השיל דוד גולדשלק ז״ל, שעבר אחרי כן לכהן כרב בעיר שרפץ (שעפס), ואחריו אצל הרב ר׳ יוסף אלכסנדר זמלמן הי״ד שהוא היה הרב האחרון בעירנו עד פרוץ מלחמת העולם השניה ונפל בקרב עם הנאצים ימ״ש בגיטו ורשה.

אבי ז״ל היה למדן, ירא שמים, צנוע, עניו וטוב לב, בעל הדרת פנים, שירת את קהילת פשדץ בנאמנות, נהנה מיגיעת כפיו, אוהב ישראל ומחסידי אמשינוב, הסתופף בצילם של האדמו״רים ר׳ יעקב דוד זצ״ל, ר׳ יוסף זצ״ל, ולבסוף אצל ר׳ יעקב דוד זצ״ל שהיה האדמו״ר האחרון באמשינוב, ולפני כן רב בעיר ז׳ירדוב ע״י אמשינוב, ובעיר גרבוב ע״י קולו (לא רחוק מפשדץ). זכורני את המקרה כשהאדמו״ר ר׳ יוסף זצ״ל ביקר בעיר גרבוב אצל בנו ר׳ יעקב דוד הי״ד. זה היה ביום שישי בשנות השלושים הראשונות, אבי ז״ל החליט לנסוע לגרבוב לשבת לקבל פני הרבי. שכר עגלה ונסענו, אך משום מה מעשה שטן, נסענו בדרך העפר

והיה בוץ גדול (זה היה תיכף אחרי חג הפסח, והסוס סחב בקושי את העגלה, היה כבר מאוחר והיה חשש לחלול שבת. אחרי טלטולים רבים הצלחנו עוד להגיע לגרבוב בזמן ואפילו לטבול במקוה. כשנכנס אבא ז״ל אל הקודש פנימה לקבל שלום מהרבי — אמר הרבי זצ״ל „שמואל ידעתי שתבוא — ושאלתי גם פה אם שמואל שוחט מפשייטש כבר הגיע״. וכך בלינו את השבת הזאת במחיצתו של הרבי ר׳ יוסף זצ״ל בנעימים. אבי היה אדם חביב ונעים הליכות, בזמן מלחמת העולם הראשונה, באו לעירנו הרבה פליטים יהודים שברחו מלודז׳ מחמת הרעב ששרר אז בערים הגדולות, והרבה הגיעו ומצאו מקלט בעירנו. כל אחד עשה כמיטב יכולתו כדי לעזור ולהכניס לדירתו פליט ומשפחתו, וכך עשה גם אבי ז״ל. הוא מסר חדר אחד משני החדרים שגרנו בהם למשפחת פליט בשם פריד — סנדלר


ר׳ שמואל ימניק
שו״ב וש״ץ בפשייטש


הגב׳ שרה רחל ימניק
רעיתו

במקצועו, ולמרות הצפיפות הגדולה אצלנו, שהיינו משפחה עם ילדים קטנים, הוא היה מרוצה מאוד שיכול לעזור לפליט יהודי שיסתדר בדירה ושירוויח למחייתו ולמשפחתו. היה להם טחנת־יד לטחינת קמח, וגם עבד קצת בסנדלרות, וכך היה מתפרנס איך שהוא. אחרי המלחמה כשחזרו הפליטים ללודז׳, ביקרנו אצל המשפחה הזאת כמה פעמים, הם גרו אז ברחוב וואלבורסקה 12. היו מקרים שבאו יהודים עניים שרצו לעלות לארץ ישראל ובאו לאסוף קצת כסף, ואז אבא הלך אתם בבתי היהודים האמידים לעזור להם בזה. ביניהם היה יהודי אחד מעיר זלוצ׳וב שהעסק שלו נשרף והוא החליט לעלות לארץ ישראל וזכה לזה. היהודי הזה היה

מוכר בעירנו כי הרבה פעמים עבר לפני התיבה כש״ץ, באמירת הסליחות הראשונות, ועקב מסחרו ביקר לעתים תכופות בעירנו, היה בעל תפילה טוב. ואחרי שהחליט לעלות לארץ ישראל, בא לאסוף קצת כסף ואבא עזר לו כמיטב יכולתו. אחרי המלחמה כשהגעתי כמעפיל לארץ פגשתי את היהודי החביב הזה, והוא סיפר לי הרבה זכרונות טובים מאבי ז״ל ומהתנהגותו כמכניס אורחים. אבי שימש בקודש בעירנו כשו״ב, כמוהל, בעל תפילה ובעל קורא בתורה בבית הכנסת בכל ימות השנה. בעל תוקע בשופר בראש השנה, ושליח צבור בימים הנוראים. ביום כפור התפלל תפילת „כל נדרי״ ותפילת מוסף, ובהעדר הרב התפלל גם תפילת נעילה. קולו חזק וערב, ודאג שגם בעזרת הנשים, ישמעו את התפילות, כפי שהתבטא פעמים רבות. כשנתקבל כשו״ב בעירנו שימש בתפקידו ביחד עם החזן הזקן ר׳ שבתי קוטק ז״ל, שהיה אז חזן ושו״ב בעירנו, וכשנפטר ר׳ שבתי היה אבי תקופה ארוכה לבדו עד שנתקבל החזן והשו״ב. גרברמן מעיר פירט שבגרמניה, הוא היה חזן טוב, ולא היה בדעתו להישאר בפשדץ. כפי שהתבטא פעמים רבות שזה רק תחנת מעבר עבורו, ואמנם כעבור זמן קצר עבר לעיר שידלוביעץ כחזן וכשו״ב. ומאז נשאר אבי ז״ל לבדו בתפקידו עד לחסול הקהילה ע״י הנאצים ימ״ש. בהיותו לבדו הוא עבד קשה, שעות רבות ביממה וללא הגבלה בזמן, מלפנות בוקר עד שעות הערב המאוחרות. השכם בבוקר, כבר היה צריך להיות בבית המטבחיים, — לשחיטת בהמות, ואחרי כן לשחיטת עופות, שלא היה לזה זמן מוגבל, רק כל היום מהבוקר עד הערב, ותמיד היה מוכן למלא את תפקידו בנאמנות, בלי טענות ובלי טרוניות. כי ידע שעבודת הקודש של עירו רובצת על כתפיו, ואין אחר שיעזור לו. הרבה שנים לא היה בעיר בית מטבחיים מיוחד לשחיטת בהמות ועופות, אלא לכל קצב היה בית מטבחיים משלו בחצר ביתו... ולשחיטת העופות היה בית מטבחיים קטן בחצר ביתנו. ורק בשנים האחרונות לפני מלחמת העולם השניה, נפתח בית מטבחיים גדול באופן רשמי מטעם הרשות המקומית הפולנית בחצר ביתו של ר׳ חיים זומר ז״ל, זה היה כבר משוכלל לפי המושג של הימים ההם עם יותר נוחיות לעבודה עבור הקצב והשוחט. ויותר תנאים סניטריים עם השגחה קבועה וטרינרית של רופא פולני וטרינר, וגם שעות קבועות בבוקר לשחיטת בהמות ושעות מיוחדות לשחיטת עופות. כשהיה בית השחיטה לעופות בביתנו, היתה התכונה רבה, בעיקר בימי הירידים בעיר, כשהנשים קנו את העופות בשוק ותיכף באו לשחוט אותם, וכן בימי רביעי וחמישי לקראת שבת או בשבוע של חג, אז המה החצר מנשים וילדים שבאו עם העופות לשחיטה, ולפעמים היה גם תור גדול. ובשבוע לפני יום הכפורים בין כסה־לעשור, היתה התכונה גדולה שבעתיים, כי כל אחד הביא את הכפרות לשחיטה, ובכל בית היה כמה וכמה עופות, ואז נמשכה שחיטת הכפרות עד מאוחר בערב. בלילה שלפני ערב יום הכיפורים, הלך אבא ז״ל עם השמש ר׳ איטשע קובלסקי ז״ל בבתי הבעלי בתים ששמרו על המסורת לסובב כפרות לפנות בוקר של ערב יום הקדוש. וכך היה אבי ז״ל עסוק כל הלילה בשחיטת הכפרות, עד זריחת החמה של ערב יום הכפורים, וחזר הביתה עייף מאוד ורצוץ, אך ביום זה עבודה רבה לפניו, אמנם שחיטה כבר לא היתה, אבל הוא היה צריך להתכונן ליום הקדוש להיות שליח צבור בבית הכנסת הגדול, תיכף בבוקר של ערב יום כפור, הלך

לבית המדרש לתפילת שחרית, ואחרי שסעד ונח קמעא הלך למקוה והחל להתכונן ליום הקדוש. אחרי הצהרים הלך לבית הכנסת לתפילת מנחה, ואחרי הסעודה המפסקת בירך את הילדים והלך לבית הכנסת להיות שליח צבור בתפילת „כל נדרי" למחרת ביום כפור התפלל תפילת שחרית ותפילת מוסף עם המקהלה, אלו היו האחים ווישניבסקי, הרשל, זליג, שמחה, ובראשם האח הבכור ראובן ז"ל. שכולם היו גם המשוררים אצל החזן הזקן ר' שבתי קוטק ז"ל. גם אחי יהושע וכותב השורות האלו עזרנו על ידו בתפילות ימים הנוראים.

אבי ז"ל היה חובב ציון נלהב, בזמן ההוא, זאת היתה העזה וסיכון מיהודי אדוק ובפרט מכלי הקודש כשו"ב להיות חובב ציון, ועז היה רצונו לעלות לארץ ישראל, אך לא זכה להגשים רצונו, ושלח את אחי יהושע לקבוץ של הפועל המזרחי להכשרה, כנהוג בתקופה ההיא, שאחרי כמה שנות הכשרה קבל סרטיפיקט, ועלה לארץ ישראל בשנת 1935. את החינוך לאהבת ציון קבל אבי ז"ל. בנעוריו בבית אביו אבי זקני ר' יהודה הלוי, שהיה חבר בחברה „אגודת האלף" שקנו אחוזה בארץ ישראל בכפר עין זיתים ליד צפת, בתקוה לעלות עם משפחתו ולהתיישב בארץ ישראל, אך החברה הפסידה הון רב בהשקעות לא מוצלחות באחוזה הזאת, התפרקה ונשארו רק שלש מאות איש שהמשיכו במשימה זאת שגם אבי זקני היה ביניהם, ולבסוף התפרקה לגמרי וכל העמל והכספים שהשקיע בזה הלכו לטמיון, ונשארו אצלו רק המסמכים והקבלות על הכסף ולא זכה לעלות לארץ ישראל.

בזמן המלחמה בימי שלטון הנאצים — השחיטה היתה אסורה בהחלט ומי שנתפס על זה, דינו היה מות, ואבי ז"ל הסתכן לא פעם והלך לבתי היהודים המעטים בחשאי שהסכין מתחת לשחיו בכדי לשחוט עוף בהסתר ובצנעה, כדי שיוכלו לאכול בשר כשר, עד שעלה הכורת על יהודי עיר פשדץ' ויחד עם כולם אנשי קהילתו ששירת אותם למעלה מארבעים שנה עלה על המוקד יחד עם אמי ע"ה וכל היהודים אנשים, נשים וטף, הושמדו ונשרפו במחנה ההשמדה חלמנו. הנאהבים והנעימים בחייהם ובמותם לא נפרדו ד' ינקום דמם הטהור והקדוש יהי זכרם ברוך ות. נ. צ. ב. ה.

כעת כמה מלים על אחי ואחיותי ז"ל.

אחי יעקב יצחק היה גר בעיר לובין על יד וולוצלבק. מקצועו כובען והיה לו גם חנות למכירת כובעים ומגבעות, אשתו לאה היתה עקרת בית ושני ילדים בת רוזשה, ובן יהודה הערש. הוא היה איש מכובד בעיר, חבר בהנהלת הקהילה, דתי ובעל עמדה, כשהנאצים התחילו להציק ליהודי לובין כמו בכל מקום, והתחילו המשלוחים למחנות השמדה, הוא ברח עם משפחתו לעיר וונגרוב היכן שגרה אחותי חיה, ומשם ברחו לגיטו ורשה, סבלו מכל הסבל והרעב ששרר בגיטו, ולא ידוע לנו אם נשלח לטרבלינקי או שנספה בגיטו ורשה בעת המרד. הי"ד.

אחי שלום היה גר בעיר לודז' ברח' דרעוונובסקא 5 עם אשתו מכלה וארבעה ילדים־בנים. היה לו חנות מכלת, הוא נשלח ע"י הנאצים לעיר פוזן, סבל רעב ומכות, עבודת פרך במחצבת אבנים וגם בסיתות אבנים על הכביש, ונספה שם במחנה פוזן. אשתו נשלחה עם טרנספורט למחנה השמדה, ילדיו היו

במוסד לילדים, כמה חדשים בעיר לודז׳, ולבסוף חסלו הנאצים את המוסד והילדים נשלחו למחנה השמדה. הי״ד.

אחותי חיה דבורה מנדלבוים גרה בעיר וונגרוב, עם בעלה ישראל ועם בנם יחידם ראובן, היה להם חנות לגלנטריה. בעת חסול הגיטו בונגרוב נשלחו למעזריץ׳ ומשם למחנה ההשמדה טרעבלינקי הי״ד. אחותי רויזה לאה (רוזשה) ז״ל, נפטרה לפני המלחמה בז׳ אדר תרצ״ז, 1937. יהי זכרם ברוך. ות. נ. צ. ב. ה.



רויזה לאה (רוזשה) ימניק

יצחק לוין

מצבה לבתי שלא הכרתיה

הגורל הטיל אותנו לתוך העיירה בליבעי. היתה זו עירה ברפובליקה באשקיריא ועיר בירתה אופא. ביוני 1942 גורשנו מציעלאבינסק ששם הדביקו לנו תוית „לא רצוי" בגלל מוצאנו פולין. ומשום כך הכריזו עלינו „מסוכנים למשטר". הוכרחנו תוך שמונה ימים לעזוב את העיר, הסיבה, בגלל העברת מיניסטריונים מ־מוסקבה לציעלאבינסק. למרות שביליבעי היתה עיר עם שני בתי־ספר גבוהים וקרובה לתחנת רכבת „אקסאקאבה" רחובותיה לא היו סלולים וכן גם בלי מדרכות, בלי ביוב, בלי חשמל, מים שאבו ממעין בתוך העיר.

רוב בתיה היו בני קומה אחת, בכלל מראה העיירה היה עלוב ביותר, לשכור דירה היה כמעט בלתי אפשרי. סכום די נכבד עלה בכדי להשיג פינה למגורים אצל משפחה. וזה לא היה באפשרותנו ונאלצנו מחוסר ברירה להכנס לקולחוז בשם „נאדיעזידא קרופסקאיא" ע"ש אשתו של לנין. הקולחוז היה 8 קילאמעטער מהעיר, שם עבדנו עבור המגורים ומעט אוכל.

באוגוסט 1942 גויסתי לצבא האדום, הודות לכך אשתי קבלה עבודה בבית חרושת היחיד בעיר, ושכרה פינה למגורים אצל משפחה שבעלה שרת בחזית. כל הבית היה של חדר אחד בלי שום שרותים, וכן בלי רהיטים, לישון נאלצה אשתי על הרצפה על מזרון של קש. הגג דלף בגשם, ובעת סערה הבית התנדנד.

אשתי היתה אז בהריון. ב־17 לפברואר 1943 נולדה לנו בת, על זה הודיעה לי אשתי במכתב. קראו לה בשם איזא. בתעודת הלידה שהופיעה בשתי שפות רוסית ובאשקירית נרשמה איזא איזאקובנה נולדה ב־17 לפברואר 1943 בתם של יצחק שולימוביץ לוין ודבורה איזראעלובנה מהבית טאוב.

בגמר חופשת הלידה אשתי חזרה לעבודתה הרגילה 12 שעות ביממה. בשעות העבודה התינוקת נמצאה בבית תינוקות ברוסית „יאסלא" ושם במוסד הנ"ל היו חייבים להאכיל את בתנו, וכן לספק טיפול רפואי וכללי, מיטה וכן מזרון וכיסוי עבור התינוקת . אשתי נאלצה לקנות מכספה בכדי לספק לתינוקת. המוסד קבל כרטיס המזון שלה. פעמיים ביום בשעות העבודה אשתי הלכה למוסד להניק את התינוקת, אבל אשה שעבדה פיזית 12 שעות ביממה ולא תמיד אכלה לשובע לא הספיקה ההנקה, ונאלצה לקנות חלב ומצרכים אחרים בשוק החופשי כתוספת מזון לתינוקת. ממשכורתה המוגבלת.

אבל מדוע התינוקת מאבדת ממשקלה ?

המוסד קבל עבור התינוקת מספיק מזון ומראה בתנו רע מיום ליום, מרוב חולשה בתנו הצטננה לעתים קרובות. האורגניזם איבד כח ההתנגדות. והמטפלות, הן פרחו, וכן גם משפחותיהן, חלק ניכר של המזון לתינוקות זרם גם לשוק החפשי. לשלטונות הדבר לא התגלה. האם הסיבה היא שגניבת המזון מהתינוקות נעשתה בצורה כה מוצלחת שזה לא התגלה ? או שלא היו מעונינים לגלות את הפשע האכזרי. העובדה, המוסד קבל את המזון והתינוקות רעבו.

באוגוסט 1943 בתנו נפטרה ואני אפילו לא הכרתי אותה. היא נפטרה בבית החולים.

בשבוע האחרון לפני מותה אשתי ישבה ליד מיטתה יום וליל. לא היו שום אמצעים להציל את חייה, גם תרופות לא ניתן לה, הם נשלחו עבור חיילים פצועים. פעם אשתי בישבה ליד מיטתה נרדמה מרוב עייפות וכשהתעוררה איזיצקא כבר לא היתה בחיים. אשתי קנתה עבורה ארון מתים ובעצמה הביאה אותה לבית הקברות,מרוב תשישות לא היתה מסוגלת לחפור קבר לבתה, וכסף לשלם עבור חפירת קבר גם לא היה לה. בית העלמין נמצא בשטח סלעי הררי. היא מצאה בשטח קבר לא מנוצל,הטמינה בו את ארון המתים עם גופת בתה, כסתה את הקבר בסלעים מפוררים ובחמר שנמצא בשטח בכמות מוגבלת כך שלהקים תל כסימן לקבר לא הספיק.

מי שיקרא על המאורע האמיתי הנ"ל יחשוב נא רגע ויחדור ללבה של האם וללבותיהן של הרבה אמהות אשר עבר עליהן גורל דומה...

יצחק לוין ישראל

הינדה

דאס לעצטע מאל האב איך זיא געזעהן אין חודש אוגוסט 1939, איין חודש פארן אנהויב פין סוף. איך ווייס נישט ווען זיא איז ערמארדעט געווארען. איך ווייס נאר זיא איז נישטא.

אין זעקסטען יאר פין איר לעבען האבען דיא עלטער'ן זיא איינגעשריבען אין דיא פריוואטע העברעאישע שול אין שטאט פין איר געבוירען, אין קולו.

אין יאר פין אנפאנג דיא לימודים, קען גאר אויך זיין אין דעם טאג איז אויסגעבראכען דיא מגיפה פין אומברענגען מענשען, אין ספעציעל יודען.

אפשר דיא לושיה ווערסט מיר ענטפערן פארוואס האבען זיי דאס געטיהן. ערלויב מיר ליב קינד, מיין טייערע איינציגע שוועסטערס טאכטער, אז איך וועל דיך אזוי ריפען ווי דיינע עלטערן האבן דיך אין שטיב געריפען, איך ווייס דיא קענסט עס נישט טוהן, איך ווייס אפילו נישט ווי דיין קבר איז, אפשר דיין קערפערל ? ניין, איך קען וועגען דעם נישט טראכטען. חאטש דיא גייסט מיר פין קאפ נישט ארויס. דיין מוטער האט מען געריפען פריידע ליבע פין דער היים לוין, דיין פאטער יחיאל מאיר היימאן. זיי האבען דאס גאנצע לעבען שווער געארבייט. איך בין איבערצייגט אז אין זייער פרי איבערגעריסען לעבען האבען זיי קיינעם קיין עוולה נישט געטוהן. אנהענגער פין ציונים כלליים זענען זיי געווען. אין צו דיא שול האבען זיי דיר צוגעגרייט א בלוי־ווייס קליידעל. מיט דיא העל בלאנדע צעפלעך מיט בלויע שארפען. דיא האסט ליעב געהאט צו שפרינגען איבער א שנור, געוועהנליך וויא דיא מעהרהייט קינדער. אין ווען דיא פיסלעך דיינע האבען געשפרינגען זיינען דיינע ווייסע צעפלעך מיט דיא קאקארדעס אויך געשפרינגען. היינט איז דער ערשטער טאג פסח 1973. דיא ווייסט לושיה

וויפיעל צייט איך זעה דיך אט אזוי? שוין פיר אין דרייסיג יאר. יעצט וואלסטו צוגעקימען נאר צו פערציג יאר פין דיין לעבען. אין דיא מיין קינד ביסט שוין נישטא פיר אין דרייסיג יאר...

טויזענטער מענשען, קלוגע, געלערנטע, מיט גרויסע נעמען, אין הויכע טיטולען, אין חכמים, האבען אנגעשריבען וועגען דיא מלחמה הינדערטער, טויזענטער אין אפשר גאר מיליאנען ביכער, זיי האבען געזוכט אין זוכען נאך די סיבות פין דיא מאסען מארדען. עס זענען שוין פארגעקימען טויזענטער משפטים איבער רוצחים. זיי ווערען געשטראפט מיט ארעסט פין איין יאר ביז לעבענס לענגליך



— פאר טויזענטער רציחות, אין נאך א קורצע צייט שטילערהייט באפרייט מען זיי,אין פיעל באפרייט מעןביים פראצעס. איך פרעג זיך דיא גאנצע צייט פאר־וואס האט דיא וועלט דעמאלס געשוויגען אין דערלויבט דיך ליב קינד צו ערמארדען. צו דער גאנצער כוח פין דער וועלט איז מסכים געווען מיט דעם שרעקלעכען מארד? אין דיא גאנצע וועלט געווען שוואכער פין איין לאנד דייטשלאנד וואס האט געציילט נאר אריבער זעכציג מיליון בירגער, ענטווערט מיר פירער פין אלע לענדער, איך האב דיא פולע רעכט צו שטעלען פאר אייך דיא פראגע.

מיט גרויס מיה האב איך באקימען איין בילד פין מיין גרויס פארצווייגטער משפחה. אויף דעם בילד זעט מען פין רעכטס אויף לינקס דעם פעטער מיינעם (דעם ברודער פון מיין פאטער) משה לוין, דיא טאכטער לאה, דער זוהן סענדער וועלכער אין 1939 איז אוועק אין דיא פארנומענע געביטען דורך סאוויעט

רוסלאנד. אין 1943 אין דיא רייען פין דיא רויטע ארמיי שווער פארווינדעט געווארען און לעבט היינט אין רוסלאנד. א קראנקער מענש א אינוואליד. נעבען סענדערן שטייט דיא מומע יעטע, אויף דעם טיש זיצן חנה׳לה אין אבא׳לה, דער פרימער איד וואס זיצט אויף דיא לינקע זייט איז דער פאטער פין דיא מימע יעטע. ער איז געשטארבען פאר דיא מלחמה אוסברוך. ער האט געהאט מזל, אבער זיין קבר האבען דיא נאציס חרוב געמאכט.

מיין פעטער איז געווען א פרימער איד. ער האט געהאנדלט מיט קוך געשיר. געפארען אויף ירידען צוזאמען מיט זיין פרוי. בלויז איין נאכט אין דיא וואך זיינען זיי אין בעט געשלאפען. פון פרייטאג אויף שבת, אין אויך דיא נעכט פין דיא יום־טוב טעג, אין קיין נגיד נישט געווען.

ווען דיא רוצחים זענען אין קולו אריין האבען זיי דיא אידען אין דריי גרופען צוטיילט. אין דיא גרופע וואס זיי האבען נאך יזביצא אין לובלינער וואיעוואדזטווע פארשיקט האבען זיך געפינען מיין שוועסטער מיט איר משפחה, אין דער פעטער משה לוין מיט זיין משפחה, אין דאס איז אלעס.

קליין מיידעלע, לושיה, וויפיעל פיין ביסטו נאָך אדורך ?
לושיה, וויא האט אויסגעזעהן דיין גורל וועג ?
לושיה וויא איז דיין קבר ?

י. ל. ל. שלומי

איינע פון פיעל

כ׳זאג אייך. ס׳גאנצע מזל, איהר הערט, ס׳גאנצע מזל דאביי וואס אין די גלות לענדער איז געווען צוויי טאג אין דיא וואך צוואנגס רוה. יא ס׳פארשטייט זיך קודם שבת. אוודאי שבת איז דאך שבת. אין זינטאג איז דאך נאר זינטאג. שבת האבען טאקע אינזערע מאמעס געריט. פרייטאג ? ניין. פרייטאג האבען זיי טאפעלט געארבייט. א האלבען טאג פאר אגאנצען, אין אפשר נאך מעהר. אבער זינטאג, אנהויבענדיג פין מוצאי שבת האבען זיי אבגעטיהן דיא ווירטשאפט ארבייט פאר אגאנצע וואך. וואשען, טריקענען, פרעסען, לאטעווען, צערוועז, שטיקן אין נאך פיל פארשידענע אין פארביגע ארבעטען. אוודאי, דיא מאמעס האבען דאך געמוזט ארבעטען צוזאמען מיט די טאטענס אויף חיונה. פארען אויף דיא מערק האבען זיי געמוזט. זיי זענען אויך געגאנגען אין דיא דערפער מיט דיא מענער. זיינקויפען פארשידענע סחורה׳ס, פין דיא פויערים, אין דערנאך פארקויפען דיא סחורה׳ס פאר דיא גרויס הענדלער. זיי זענען ארויס שפעט ביינאכט זינטאג, אדער מאנטיג פרי ווען עס איז נאך געווען פינסטער. זיי האבען געטראגען צוויי קוישען אויף ביידע הענט אין אזאק אויף דיא פלייצעס. זיי האבען געקויפט היהנער, גענז, קאטשקעס, אייער, פיטער, אויך לעדערלעך פין חיות, אין אנדערע דארף פראָ־דוקטען. איינצעלנע דארפס הענדלער האבען געהאט אויך א פערד אין וואגען, זיי פלעגען אמאל קויפען א קעלבעל אויך. צווישען דיא פיסגייער האט זיך

געפינען דיא משפחה ביאלאגלאווסקי. אבער ווען דיא האסט געפרעגט וועגען ביאלוגלאווסקין האט קיינער נישט געוויסט וועמען דיא מיינסט. דיא לאמע חיה מיטן בלינדען יוסף האבען אלע געקענט. אין וועגען זיי וויל איך ערצעלען.

ביי אונז אין שטעטעל האבען אלע געהאט צונעמען אין זיי אויך. דיא לעצטע יאהרען פאר דיא מלחמה האבען זיי געוואוינט ביי אהרן טאראנציק אויפן' שטאק אין איין צימער וואוינונג. ביי דיא ווארשאווער גאס (א שיינער נאמען) אפט האבען זיי געטוישט דיא דירה ווייל זיי האבען נישט געהאט צו צאלען דירה געלט.

אחוץ ליידען האבען זיי גארנישט פארמאגט. גרויסע קינדער קימען נישט אין חשבון. אין קינדער איז זיי געבליבען דריי. דער עלטסטער זין גיטמאן, א שניידער געזעלן, האט זיך פארקילט ווען ער איז געגאנגען נאך איזביץ אין א רעגען נאכט פארלייגען א שטעל. דיא קרענק האט זיך פארערגערט אין פאר־וואנדעלט אין א שווינדזוכט. ער איז געשטארבען אין עלטער פין ביינצעהן יאהר. דיא טאכטער יוכבד איז יעצט דיא עלטסטע אין שטיב, איז זיא אוועק אין דער פרעמד באדינען א משפחה. דער קלענערער זין ליפמאן פארקופט צייטונגען. אין נאך א קליין יונגעל איז געוועז אין שטיב.

פין אלע גליקען אחוץ פיין האבען זיי דאכט זיך גארנישט מער פארמאגט.

פין מאנטאג ביז דאנערשטיג האט דיא מאן אין ווייב טאג טעגלעך געשפאנט איבער דיא דערפער נאך אביסעל דחקות פרנסה.

פרייטאג איז חיה געבליבען גרייטען שבת, אין יוסף איז אוועק אין וועג אריין.

איי איי זיפצט ער אפ. חאטש פרייטאג רוהען אביסעל מיינע אויערן. זיא האט דאך אזא דיבור אז פיר אין צוואנציג שעה אן איבעררייס רעדט זי, יא מיין חיה זאל מיר לעבן, האט ליעב צו רעדען. אין טאמער איך פארקלער זיך אין כ'ווייס נישט וועגען וואס עס גייט איר, האב איך שוין צו הארכען אז דער קאפ פלאצט. יוסף האט נישט געזען אויף איין אויג, איין אויג איז געווען ביי איהם צוגעדעקט מיט א בלאנע א ווייסע, אדורך געפלאכטען מיט רויטע אדערלעך. ס'האט זעהר נישט סימפאטיש אויסגעזעהן. וועלכעס אויג דאס איז געווען געדענק איך נישט. דאס רעכטע צו דאס לינקע. קען זיין דאס רעכטע. יא, דאס רעכטע.

א הויכער יוד, א ברייט פלייציגער, א דארער, מיט א שווערען שלעפ־דיקען שריט אין אויסגעטרעטענע שיך האט ער' געשוריט איבער דיא גאסען אין וועגען, אין זימער — אין דיא זאמדען. צו אויך אין רעגען טעג אין דיא בלאטעס, נעבען איהם האט זיך געשלעפט חיה דיא לאמע, א מאַדנע גאנג האט זיא געהאט, דא איז זיא געוועז נארמאל הויך, אין דא קליינציג ווי א צוועלף יאריג קינד, זיא האט זיך נישט געשאקעלט אין דיא זייטען. אין נישט אינטערגעשטיפט זיך מיט איין פיס. נאר דא איז זיא געוועז קליין, אין דא שוין גרויס.

ווען ס'איז אים גישעהן מיטן אויג ? אין יעדען פאל נישט פין א געשלעג. קען זיין אז ער איז אזוי געבארען. אין אויך חיה ווייסט מען נישט ווען זיא

האט אנגעהויבען אינטערצו הינקען, כ׳גלייב אז אזוי זענען זיי געווען צו דיא חתונה. אבער פאר דעם האט זיא געקענט רעדען, שנעל און פיעל, אן איבער־רייס, ווען מען מאכט אין פשייטש א פארמעסט פין רעדען וואלט זי זיכער געגימען דאס ערשטע ארט. וועגען וואס צו רעדען האט איר נישט געפעלט. זיא איז געווען א גאנצע שטעטעל צייטונג. אין ס׳האט איר קיינמאל נישט געפעלט טעמאטען אדער חס ושלום ווערטער, זיא האט אלע און אלעס געקענט און פין אלע צייטען.

קיינמאל האבן זיי נישט געוויינט אויף זייער גורל, וואס גאט גיט איז גם זו לטובה. דאס יונגסטע יונגעל האט שוין אויך אנגעהויבען צו גיין מיט דיא עלטערן. אלע האבען געארבייט, טאג טעגלעך פין גאר פרי ביז זעהר שפעט. ער, א בלינדער, זי א לאָמע. דיא טאכטער אין דער פרעמד א דינסט. ליפמאן פארקויפט שוין נישט צייטונגען, ער ארבייט שוין ביי א היטעלמאכער. אלע מיט גרוי זאמדיגער פנימער. אויסגעמאטערטע, קיינמאל נישט זאטע. אנגענימען דעם גורל, א מין פרים רעליגיעזע רעזיגנאצע. מיט א איבערגעבנקייט צו דעם וואס האט זיי אויסדערוועלט.

אין טראץ דעם וואס זיי האבען וויניג צייט געהאט צי זיצען אויף די שול אדער חדר באנק, מ׳קען ציגעבען אז געלעגענהייט, מעגליכקייט, איז אויך נישט געווען, האבען זיי אלע געקענט לייענען אידיש און פויליש, און זיי האבען ליעב געהאט צי לייענען.

זייער שווער לעבען, זייער ריין שווער לעבען איז געווארען דורך די גאז קאמערן איבערגעריסען. פארגעסט נישט אין זיי.

לוין יצחק

אן אויסנאם בין איך נישט

אוסאדא לויט די נומענקלאטור איז א ארט וואס איז צו קליין צו זיין אשטאט, און צו גרויס צו זיין א דארף, אזא מין ארט איז דאס שטעטעל דראבין אין פלאצקער קרייז. נישט דערוואקסען און איין צייטיג איבערגעוואקסען, דא האבען מיר געוואוינט פין אנפאנג 1937. דער צענטער איז געווען דער מארק. דא האט זיך געפינען דיא קירך און גמינע־ראט, ארום דעם פיר עקיקען פלאץ זענען געווען הייזער מיט געשעפטען, און ווערקשטעלען. פארטער און שטאקיגע געביידעס, אויסגעפלאסטערט מיט שטיינער. געבריקעוועט זענען אויך געווען דיא שערפצער גאס ווי דער רב האט געוואוינט, דיא פלאצקער גאס און אויך ראצוינזער גאס. דיא איבריגע געסלעך דריי צו פיר און זימען זיינען זיי זאמדיג, און סתיו בלאטעס געגוג טיפע. ביי דיא קירך איז אויך געווען אין סקווער — פארביק גערופען פארק. עס זענען דארט געשטאנען בענק פאר פארלעך, זיי זאלען האבען ווי צו זיצען נישט באמערקטערהייט, דיא שול איז געשטאנען אין



הגב׳ רויזה טאוב פדרו ז״ל
ובתה דבורה
רעיתו של הח׳ יצחק לוין
הנמצאים בישראל.

דיא זאלישער גאס. ביז דיא העלפט געמויערט פין ציגעל. אין דיא אויבערשטע טייל פין האלץ. עס האבען זיך געפינען צוויי ביבליאטעקען, איינע אויף די יודישע גאס, אין איינע הינטער די אנפירונג פין דיא פייערלעשער. לייענער איז געווען געציילטע, טעאטער פארשטעלונגען, קינו, פארלעזונגען זיינען נישט פארגעקימען. אין יעדען פאל אין דיא יאהרען ווען איך האב דארט געלעבט. צוויי־דריי מאל אין טאג זיינען אדורך געפאהרען אוטובוסען, אויך א איבערעבונג.

מיר האבען דא געוואוינט פין אנפאנג 1937 די לעצטע וואכען פאר די מלחמה אויסברוך איז דאס לעבען געווען נערוועז אינטענסיוו. יעדען טאג עפענטליכע פארזאמלונגען, מיטינגען, פיל מאל צוויי דריי מאל אין טאג. דאס איז אנבעלאנג אין דיא שטימונג פין עפעס אמיוחסדיגען מאן אדער פרוי. שטענדיג האבען זיך איבערחזרט די אייגענע זאצען „שטארק פארבונדען איז גרייט״, קיין קנעפעל פין אזעלנערישען מונדיר. פראנקרייך מיט אונז. די ערשטע

צייט האבען די פערזאמעלטע נאך מיטגעשריגען, אין אויך מיטגעזינגען, די לעצטע טעג פאר דעם מלחמה אויסברוך האט מען נאר געשאקעלט מיט דיא קעפ. דעם 31 אוגוסט פארשווינדען די פאליציסטען אין גמינע אנפירער, די איינוואוינער ארגאניזירען א זעלבסט שוץ טעטיג נאר ביינאכט. דעם ערשטען אין צווייטען ספטמבר ווערט ס׳שטעטעל באמבארדירט עטליכע מאל, עס פאלען ציווילע מענשען, קינדער. עס באווייזען זיך ענצעלנע, אין גרופען זעלנער פין פוילישען מיליטער, אהן אנפירערשאפט, אהן געוועהר, א חוץ ביקסלעך גארנישט, אין דאס האבען דיא לעצטע מאביליזרטע אויך נישט באקימען, א גרעסערע גרופע זעלנער האבען זיך פארהאלטען אין וועלדעל פאר׳ן שטעטעל אויפן וועג נאך פלאצק. זיי ווערען באמבארדירט. אלע קימען אים. צווישען זיי אכט יודישע זעלנער אין פוילישען מיליטער, מאביליזירטע קורץ פארן קריג קימען איינצעלווייז צוריק. אבער דער פרומער יוד אין גרויסער למדן יערוזולימסקי וועט שוין נישט קימען, ער איז געפאלען. די זעלנער ערציילען וועגען דיא ביטערע שלאכטען ביי קוטנו, גוסטינין, אין אנדערע ערטער. אויף די מיילער האבען זיי אלע איין ווארט „זדראדא״, „פארראט״, זיי האבען אינז פארקויפט.

פיעל אייינוואוינער מט זייערע פאמיליעס טראגען זיך ארויס אין שכניתדיגע דערפער, אנדערע באהאלטען זיך אין קעלערס. עס ווערט שטיל, דאס נאצישע מיליטער גייט א דורך, זיי שפאנען אופן וועג נאך ווארשא. מען חאפט מענשען אויף ארבייט, מערסטען טייל יודען. זיי נעמען דעם רב מיטן גלח אין ארעסט, דיא לערער פין דיא פאלקס שולען ווערען געצווינגען צו רייניגען די גאסען, דיא ארעסטירטע ווערען באפרייט אבער אויך זיי זענען געצווינגען צו קערען דיא גאסען. זיי ערלויבען נישט צו פארזאמלען זיך אין דיא בתי תפילה. יודען שאפען מנינים צום דאווענען אין פריוואט וואוינונגען.

אין דיא שול שאפען זיי אשפיטאל פאר פוילישע פארווינדעטע זעלנער, אין דיא קירך שטעלען זיי אריין פערד, ווארשע פאלט. צווישען דיא לייכט פארווינדעטע איז פאראן איינער וועלכער שטאמט פין אוקראינע. ער קען גיט דיא שפראך פין די אקופאנטען. יעדען טאג גיט ער אבאריכט וועגען די שמועסען פין דיא פוילישע פארווינדעטע פאר דעם דייטשען פעלדוועבעל. דעם קאמענדאנט פין שפיטאל... איך האב זיך אמאל ציגעהערט צו אזא באריכט ווען זיי האבען מיך געכאפט אויף ארבייט אין שפיטאל. די קראנקע פירען זיי ערגעץ אוועק. די שול ציינעמען זיי מיט די הילף פין געצווינגענע צו דער ארבייט אידען. דער בוי מאטעריאל פין צענימענעם בנין צעטיילען זיי פאר קריסטליכע איינוואוינער.

זיי צוזאמען מיט די הילף פין אטייל פין די פוילישע באפעלקערונג אין ספעציעל די פרוי פין ארטיגען קומין־קערער ראבירען אידישע געשעפטען ווי אויך פריוואטע שטיבען. דיא ערשטע קרבנות זענען געווען דאס באקליידונג גשעפט פין דיא פאמיליע ניימארק, אין דיא שפייז הורטאווניע פין דיא פאמיליע פינקעלשטיין. פין טאג צו טאג ווערט ערגער פאר דיא יודען, עס איז שווער צו באווייזען זיך אין גאס. קליינע אין גרעסערע שקצים שטרעקען אויס דעם פינגער אין שרייען „יודע״. די דייטשען שלאגען אין זידלען מיט די ערגסטע איז שמוציגסטע ווערטער, פאר יעדען סאלדאט מוז מען ציען דעם היט, איינעם

האבען זיי אינטערגעריסען א אויער, א צווייטען אויסגעריסען דיא באָרד צוזאמען מיט דיא הויט. יעדער נייער טאג איז געווען ערגער פין פארגאנגענעם, יעדען טאג נייע גזרות. ערב יום כפור 1939 האבען מיר באמערקט שפאצירען דריי פארשוינען אנגעטוהן ציווילע גרינע אנצעגער מיט טירולישע קאפעלושען אויף די קעפ. מיט שטעכיגע אויגען האבען זיי אלעס אבגעמאסטען. צומארגענס פרי יום־כפור איז דער רב אין באגלייטונג פין שמש געגאנגען פין שטיב צו שטיב אין געבעטען אלע זאלען מיר זיך שטעלען באלד אויפן מארק פלאץ. ווען אלע האבען זיך צונויפגעזאמעלט, זענען דיא דריי פארשוינען צוגעקימען. פאר זיי איז געשטאנען א בענקעל פארדעקט מיט ווייס פאפיר אין אויף איהם א פריזיער מאשינקע מיט א שער. נאך אקורצע רעדע פין איינעם פין זיי אין אגעשריי מיצע־אב ערע פאר דייטשע סאלדאטען, זענען מיר געוואויר געווארען אז מיר זיינען גארנישט קיין מענטשען, נאר עפעס אמין היה׳ס אויסניצערס, פאראזיטען, א.א.וו.

נאך דעם האבען זיי ארויסגעריפען א יודישען פריזיער אין געהייסען שניידען די בערד. אבער נישט אזוי געוועהנליך נאר איין זייט, אזוי ווי מען שניידט אדורך אפיר עקיק פאפיר פין איין ווינקעל צום צווייטען. פין דעם האבען זיך די פנימער פין דיא געשווירענע יודען פארקרימט. פין ארומיגע פענסטער האבען פועל קריסטליכע פרויען ארויסגעקיקט אין געווינט, אבער מער זענען געווען אזעלעכע וואס האבען געלאכט. ווען דאס שערען האט זיך געענדיגט האבן זיי אנגעפאנגען אינז מישטירען, לויפען, פאלען, קייקלען זיך אויף די שטיינער, שפרינגען זיצענדיג (זאבקעס). צווישען אינז האבען זיך געפינען עלטערע מענשען, דער אלטער שוחט, דער אלטער ווארשאבסקי א יוד פין אריבער 80 יאר דער שווינדזיכט קראנקער שניידער פעדרו. פיר שעה האט דאס געדויערט. צוויי טעג שפעטער האבען זיי צינויפגעזאמעלט אלע מענער אין עלטער פין 15 ביז 45 אידען אין קריסטען, אין פארמאכט אינז אין דיא קירך. צווי מעת־לעת זענען מיר דארט געווען פארמאכט, איין מאל אין טאג האבען זיי ערלויבט צו באקימען עסען דורך קרובים, אין ארויסצוגיין צו ערלעדיגען די נאטירליכע באדערפנישען, אבער איין מאל אין טאג איז נישט גענוג. דיא ערשטע וואס האבען באשמיצט דעם ארט זיינען נישט געווען יודען. דעם צווייטען טאג פארנאכט נאך אינזער פארשפארונג האבען זיי געמאלדען אלע איינוואוינער אז צומארגענס אין דער פרי מיזען אלע בלייבען אין זייערע שטיבען. דיא פענסטער מיזען זיין שטרענג פארהאנגען, אין ווער עס וועט ארויסקיקען וועט ערשאסען ווערען. דעם אינדערפרי טאקע האבען זיי אינז אלעמען מיט לאסט אויטאס פארדעקטע מיט פלאנדעקעס אבגעפירט אויף א פעלד נאך די שטאט שערפץ, בערך 26 קילאמעטער פון דראבין, דארט האבען זיי געהייסען אינז זעצען מיט דיא הענט פארלייגט אויפן קארק. ארום אינז איז געווען אויסגעשטעלט לייכט מאשיז געוועהר באדינטע דורך זעלנער פין ווערמאכט. נאך צוויי שעה זיצען האבען זיי אינז איינגעשטעלט אין געפירט אין פאבריק בנין „שערפציאנקא״. די ערשטע דריי טעג האבען מיר באקימען בלויז וואסער צום טרינקען, אויפן פערטען טאג האבען יודען פין שערפץ געברענגט קוישען מיט ברויט. פאר די ערלויבניש

צי דערלאנגען אינז עסען האבען זיי ערציילט האבען זיי געמיזט באצאהלען צו צוויי זילבער מטבעות יעדע פין ווערט 10 זלאטעס. עס איז שווער צו פארגעסען טובות וועלכע מענשען טוען, אבער נאך שווערער צו פארגעסען ווען ווער עס איז וויל מענשען פארוואנדלען אין חיות.

אגרויסער טייל פין צווישען אינז קריסטען אין יודען פין הינגער זענען געווארען זעהר נערוועאיש, די אויגען ביי זיי זענען כמעט ארויס פין קאפ אין פארגאסען מיט בליט, פיעל פין זיי האבען ווי קינדער געיאמערט. ווען דער זעלנער אין די מיטל יאהרען האט אוועק גענימען פין די יודישע פרויען די קוישען מיטן ברויט, אריינגענימען זיי אין גרויסען פאבריק זאל ווי מיר אריבער 2000 מאן זענען געווען ציזאמען געקוועטש, האט ער לאנגזאם מיט א טאשען מעסערס צעשניטען דאס ברויט אין געווארפען צווישען די מענשען. אנטשולדיקט מיר לייענער... איך קען נישט געפינען קיין פאסיגען אויסדריק צו דעם וואס ווייטער איז פארגעקימען, אגרויסער טייל פין אינז האבען זיך געווארפען אויף דעם ברויט, זיי האבען זיך צוזאמען געבינדען, אין געריסען איינער פין צווייטען, איין בערגעל מענשען האבען פשוט געקייקעלט זיך איבער דעם דיל, געריסען אין געביסען זיך. דאס איז דאך ערשט געווען דער דריטער טאג פין הינגער. אבער ברויט האבען יודישע פרויען געברענגט פיעל, זעהר פיעל, נאר דעם דייטש מיט זייט געהילף ביים מאשין געווער האט זעהר געפאלען דאס בייסען זיך צווישען מענשען.

צווישען אנדערע וואס האבען נישט געוואלט אנטוהן קיין תענוג דיא דייטשען, איך מיט מיינע צוויי ברודער, פין פחד האבען זיך פין דעם טומעל אוועקגערוקט הינטער א וואנט. ברויט האבען אלע באקימען, נאכהער האבען זיי געטיילט אין האנט אריין ווען ער האט געזעהן אז פיעל ווילען זיך נישט רייסען.

שפעטערדיגע טעג האבען זיי אינז געגעבען עסען געקאכט אין א מילי־טערישע קוך אבער פין פראדוקטען וואס יודישע פרויען האבען געברענגט. פיעל פין אינז האבען באקימען געשלאגען, ווייל ביים כאפען דאס עסען, אין עסען נישט נארמאל זענען אסך מענשען קראנק געווארען אין זיי האבען נישט געקענט זיצען אין די פאזיציע וואס די קולטורעלע שומרים האבען פארלאנגט. דערפאר האבען זיי געקריגען געשלאגען.

אין גיי זאג ווער איז די חיה ?

איין מאל אין מעת־לעת האבען זיי אינז אזוי ווי שאף אויף דעם פעלד ארויסגעיאגט צו ערלעדיגען די נאטירליכע באדערפענישען. ארום אינז זענען געשטאנען זעלנער מיט געוועהר אין געהיטען, אבער חוץ ביקסען האבען זיי אויך געהאט פוטו אפאראטען אין פילם אפאראטען אין דיא גאנצע פראצעדור אויפגענימען.

נאך צוויי וואכען איז אהין געקימען א דייטש אין א מונדיר פין לופט פלאט אין געהאלטען פאר אינז א רעדע, צווישען אנדערע האט ער געזאגט איז א מישונג פין פויליש־דייטשע ווערטער, אז זיי האבען געוואלט אינז אוועק פירען אויף ארבייט נאך דייטשלאנד נאר אזוי ווי אינזערע גוטע פריינט דיא ענגלענדער אין פראנצויזען באמבארדירען די באנען (בומבויום נאשע באני),

אזא מעכטיג — גרויזאם וויסט און פינסטער בילד האט נאך ביז היינט די וועלט ניט געזען. עס איז א ים פון חורבן, עס זענען פארגליווערטע טויט כוואליעס איבער דעם ים, פון אלע ווארשאווער גאסען איז געווארען איין געוואלדיג ריזיקער דענקמאל פאר דורות און דורות. ניטא מער נאלעווקי, ניטא מוראנאוו, ניטא דזיקע און פאוויע ניטא דזיעלנא און סמאטשע, ניטא גענשא און פראנצישקאנער, ניטא שוויענטאיארסקע און נאוואליפיע ניטא מילע און קארמעליצקא, גאר ניט איז דא, עס איז דא נאר וויסטעניש, שטארצען ארויס די בערג פון חורבן, שטעקען ארויס אייזענס, דרענגער, שטיינער, בארג אויף בארג, הויך און העכער, און דאן נידריגער, פלאכען גריבער, משוגענע שפיצען ווילדע פאנטאסטישע פיגורען וואס טייוואלים האבען אויסגעכישיפט .איך בין אויפן פעלד וויסטעניש וואס האט אמאל געהייסען פלאץ קראשינסקי.

זאגט מיר מיין באגלייטער דער קאפיטאן פון די געטא קעמפער, דער אוראייניקעל פין ווילנער גאון מארק עדעלמאן. „דא איז געווען דער אנהויב פון געטא קאמפף — ווייזט ער מיר אן אויף אצוויטן חורבן פעלד. „דא האבען מיר אינטערמינירט דעם באדען און אויפגעריסען די מינעס ווען די דייטשען האבען זיך דענענטערט".

איך בין אויף אבארג פון רואינען, ווען דאס געטא איז שוין געווען פארברענט, פארניכטעט און אויפגעריסען, האבען דא די דייטשען, צווישען די שפאלטען פון די רואינען, צווישען און אויף די בערג פון די רואינען געמאכט אקאנצענטראציע לאגער פאר ידען פון גריכענלאנד, וועלכע מען האט ספעציעל אהער אראפגעבראכט, די גריכישע יידען, שקלאפען, אויסגעפייניקטע סקעלעטן


זענען אויסגעשטארבען דא איינע נאך די אנדערע, געלעגען טעג און וואכען טויטע אויף די בערג פין אומקום, ווען אינטער די בערג זענען געלעגען טויזענטער טויטע יידען פון פוילען, וואס ליגען נאך דארט ביזן היינטיגען טאג. מיר זענען ביים טויער פון דעם געוועזענעם בערשטער־שאפ פין דער דייטשער שקלאפען פאבריק, וועגען וועלכע מען וועט נאך שרייבען איינע פון דיא דראמאטישסטע וועלט מגילות. דא איז פארגעקומען דער אנטשיידענסטער געטא קאמף, דא האבען יידישע יונגע גבורים אוועקגעלייגט 300 דייטשען טויט; דא האבען יודישע יונגע קינדער געווארפען זייערע לעבענס אין די הימלען אריין. ווי מלאכים — האט די מאמע דערציילט ווארפען שטערן פון די הימלען אין דער נאכט אריין. איך גיי איך גיי, איך קריך איך בין אויף בערג און אונטער בערג, שטיי אווילע בויג ארופ דעם קאפ, ביז היינט צו טאג ליגט נאך אינטער אט דעם מעכטיגען ריזען — בארג פין רואינען דער קעמפער און קדוש מיכאל קלעפפיש איינער פין די געטא העלדען וואס וועבט זיך שוין איין אין דער יודישער לעגענדע, וועמעס באבע האט מיט געצומען שטעק־שיך, און שבת לייכטער, ווען מען האט איר אוועקגעפירט קיין טרעבלינקע. עס זענען ניטא קיין גרעסערע און הייליקערע ווערטער וואס מעגען דא און דארפען דא געשעפטשעט ווערען ווי:

„יתגדל ויתקדש שמיה רבא"!

און אזוי ווייטער שילדערט דער דיכטער דעם גרויסען חורבן פין ווארשאווער אידענטום, די גרויסע העלדישקייטן וועלכע יידישע יוגענט האט ארויסגעוויזען אין קאמף געגען די נאצים מיט גרעסטע גבורה זיך מקריב געווען געקעמפט ביזן לעצטען אטעם צוג און געפאלען צווישען ברענענדיגע און פאלענדיגע הייזער, טראץ דעם וואס עס האט זיך געזען דער סוף פין דעם גרויסען חורבן האבען יידישע העלדען און געטא זיך נישט געלאזט פירען צו דער עקידה ווי שעפסען. נאר געקעמפט און זער טייער איז געווען דער פרייז פון דעם נצחון פון די נאצים אין ווארשאווער געטא. טויזענטער דייטשען זענען אומגעקומען דורך די הענט פין די יידישע גבורים.

און מיר פשייטשער ניצולי השואה און שארית הפליטה דארפען געדענקען אז איינער פין די גבורים אין ווארשאווער געטא וועלכער האט זיך אויסגעצייכענט מיט העראאישער גבורה און געקעמפט, געמונטערט און גערופען צום קאמף געגען די נאצישע בעסטיע איז געוועזען אונזער נישט פארגעסלעכער פשייטשער רב הרב ר׳ יוסף אלכסנדר זמלמאן זצ"ל. ווי עס איז דערמאנט אין פארשידענע צייטשריפטען, וועלכע זענען ערשינען אין לויף פון די יארען, און ספעציעל אונטערגעשטראכן אין טאג בוך פון שרייבער הלל זיידמאן „יומן גיטו וורשא". און הינטער דעם גרויסען חורבן־בארג פין ווארשאווער געטא, צווישען די טויזענטער קעמפער פון די יידישע גבורים ליגט אויך דער הייליגער קערפער פון גרויסען גבור פשייטשער רב הרב ר׳ יוסף אלכסנדר זעמעלמאן זצ"ל, און אויך מיר פשייטשער שארית הפליטה שעפטשען די ווערטער:

„יתגדל ויתקדש שמיה רבא"!



העץ הגדול והיחיד שנשאר בבית הקברות כמצבה אילמת
צולם ע"י משפחת ד"ר פרופ' ברנד, בשנת 1966



הח' שמחה נוימארק ורעיתו העלה, עומדים בשטח בית הקברות
בשנת 1965

י. ל. ל. שלומי

טושיא יכימוביטש רופט צו נקמה

אסך צייט אדורך ווי איך האָב געקלערט צו ענטפערן אויף דיין בריעף טייערע נישרא. נאר איך האָב זיך נישט געקאָנט פאַרנעמען צו דעם, ווייל ביז איצט בין איך נישט אומשטאַנד צו געבען א ענטפער אויף די פראַגע, די אינטע־רעסירט זיך צו איך האב זיך איינקלימאטיזירט? דאָס קאן מען פארשידענס פארשטיין. ביי מענשען וואס זענען גארנישט אדורכגעגאנגען אין זייער לעבען קען עס הייסען איינאָרדנען זיך אויפן נייעם ארט מיט ארבייט, מיט א דירה, מיט געזעלשאפט א. א. וו. פאר מיר האט עס א צווייטען באדייט, איך פארשטיי די ווילסט וויסען צו איך האב פארגעסען וואס איך בין אדורך, דאס הייסט דעם לאגער, דעם לאגער, דעם לאגער

ניין, נאכאמאהל ניין!

צען יאהר מיט א צוגאבע איז אדורך ווי איך לעב אין רייכסטען אין גליקליכסטען לאנד אין דער וועלט, און איך האב נישט פארגעסען, איך בין זיכער אז צווישען דיא אלע וואס האבען דאס מיטגעמאכט, דאס הייסט דיא זימפ, און



האנדרטה בבירקנאו — אושביץ, לזכר רבבות היהודים שנרצחו שם.
צולם ע״י ד״ר ברנד בשנת 1965

דיא נידערטרעכטיגע מערדערישע שנאה איז קיין איינער נישטא וואס האט עס פארגעסען. עס קאן זיין אזעלכע וואס ווילען טויט מאכען דיא צייט מיט דיא שלעכטע מחשבות דורך א לוסטיג לעבען ביז צום קאפ פארדרייעניש. אבער דאס הייסט נישט אז זיי פארגעסען. עס זיינען דא אזעלכע וואס קלערען נאך אלעס. טאג טעגלעך טריט ביי טריט מאכען זיי אדורך דאס וואס זיי האבען אדורכגעמאכט אין דיא שלעכטע צייטען אין זיי ווינדערן זיך, זיי שטוינען ווי האט עס געקאנט צו קימען דערצו אין ווי אזוי האט מען דאס אדורכגעלעבט. אזוי דיא ערשטע ווי דיא צווייטע פארגעסען נישט, ווייל ביי יעדען איינציגען פין אונז וואס האט אדורכגעמאכט דיא צייט אהנען געטליכקייט איז איבער־געבליבען עפעס אזא מין עפעס וואס וויל נישט ארויס. אין דאס בייסט דעם מענש אמאל ווינציגער, אמאל מעהר, אבער אהן א אויפהער. אין דורך דעם קליינעם עפעס גייט שטענדיג אדורך דיא גאנצע צייט פין דעם גיהנם.

איך האב באקימען דיין בריעף אין טאג פין דיא יארצייט פין מיין לעצטען שמיעס מיט טאשיאן אנהויב 2־טע העלפט דעצמבער 1944. דיא גישרא האסט זי נישט געקענט אבער מיר האט זיך געדאכטען אז איך האב זיא געקענט. ביז 1941 האט מען געלעבט אין א קליין שטעטעל ווי אלע האבען זיך געקענט איך בין שוין דאן אלט געווען 25 יאהר אין זיא איז מיט אפאר יאהר עלטער געווען פין מיר. אין דורך דיא גאנצע צייט פין בושה פין דער וועלט זענען מיר געוועזען צוזאמען אין איך האב נישט באמערקט אז עס קאנען עגזיסטירען אזעלכע אויסע־געוועגלעכע ריינע מענשען אזוי ווי זיא.

דער לעצטער אונזערע עטאפ איז געווען ווי דוא ווייסט „אושביץ״. עס איז שוין נאענט צום סוף. דער אויפשטאנד א׳ ק. האט שוין געגוססט, דיא רויטע ארמיי איז שוין געשטאנען ביי דיא ווייסעל. קליינע אבגעריסענע פרקריפעלטע נייעס זענען צו אונז צוגעקימען. אבער מיר זענען נאך אלעס געווען אויסגעפ־רעמדט אין אלגעמיין. פארשטענדליך יודישקעס, שמוציגע, גנבטעס, אין צו דעם אלעם מערדערינס פון גאט. אבער דאך זענען צו אונז צוגעקימען דורך דיא ברענענדע אויוועגס אין רושטען. דורך הונדערטער טראנספארטען פין אונגארישע יודען, דורך דערשיסען טאג טעגליך טויזענדער געפאנגענע זעלנער, דורכן אויפדעקען דיא אלטע מאסען קברים• אין ברענען דיא האלב פארפוילטע קערפערס, אויסמעקען דיא זינד, פארדעקען דיא שפורען, דורך דעם שטינקענ־דיגען רויך און פעטע פלאמען.

דיא לעצטע צייטען זענען מיר געווען אין איין באראק. דיא לעצטע נעכט זענען מיר געשלאפען אויף איין פריטשע. ליגענדיג נעבען מיר זאגט זי צו מיר: ווייסט, מארגען גיי איך אין „קראנקען שטובע״, דאס הייסט דאך א שפילע צום טויט, האב איך געגעבען א געשריי מיט פיין, קיק וואס טוט זיך ארום אונז, עס וועט דאך שוין לאנג נישט דויערן. זיי נישט קיין קינד, ענטפערט זיא, מיר, און טרייסט מיך נישט. דא איז נישט קיין ארט אויף דעם.

זיא האט גערעדט מיט אנשטרענגונג. זיא איז געווען אבגעשוואכט• דער ארגאניזם האט שוין גארנישט פארנומען. אין דיא פיס זענען געווען ביי איר־

געשוואלען. אין מיט גרויס מיה האט זיא זיי געקענט רירען פין ארט צו ארט. אין קעגענאיבערדיגען ווינקעל פין באראק האט זיך געפינען א אבגעטיילט צימערל פין דער „שטובאווע״ וואס איז געווען א קריסטין אדער א אנגע־שטעלטע קריסטען. זעט זיך אויס אז אויף דעם אווענד האט זיא שטילערהייט אריינגענימען צו זיך אין צימערל 3—2 פרויען מיט פיאלעטינע ווינקלען אין זיי האבען שטילערהייט קאלענדעוועט. דיא מעלאדיעס זענען פאר אינז נישט געווען פרעמד. אין אפילו דיא ווערטער האבען מיר געקענט אינטערשיידען דורך דיא ברעטלעך „כריסטאס שע ראדזי אי נאס אסוואבאדזי״, דאס איז א פרעמד גלויבען אבער דאך האט עס אינז דערמאנט דיא אלטע צייטען.

שוין א וואך עס איך נישט, זאגט טאשיא נאר איך טרינק אין טרינק. אין אינווייניג ברענט מיר ,איך בין א מוזלמאן אין איך ווייס דערפין, איך וויל נישט שטארבען אין גאז א אבגענארטע, איך וויל אימקימען מיטן גאנצען באוואוסטייזן. דאס לעצטע מאל וויל איך א קוק טהון אין פרצוף פין דעם וואס טראגט דאס טויטען קעפעל אויפן היט וואס הייסט א דאקטאר.

זיי דארטען מיט זייער געזאנג האבען אינז א ביסעל צוריקגעריקט. זיי האבען אינז דערמאנט דיא פארגאנגענע צייטען וואס קאנען נישט צוריק קימען. דארטען אין דעם שעליאנקע שטעטעל פשייטש איז שוין פין אינזערע קיינער נישט געבליבען. דעמאלט נאך האט מען גערעכענט אז דאס לעבען וועט פליסען נארמאל, אזביים קבר פין דיא עלטערען וועלען דיא זין קדיש זאגען אין דיא טעכטער וועלען וויינען אין צוזאמען שבעה זיצען. אין דא ווייסט מען אפילו נישט ווען נאך דיא נאענסטע דיא יארצייט איז, אין צו אימיצער נאך עגזיסטירט אויף דער וועלט. מיט גרויס מיה האט זיא דיא ווערטער ארויס־געברענגט. עס איז איר שווער געווען צו אטעמען. אלעמאל האט זיא איבער־געריסען אין ווייטער מיט איילעניש גערעדט. זיא האט מורא געהאט אז זיא וועט נישט קאנען דערזאגען דאס וואס זיא האט געוואלט. אין יעדער אירווארט האט זיך אין מיר ווי א שטיין געלייגט אין אויף אייביג פארבליבען.

אזוי וויא זיי זענען נאר אריינגעקימען אין אינזער שטאט אהין האבען זיך אלע נישט יודען פין אינז אוועקגעריקט. פאר יעדער זאך, פאר יעדען שטיקל ברויט אדער אנדערע לעבענס מיטל האט מען געמוזט טייער באצאלען. אין דאס נישט מיט געלט נאר מיט גאלד אין אנדערע סחורות. נישט איינמאל האבען זיי געראבעוועט ביי אונז דאס האב און גוטס אדער גענימען מיט שאנטאזש.

עס האט נישט געקענט זיין קיין רייד וועגען אווידערשטאנד. זיי האבען אינז געלאכט אין דיא אויגען אין באלד פין אנהויב אינז פרמשפט צום פאר־ניכטען. אין דיא ערשטע טעג איז צו מיר אריינגעקומען דיא אפטייקערין גרושצינסקא, איך זאל איר נייען קליידער אין אויך פאר אירע טעכטער. איך האב געקלערט איך וועל באקימען פין איהר פאר דיא ארבייט עס פראדוקטען, א ביסעל מעדיצין, אבער א שטיקעל זייף, אבער א פראשעק צו דיא ציין, אבער

איך האב באקימען נאר אפאר פאפירלעך פאר וועלכע איך האב גארנישט געקענט קויפען.

אבער דאך איז אינזער לעבען נישט געווען מיאוס. יעדעס שטיקעל ברויט האבען מיר ערלעך פאר דינט. אין מהאט זיך מיה געטוהן אז דיא קולטור אין אינזער שטעטעל זאל בליען. מיר האבען געלעבט אמתדיג מענשלעך. אין זיי האבען אלעס צו נישט געברענגט. דיא געדענקסט מיידעלע אינזערע אווענדען אין נאדעל פאראיין, אינזער ארבייט ביים לערנען עלטערע מענשען לייענען אין שרייבען. וויפיעל ליכט אין אינזער ארבייט און אין אינזערע טרוימערן זענען דאמאלס געווען, אין אלעס צו גארנישט. אבער דאס מענשליכקייט קאן מען דאך נישט טויטען, מען קאן נאר אבהאלטען דעם פארטשריט, זיי וועלען אויסהארגענען נאך טויזענדער מענשען, אבער זיי וועלען אויך אימקימען.

אין דאמאלס וועט ווידער דיא מענשליכקייט אויפבליען, אין דיא קינד מיינס...

פאספיעשילי פאסטערזע דא ביתלהם שטראמען צו מיר דיא קלאנגען.

פארגעס נישט מיידעלע אז ווען דאס אלעס וועט זיך ענדיגען — אויף דיא ערד זאלסטו נישט בויען.

דאס איז אינזער בית עולם, אנטלויף אין ווי דיא וועסט נאר זיין...

דיא הערסט מיך — זאלסטו ערציילען אין גארנישט אראבנעמען, נישט שעמען זיך, שעמען זאלען זיי זיך. זיי האבען געוואלט דערפירען דיא וועלט צו אמין ווילדקייט, אין אגרויסען פראצענט איז זיי געלינגען, אבער דיא ווילדע זענען זיי אליין געבליבען. קען זיין אז אס וואלט אנדערש אויסגעקומען ווען דיא מענשען וואלטען זיך פאראייניגט געגען דיא בעסטיע אבער יעדער איינער האט געטראכט אז ער וועט אדורכלעבען אין האט מורא געהאט צו רעזיקירען. אין פין דעם האבען געגאסען דיא מערדערס, מאסענווייז אין ענצעלנע זענען אימגעקימען.

איך רעד נישט יעצט וועגען אינז יודען.

יא מיידעלע הינטער דעם מאטראץ ליגען דריי פייקעס ברויט, צוויי האב איך אוועקגעגעבען דיא קאפאמאנקע זיא זאל מיך מארגען באפרייען.

ענצעלנע ווערטער פין דיא קאלענדעס קלינגען ווייטער, דיא הערסט דער לאגער שלאפט. אבער אחוץ אינז צוויי, דיא פלאמענס פין דיא קוימינס רויעשען, אבער דיא קערפערס פין דיא מוזלמענער געבען נאר ארויך, פין דיא היץ פלאצט דיא הויט, עס רירען זיך הענט אין פיס, אש אש. אין שטיקלעךביינער.

דיא הערסט זיי קלינגען שוין צום אפעל. דיא בלייב לעבען אין דערצייל. אזוי איז אדורך דיא נאכט.

אין פין דאמאלס אן ווען איך דערהייב אשטיקעל ברויט צום מויל הער איך דיא ווערטער פין דיא קאלענדע אין איך דערמאן זיך אין דיא דריי פייקעס ברויט. אין עס קאן זיין אז א דאנק זיי בין איך געבליבען לעבען. אין איך דערצייל. אבער גלייבען, גלייבען נאר דיא מענשען וואס האבען דאס אדורכגעלעבט.

ימניק ראובן

זכרונות מימי השואה

ברדת השואה על יהדות אירופה, שבה הושמדו אלפי קהילות ישראל, וכמעט כל בית ישראל. היהדות המפוארת הוכחדה ועלתה על המוקד על קידוש השם והעם, בתקופה השחורה ההיא בפרוץ מלחמת העולם השניה, גרתי בעיר סומפולנא על יד קולו. הגרמנים, נכנסו לעיר בראש השנה שנת ת"ש, בשעות הבוקר. התפללנו בבתים פרטיים מוקדם מאוד, ובעת תקיעת שופר עמדו שומרים בחוץ מחשש שהגרמנים ירגישו בנו. כל בתי התפילה הפרטיים היו מלאים עד אפס מקום, גברים, נשים והרבה נוער, כולם הרגישו את אימת הדין ביום הזה, וכולם ידעו למה מסוגלים הנאצים הארורים האלו. כולם התפללו בבכיות וברגש והרגישו באופן מוחשי את הבקשה „זכרנו לחיים" „ובנתנה תוקף" מי יחיה... וכו'. התפילות עברו ביום ראשון וכן ביום שני ללא הפרעה, כיוון שהגרמנים היו עוד עסוקים בסידורים שלהם ובהתארגנותם בעיר. התפזרנו אחרי התפילה הביתה, לא כולם ביחד, כדי לא לעורר תשומת לב הגרמנים וכן הפולנים המלשינים. החנויות היהודיות היו פתוחות לפי הצו של המושל הזמני הגרמני.

בשבת שלאחר ראש השנה, כבר תפסו הגרמנים את היהודים ברחוב וגם מתוך הבתים, לעבודת כפיה, הביאו אותם לחצר בית העיריה, שם מוינו וסודרו לעבודות שונות בעיר ומחוצה לה. כי זאת לדעת שאז בהתחלה, טרם היה ועד יהודי, ולא היה יודנאלטסטר ובשטח הזה שררה הפקרות מוחלטת, את מי שתפסו הלך לעבוד, ומי שהצליח להתחבא נשאר בבית, עד שהתארגן הועד היהודי ובראשו מר פלוצקי, בעל תחנת הקמח, שהיה אחר כך היודנאלטסטר והמתווך בין הגיסטפו והיהודים, בתור מארגן עבודה היה יהודי בשם ורט. הועד היהודי עשה רשימות היוצאים לעבודה, והודיעו על כך לכל אחד יום לפני כן שעליו להתייצב לעבודה למחרת. ואלו שהופיעו ברשימה התייצבו בחצר הועד, שהיה לו בית מיוחד לפעולתו. ושם סודר כל אחד בעבודתו אם בעיר אצל הגרמנים „הפאלקס־דויטשע" או מחוץ לעיר, בחפירות, בנקוי הרחובות ובעבודות אחרות. ואוי לו לאיש שלא התייצב באותו היום, הוכה באכזריות ע"י הגיסטפו ונאלץ לעבוד זמן רב אפילו שלא לפי הרשימה. כאן עלי לתאר את יום החמישי יום לפני ערב יום הכפורים שחל אז בשבת. ביום הזה אחרי הצהרים, יצא כרוז מהגיסטפו שכל היהודים גברים יתאספו בככר השוק לפני בנין העיריה, מי שלא יופיע וייתפס יירה, הפחד היה גדול, מי יודע מה הרוצחים האלו זוממים לעשות, בשעה הקבועה התאספו מאות יהודים, נער וזקן, במקום הקבוע. לא חסר איש, הגרמנים חיפשו בבתים אך לא מצאו. על המדרגות הגבוהות שלפני בנין העיריה עמד קצין גיסטפו גבוה, על ידו הרבה „פאלקס דויטשען" גרמנים, וראש העיר החדש הגרמני. על השולחן היו מפוזרים ניירות שונים. קצין הגיסטפו החזיק שוט בידו, ומסביב ליהודים במעגל עמדו אנשי הס. ס. הנאצים עם מכונות יריה, היינו בטוחים שתנתן פקודה להם, והם יהרגו את כל היהודים. אך כאן הושלך הס וקצין הגיסטפו התחיל לנאום, דיבר אל היהודים: „כבודכם הגיע לקיצו, מהיום אתם תעבדו באתים ובקילשונים,

מי שיש לו חנות או עסק הוא חייב לחסל את זה בתוך תקופה קצרה ביותר, וכולכם תעבדו אצלנו הגרמנים. מספיק רימיתם אותנו ומצצתם את דמנו ולשד עצמותינו, יהודים ארורים!" כאן הוא שפך קיתון של זלזולים, גידופים וקללות על היהודים שעמדו בחרפתם שותקים בלי להוציא הגה מפיהם. אחד מאנשי פמליתו „פאלקסדויטשע" הראה לו באצבעו על יהודי אחד בשם גרשון צ'רניאק הי"ד, זה היה יהודי עשיר בעל חנות לברזל בשוק, מכובד מאד, והנאצי אמר לקצין שהיהודי הזה קילל את היטלר ימ"ש. הקצין התייעץ עם ראש העיר החדש ושאל לדעתו, אך הלה ענה לו שהוא מכיר את מר צ'רניאק כאיש הגון וישר. אז אמר קצין הגיסטפו, שמתחשב בדעתו של ראש העיר ולא — היה מצוה להרוג את היהודי במקום, וצוה לכל היהודים להתפזר איש איש לביתו בריצה... מסביב השוק עמדו פולנים שצחקו על היהודים ועל מה שקרה להם פה, וליוו אותם בצעקות, בקללות ובגידופים. היהודים נצלו הפעם. הגרמנים בזזו את הבתים היהודיים, בלווי מכות אכזריות פרצו לדירות ובזזו מכל הבא ביד, רהיטים, כלי בית, שמיכות, בגדים, פרוות, וכל דבר ערך, בחנויות בזזו בדים נעליים, דברי מזון, טבק, טה, אורז, הם רוששו את היהודים שנשארו בעירום ובחוסר כל. העבירו את היהודים לדירות צפופות וקטנות ואת הדירות שגרו בהם עד עכשיו מסרו לגרמנים הפאלקסדויטשע, וגם את העסקים — החנויות והמחסנים לקחו מהיהודים ומסרו לגרמנים. הגיעו מים עד נפש, לא היה ממה להתפרנס. רעבו ממש ללחם, חיפושים תמידיים, חטיפות לעבודה לימים ולילות, בחורף שנת 1940 עבדנו, גם אני בתוכם בנקוי מסילות הברזל בסביבת העיר קונין, שתי יממות שלמות ביום ובלילה בלי אוכל ושתיה, רק מה שכל אחד לקח אתו מהבית. היהודים מכרו לשכניהם הפולנים מה שהספיקו להחביא, תכשיטים שונים, בגדים או קצת סחורות שנשאר להם מן החנויות שנסגרו או עוקלו על ידי הגרמנים. הועד היהודי אירגן מנות מזון, חלב וסוכר, הכל בצמצום גדול למשפחות היהודיות, גיטו מיוחד לא היה, אך הדירות צומצמו והדוחק והצפיפות היה גדול. כך עברו כמעט שנתיים עד הקיץ שנת 1941 ואז התחילו המשלוחים למחנות עבודה בגרמניה. המשלוח הראשון של כמה מאות גברים צעירים ומבוגרים נשלחו לעבודה בגרמניה בחודש תמוז תש"א — אוגוסט 1941. כולם התאספו בחצר הועד היהודי, ולפי רשימות מוכנות מראש, נשלחו היהודים לתחנת הרכבת שבעיר סומפולנו בלווי ז'נדרמריה ופולקס־דויטשע, מסביב לגדר של תחנת הרכבת עמדו הנשים עם תינוקותיהן על זרועותיהן, וילדים ואמהות והבכיות שלוו את יקיריהם שנשלחו למחנות העבודה — קרעו שחקים, מסביב שמענו רק בכיות ויללות מאלו שנשארו עדיין בבית. המשלוח יצא לעיר קולו הסמוכה היכן שלנו בבית הכנסת הגדול על הרצפה, ומשם נשלחו לפוזן ולשאר המחנות. המשלוח השני שאני הייתי בו יצא ביום תשעה באב תש"א — 1941, באותו הדרך של המשלוח הראשון. למחרת לפנות ערב הגענו למחנה זבונשין על הגבול הישן של פולין וגרמניה, ששם החזיקו הגרמנים את יהודי גרמניה בשנת 1938 שגורשו מגרמניה. היינו שם יממה, שם פגשנו גם חלק מהמשלוח הראשון מסומפולנה, למחרת עשו הגרמנים מיון — (סלקציה), חלק נשאר בזבונשין וחלק נשלח למחנה העבודה בוכוורדר־פורסט על יד פוזן. שם פגשנו הרבה יהודים מעיר לודז' שהגיעו לשם עוד בתחילת הקיץ, והם כבר החזיקו במשרות השונות של המחנה, כגון: סגן של ראש המחנה,

ראשי הצריפים, מנהלי וטבחי המטבח, ראשי עבודה מחוץ למחנה, מחלקי עבודה במחנה, במכבסה, במרפאה, בצריף של מקלפי תפוחי אדמה וכד׳. ובכל זאת כשהגיעו היהודים מסומפולנו קיבלו גם הם כמה משרות, מאחר ואוכלוסית המקום גדלה, גדלו גם התפקידים גדלו גם מנות המזון, ובכך השתפר בהרבה מצבם של היהודים ותיקי המחנה מלודז׳. כי אנו החדשים שבאנו מסומפולנו ומעוד כמה ערים מסביבות קולו כגון: קלאדאווא, דאמביע ועוד, קבלנו חבילות מזון מהבית, והם לא קיבלו כי בגיטו לודז׳ שרר רעב, ואנו לרוב לא אכלנו את האוכל ממטבח המחנה ובזה קיבלו היהודים מלודז׳ יותר אוכל מהמטבח וגם חלק גדול מהחבילות שלנו. עיקר העבודה היתה מחוץ למחנה בבניית הרייכסאוטובאן, וקראו לזה בקיצור ר. א. ב. הגרמנים רצו לבנות כביש מהיר מהעיר דאנציג דרך פוזן עד לברלין. כביש רחב מאוד עם שדרה באמצע, ובזה עבדו היהודים — יישור השטח שעבר בין יערות, שדות, אגמים, נהרות, כפרים וערים, עבודה במריצות, בקרוניות, בעיקור עצים וסלעים, בחול, באדמה, בביצות, במים, מעלות השחר עד הערב. עבודה מפרכת וקשה, תחת השגחתם של מנהלי עבודה גרמנים מרושעים ועריצים, תחת מכות, גידופים, קללות וצעקות, עייפים ורצוצים חזרו היהודים לפנות ערב למחנה, קיבלו מנת המזון הדלה, מרק דליל של תפוחי אדמה וגזר וחתיכת לחם עם או בלי מרגרינה. קמו בשעה 4 לפנות בוקר לשתית קפה שחור ומנת לחם קטנה ובשעה 5 יצאו לעבודה תחת השגחת מנהלי העבודה. אלו היו מחנות עבודה בלי הס. ס. רק גרמנים מבוגרים וקשישים שמרו על הסדר בעבודה ובמחנה. אך המחנה היה מגודר בגדר תיל מסביב. מנהל המחנה היה גרמני בשם שטופנגל, לא היה רשע ולא אכזר. במובן המקובל שהיה אז בדרך כלל בשאר המחנות, לא היכה, לא קילל, היה טוב יותר מהאחרים אך היו שם שני מנהלי עבודה גרמנים, הראשון בשם רסל, רשע, אכזר וסדיסט, כמעט כל יום הביאו למחנה — יהודי שהוכה ועונה על ידו בעת העבודה המפרכת. והשני היה בשם נובק. הוא לא היכה, אך הוציא את הנשמה בעבודה מפרכת, כל היום אילץ את היהודים למהר בעבודה, לא נתן להם מנוחה אפילו לרגע, אצלו לעבוד היה ממש כמו היהודים במצרים, עבודה קשה ללא מנוחה לרוץ עם המריצות המלאות עפר, חול ואבנים. ביום הראשון עבדתי אצל האכזר הנאצי רסל, אך כשראיתי את המכות האכזריות והצעקות על היהודים עברתי לעבוד אצל השני נובק מבלי שמישהו ירגיש בדבר, עמדתי לפנות בוקר כשהיה עוד חושך בחוץ בין אלו שיוצאים לעבוד אצל נובק, וכך ניצלתי ממכות אכזריות, אך כעבור כמה שבועות חליתי כתוצאה מעבודה קשה ומהצטננות, ובהמלצת רופא המחנה עברתי לצריף של מקלפי תפוחי האדמה תחת השגחתו של יהודי מסומפולנו בשם קרושניבסקי. בחנוכה של אותה השנה תש״ב — 1942, הביאו הנאצים שני יהודים ממחנה סמוך בשם הארט. יהודי אחד מבוגר בשם יעקב פרידמן מזיכלין והשני נער בשם נטע פיאסקובסקי מהעיר בלכיטוב, האשימו אותם בשוטטות מחוץ למחנה לבקש אוכל, וכאן במחנה שלנו תלו אותם לעיני כל אנשי המחנה.

לפני חג הפסח בשנת תש״ב, העבירו אותנו למחנה קיסטרין, כששים ק״מ מברלין, שם עבדנו בבית חרושת ליצור קרטון ונייר, וכן שמנים וטרפנטין. משעה שש בבוקר עד שש בערב, והמשמרת השניה משש בערב עד שש בבוקר, יחסית עבודה קלה יותר מהמחנה הקודם. בפסח אותה השנה קיבלתי חבילה ומכתב

מההורים שלי וזה היה המכתב האחרון, כי ביום ז׳ אייר תש״ב — 24.4.1942, נלקחו ע״י גרמנים לכנסיה הנוצרית ומשם למחנה ההשמדה חלמנו, ואז הושמדו היהודים האחרונים שנשארו בעיר פשדץ הי״ד. מסומפולנו קיבלתי את המכתב האחרון בט״ז בשבט תש״ב. כתבו לי שכולם נמצאים בבנין הקולנע הגדול ע״י תחנת הרכבת ומשם נשלחו להשמדה בחלמנו. מהמחנה — קיסטרין־נוישטט, העבירו אותנו לפירשטנברג על יד הנהר אודר, שם עבדנו בעבודת חוץ עד אוגוסט 1943.

אחרי המרד בגיטו ורשה בפסח תש״ג 1943, החליטו הגרמנים לחסל את המחנות הפתוחים ולהעביר את היהודים למחנות סגורים בגדרות תיל מחושמלות ותחת השמירה הקפדנית של הס. ס. וכך העבירו אותנו ממחנה פירשטנברג דרך המחנה ליבנאו לאושוויץ שם קיבל כל אחד מספר מקועקע על זרועו. אני קיבלתי את המספר 142047 עם הסימן של יהודי חצי מגן דוד ▼ מתחת למספר הנ״ל. לשם היכר בין יהודי ללא יהודי בעת הסלקציות. באושוויץ הייתי מאוגוסט עד סוף ספטמבר 1943, בבלוק קרנטין, והעבירו אותי לבירקנאו ששם היו המשרפות ותאי הגאזים, מבירקנאו בחזרה לאושוויץ, ומשם נשלחתי למחנה יאבורז׳נו. (כאן יש לי לכתוב הרבה מאוד מחיי המחנות האלו, אך לא כאן המקום לזה). ביאבוז׳נו עבדו רוב העצורים במכרה הפחם, והיתר בעבודת חוץ בבניית תחנת חשמל ענקית שהיתה צריכה לשרת כל חבל שלזיה, אך הגרמנים לא גמרו לבנות את המפעל הזה, עבדו שם כששת אלפים עצורים, רובם יהודים, אך גם שבויים לא יהודים, רוסים, פולנים ועוד. ב־15 לינואר 1945 כשהרוסים התקרבו לעיר קרקוב וכן לאושוויץ, והיו גם הפצצות באושוויץ, חיסלו הגרמנים את המחנה, לקחו אתם את רוב העצורים, חוץ מאלו שהצליחו להסתתר והחולים, ונסוגו לגרמניה, וכך הגענו בהליכה ממושכת בדרך לא דרך, דרך יערות, שדות וכבישים לעיר בויטן ומשם לבלכהמר. שהינו שם שלושה ימים, ומשם לגרוסרוזן, מחנה עבודה איום עם כל האכזריות הנאצית, ובכל הדרך שהלכנו עם השמירה הקפדנית של אנשי ס. ס. ירו בעצורים בכל מי שפיגר קצת בהליכה, וכל הדרך היתה זרועה בגויות העצורים היהודים. מגרוס־רוזן העבירו אותנו למחנה בוכנולד, במרץ 1945. משם נשלחתי למחנה עבודה — במחצבה — ברגן אם די אלזה. הייתי שם כשבועיים, חליתי מאוד והחזירו אותי לבוכנולד, עם עוד חולים, וביום רביעי כ״ח ניסן תש״ה 11.4.1945, כבשו החיילים האמריקניים את מחנה בוכנולד וזכיתי להשתחרר בעצם היום הזה. אחרי השחרור העבירו אותנו לעיר לאנדסברג, כעבור שנה עברתי עם עוד כמה מאות יהודים לאיטליה ומשם הפלגתי באנית המעפילים כ״ג לארץ ישראל, נתפסנו ע״י האנגלים בלב הים, והעבירו אותנו למחנה בקפריסין, וכעבור ששה חודשים בקפריסין הועברתי למחנה הסגר בעתלית ובקרית שמואל ע״י חיפה, ומשם יצאתי לחופש, וזכיתי לבנות ב״ה בית חדש בישראל, וחיים חדשים.

משה בילבסקי

שבת בעיירה

מוקדש לזכרם של

אבי מנדל וולף בילבסקי ז״ל
אמי הענה שרה ז״ל
אחותי בריינה ז״ל
אחותי באלציא ז״ל
אחי לייבל ז״ל

שנספו בשואה הי״ד

באופן כללי ניתן לאמר כי פשייטש היתה עיר של עמלים וסוחרים זעירים אשר עבדו קשה במשך כל השבוע לפרנסתם.

הופיע יום ששי אחר הצהרים ואפשר היה להרגיש בשינוי האווירה. שבת מלכתא מתקרבת.

חלות הכינה כל משפחה לעצמה והביאו אותם לאפות במאפיות, משפחות אשר פרנסתם מצומצמת היתה ובמשך כל השבוע אכלו מה שאכלו, השתדלו לכבוד השבת להכין מאכלים שישרו אוירה רוחנית על בני ביתם. ברור שהיו משפחות אשר התפרנסו ברווחה ויכלו להרשות לעצמם דגים גדולים במחיר יקר. והיו משפחות אשר בקושי יכלו להרשות לעצמם סרדינקעס במחיר זול, אבל בכל זאת היו אלו דגים לשבת.

יום ששי אחר הצהרים בעלת הבית בעזרת הבנות הגדולות עסוקות עדיין בהכנות אחרונות. הגברים הולכים למקווה לטבול.

מתקרבת השעה האחרונה לפני כניסת השבת, מרוב בתי היהודים נושאים את החמין למאפיה, והנה מופיע ר׳ איטשע קאבאלסקי השמש של העיירה ובפטיש העץ שבידו דופק על מזוזות הדלתות כדי לזרז את המאחרים בהכנותיהם האחרונות לקראת השבת.

רעד עובר אצל כל מי שעדיין לא גמר, מהר, ח״ו לא לחלל השבת.

והנה נשמעת הקריאה של השמש לעעעעכטט צינדעעעעען! נעמד הוא כך בכל פרשת דרכים על קצה בהונותיו, שגם בעולמות העליונים ישמעו ויראו איך קהילה יהודית מקבלת את השבת. וזה גם סימן כי כל ההכנות הגיעו לקיצן.

פני העיירה נשתנו שקט ומתינות השתרר בכל.

בעלת הבית בשמלת שבת, הראש מכוסה במטפחת מדליקה נרות של שבת, ומברכת בכוונה גדולה על הנרות, וכעת עזבו הגברים והילדים לבושים בגדי שבת את הבית בכוון מי לבית הכנסת ומי לבית המדרש, או לחברה תהילים לתפילת קבלת שבת. התעוררו שוב הרחובות לחיים חדשים, חיים של רוגע ונועם הליכות, עם חשיכה הבהיקו מבעד החלונות נרות השבת. הו! נרות השבת הללו כמה קסם

וכמה נשמה היה בהם. ים של דמעות נשפכו על ידי אמותינו ז״ל בעת הדלקת הנרות. מתפללות לשלום הבית, ופרנסה בכבוד, ובריאות לכל בני המשפחה.

בעת תפילת קבלת שבת קרה שמי מן המאחרים להגיע לבית המדרש לחש למישהו שאצל הספר השכן עדיין החשמל דולק במספרה. משמע מחללים שם את השבת, מיד אצו רצו חלק מן המתפללים לכוון המספרה להעניש במקום את מחללי השבת, עד שהגיעו כבר היה חושך במספרה והמתפללים חזרו למקום תפילתם.

נגמרה התפילה, לעתים הופיע ר׳ איטשע שמש ובמכת יד על הבמה מודיע או שהערוב פסול ואסור ליטול חפץ מרשות לרשות. או שאורחים נמצאים בעיירה ויש לכבדם בארוחה. יומם של הילדים היה עם פסילת הערוב כי עליהם היה להביא טלית או סידור לבית התפילה, וכן להביא את החמין מן המאפיה. כמו כן אף אורח לא נשאר בלי ארוחה בשבת. חזרו המתפללים הביתה. אחרי ברכת גוט שבת מתחילים בתפילת שלום עליכם מלאכי השלום. אותם מלאכים המלווים כל יהודי בדרכו מבית הכנסת. בסוף גם לא נשכחה אותה תפלה כשבח לעקרת הבית. זו עקרת הבית אשר על כתפיה מונח היה העול הגדול של אחזקת הבית, גידול וחינוך הילדים, התפלה „אשת חיל מי ימצא ורחוק מפנינים מכרה״.

הנשמה היתרה שנכנסה לשכון בכל בית יהודי ביום השבת מורגשת היטב, השולחן מכוסה במפה לבנה, עליה הפמוטים ובתוכם נרות השבת מהבהבים. ושתי החלות המכוסות במפית מיוחדת, ובקבוק היין והגביע לקידוש שנשאר בירושה אולי מבית אבא או הסבא. כל זה השרה אוירה חגיגית לבית. אחרי הקידוש של ראש המשפחה מורגשת גם האוירה המשפחתית ליד השולחן בזמן האוכל, כי אצל חלק גדול מאנשי העיירה זו הארוחה הראשונה במשך השבוע שיושבים כולם בצוותא ומנעימים ארוחתם בזמירות של ליל ששי.

בגמר הארוחה ואחרי ברכת המזון מוצא את עצמו הנוער במפגשים בהתאגדויות שונות. מי ב„צעירי מזרחי״ אשר ניהל פעולה ענפה בין הנוער, מי ב„ביתר״ או בספריה היהודית או בטיולים בצוותא בעיירה.

בשבת בבוקר קמים והאבא קורא שנים מקרא ואחד תרגום, ומשיב את לבו בכוס תה חם, וכבר שומעים שוב את קולו של השמש אין שוואל ארייייין! הילדים הקטנים עז רצונם לישון עוד קצת. אבל העירוב פסול. וזה קרה לעתים קרובות ועליהם להביא את הטלית לבית התפלה. היו גם משכימי קום, שהקדימו לבוא לבית המדרש. מי שלמד פרק תלמוד, ומי שקרא פרק עין יעקב. בכל אופן קול תורה נשמע ברמה רוב שעות היום.

עד שנת 1925 עוד היה קיים מקום תפלה לחסידי גור בדירה שכורה בחצר ביתו של ר׳ ישעיהו זיעלינסקי, אולם מסיבות חומריות נאלצו לסגרו. בעיות לא חסרו בפרשיות „בחקותי״ „כי תבא״ בעת קריאת התוכחה היו מכבדים אחד מהעניים הנודדים שהסכים לעלות לתורה תמורת פיצוי כספי, אבל קרה שלא הסכים. אז הבעל קורא ברך על הפרשה וקרא לעצמו בשקט. בשנת 1928 והבעל קורא בבית המדרש היה ר׳ חסקל מרדכי לנציצקי. המתפללים מתאספים לתפילה, הבעל קורא איננו, מתחילים בתפילת שחרית שמא איחר ויגיע עד לקריאת התורה, אולם הילד איננו. בסוף הוגנב לאזני מישהו שבניו של הבעל קורא כלאוהו

בביתו ובכך למנוע ממנו את קריאת התוכחה ולהמנע מכל מיני פורענויות הצומחות מכך כפי שהאמינו. אחרי עיכוב בקריאת התורה נמצא מישהו שהסכים לעלות לתורה תמורת פיצוי כספי הגון. ובנוסף גם עגלת עצים להסקה בחורף שהובטח לו ע״י גבאי בית המדרש אבי ז״ל ר׳ מנדל וולף בילבסקי ור׳ איטשע ווידען ז״ל. ומאז התכבד בקריאת התורה ר׳ אהרן דוד יאכימוביטש.

לעתים קרובות היו גם עיכובים בקריאת התורה מטעם הרב. כידוע עיכוב הקריאה בשבת היה אמצעי חשוב ויחיד במינו לפתור בעיות קהילתיות חשובות. כשהופיע הרב לתפילת שבת לבית המדרש, שבדרך כלל התפלל בבית הכנסת, ידענו כי דבר חשוב עומד על הפרק. ואכן לאחר תפילת שחרית עלה הרב על הבמה (בלעמער בלע״ז) ובקש סליחת המתפללים על שנאלץ הוא לעכב הקריאה מאחר וקיים גרעון בתקציב החינוך, או ענין חשוב אחר כגון הכנסת כלה, ודרש השתתפות המתפללים לכיסוי הוצאות הנ״ל.

ואז קם ר׳ נטע וסרצוג כדרכו במקרים כאלו והבטיח תרומתו לכיסוי הגרעון, אליו הצטרפו כל ציבור המתפללים והבטיחו עזרתם לפי יכולתם. הותרה הקריאה והמשך התפילה.

בחורף עבר שומר בית הקברות העוור אורביינסקי ה„שבת גוי״ של העיירה מבית לבית להסיק התנורים לחמום הבתים בשבת, על גבו שק ובו פרוסות החלה שקיבל מהיהודים עבור טרחתו, ולמחרת קיבל תשלומו במזומן.

אחר הצהרים, הנוער שוב התאסף לפעולות בארגונים הציוניים. המבוגרים ניצלו זמנם לשינה חטופה המענגת את הגוף. „שבת״ ש׳ינה ב׳שבת ת׳ענוג.

לתפילת מנחה שוב בא קהל גדול לבית המדרש. השליח ציבור שעבר לפני התיבה היה על פי רוב הא׳ מיכאל הערש ניימרק, בעל ניגון מיוחד לתפילת מנחה.

בחברה תהלים שבה התפללו בעיקר בעלי המלאכה נאמרו פרקי תהילים לפני תפילת מנחה.

לסעודה השלישית אצל הרב שנהפכה למסורת באו כל למדני העיר, הרב השמיע שם דברי תורה. על הזמירות לסעודה זו ניצחו השו״ב ר׳ שמואל ימניק, ור׳ אליהו ולטר ז״ל. בתפילת מעריב והבדלה על הנרות, ובברכת גוט וואך נגמרה השבת. והחיים שוב החלו תוססים לקראת שבוע של דאגות חדשות.

בבואנו הביתה מבית המדרש אחרי תפילת מעריב, מצאנו את אמנו ז״ל על סף הבית ולוחשת את התפילה — התחינה הנאמרת עם צאת השבת ולפני ברכת ההבדלה

„גאטט פון אברהם פון יצחק און פון יעקב באהיט דיין ליעב פאלק ישראל פון אלעם בייזען, און באשיץ זיי מיט דיין לוין דאס דיא זיבען טאג זאלען אינז קימען צו געזינד, און גליק צו אלעם גוטען, צו תורה און יראת שמים, צו מעשים טובים, צו בשורות טובות ישועות ונחמות, אינזער ליבער שבת קודש גייט אוועק, דיא וואך זאל קימען אויף אינז צו מזל און ברכה און צו אלעם גיטען גיווין. „אמן״.

יצחק בן שלום

דער משפט אין די שול גאס

פין צייט צו צייט מאך איך א שפאציר איבערן שטעטעל ווי איך בין געבוירען. ־וועגען איינעם פין מיינע שפאצירען וויל איך דא דערציילען.

דער משפט אין דיא שיל גאס.

דאס איז געוועזן מיט א צייט צוריק. קען זיין אפילו נעכטען, געווי קען איך נישט זאגען. קען זיין אז דאס איז טאג איין אין טאג אויס.

קען אויך זיין אז דאס איז פארגעקימען אין מיין קאפ. ווי עס ברויזט פין דיא זכרונות, אין בשום אופן קען איך זיך נישט באפרייען פין זיי.

א גרויע טונקעלקייט איז אראפגעפאלען אויפן שטעטעל צוזאמען מיט דיא שטילקייט. דאס איז געוועזן אזוי אויסערגעוועגלעך אז עס האט געקלינגען אין מיינע אויערען. מען האט גארנישט געהערט, נישט דיא שטילע שמועסען פין דיא ביימער, נישט דיא אידעלע געזאנגען פין דיא תבואות אין אנדערע געוויקסען. דער נאכטיגאל האט נישט געזינגע כאטש דאס איז געוועזן זיין צייט. קיין שום צייכען פין לעבען. נאר פין צייט צי צייט האט פלעדערמויז מיט א שארפען פייף אדורך געשניטען דיא לייכטע לופט. דאס שטעטעל שלאפט רוהיק. אין שטיל שטייען דיא אלטע הילצערנע הייזלעך. דאס שטעטעל שלאפט, אט וועסטו



רחוב „שוהל גאס"
שמחה נוימרק עומד בפינת הרחוב בעת ביקורו בפשייטש בשנת 1965

אנשטרענגען דיא אויערען אין דיא הערסט דאס אטעמען פין דיא שלאפענדיגע יודען נאך דיא טאג טעגליכע שווערע ארבייט. איך דערנענטער זיך צו דיא הייזלעך. איך שפאן אדורך דיא געסלעך אין קיק אריין אינווייניג, דיא לאדנס זענען אויסגעבראכען, דיא פענסטער ארויסגענימען, דיא טירען דיא מיטעלסטע זענען נישטא, אלעס אין מיטן צעבראכען אדער צערויבט. דער טיח פין דיא ווענט אין דיא דילען מיט דיא סופיטען אויפגעריסען. אפילו דיא ווינטער אויבנס מיט דיא קיכען צעלייגט, אין אימעטום פעדערין פין דיא קישענס אין דעקען. פין אלע ווינקלעך קיקט ארויס אשרעק, א טויטע אויסערגעוועגלעכע שרעק, אהן פנים, אהן צורה, נור בלויז אויגען, פערשידענע קאלירען, פערשידענע עלטער, פארגליווערטע אין פיין אין טריקענע, קיקען אויף דיר שרייען אהן א קול, אהן ווערטער, זיי רעדען, זיי שרייען, זיי — זיי...

אבער שווייג ארגע, פין דערווייטענס דערטראגט זיך עפעס א שורך פין טריט, עפעס א געזאנג. עס שפאנט עפעס א מאן אין מיטן דיא גאס אין אויס־געטרעטענע שיך אין רעדט עפעס, ניין ער זינגט, יא ער ריפט.

דאס איז דאך איטשע שמש, ער גייט אין מיטן דיא גאס ווייל דיא טראטוארען זענען אויסגעפלאסטערט מיט מצבות, ער גייט לייכט, אזוי ווי ער וואלט געשוועבט אין דיא לופט אין זינגט, ער רעדט זינגענדיג מיט זיין לייכט הייזעריקען קול. „זאג נישט קיינמאל אז דיא גייסט דעם לעצטען וועג״.

אופן אפקלאנג פין דעם הייבען זיך אן צי באווייזען מענשען אין דיא געסעלעך, זיי שוועבען ארויס, עס גייען גאנצע משפחות. אין נישט גאנצע, אין איינצעלנע מענשען. פין אלע גאסען, פין דיא דייטשע גאס, פין דיא קירך גאס, פין דיא חאטשער גאס, פין מארק, פין אלטען מארק, עס גייען הינדערטער. טויזענטער, מען שפאנט פין אלע זייטען, עס זענען שוין דא מיליאנען, אין אלע שפאנען צו די שיל גאס. מענשען, פרויען אין מענער. אלטע אין יונגע, אין יונגע מאמעס מיט קליינע קינדער אויף דיא הענט, שטיל אהן שורך שטעלען זיי זיך איין אין דיא גאנצע ברייט פון דיא גאס, בלויז נעבען דעם ווידערפלאם ווי עס איז געשטאנען דיא שיל בלייבט א שטיקעל ארט ליידיק. פריי, אין אלע קיקען דארט אהין אין ווארטען אויף אימיצען.

עס דערנענטערט זיך אויך דיא בלינדע פעסע אינטערגעפירט דורך דיא בלינדע צעריע.

יא — יא איך ווייס ,איך ווייס, איך וויל נאר זאגען אז מען דארף צו משפטען די סיבה פין דיא שנאה צו אינזער פאלק, נאר דאס וויל איך דערמאנען, זאגט דיא בלינדע פעסע.

אלע שטייען, פיעל מענשען, זעקס מיליאן מענשען, צובראכענע, צוקרי־שעלטע, מיט צעשפאלטענע קעפלעך, אין ציריסענע ברוסט קינדער, אהן הענט און אזעלכע אהן פיס, מיט צעקוועטשטע קעפ. אין אלע מיט פארברענטע קערפערס, דא טאנצט מען נישט, דא זינגט מען נישט, מען שטייט פארטראכט אין פארעקשנט שטיל מיט א שווייגענדיגען געשריי,

פארגעסט נישט אינז.

אין דיא לופט קלינגט דאס טויט האפנונג געזאנג. „זאג נישט קיינמאל אז דיא גייסט דעם לעצטען וועג".

פין דעם ווידערפלאם דערנענטערן זיך דריי מענשען פין דיא זייטען אין דיא מיטעלע יאהרען, מיט גראנאטען אין דיא הענט, זעט זיך אויס אין קאמף זענען זיי געפאלען, אנפירער פין געגענשטאנד קאמף זענען זיי. צווישען זיי שפאנט א עלטערער יוד, ער איז איבערגענימען מיט זיין אויפגאבע, דיא הענט זיינע האלט ער אויף דיא פלייצעס, דאס מויל רירט זיך ביי איהם אזוי ווי ער וואלט עפעס צו זיך גערעדט.

אין איטשע שמש גיט א קלאפ אין עמוד וואס האט זיך פליצים דארט געגומען אין זאגט, זייט שטיל יודען, דער משפט הויבט זיך אן.

אין דאמאלס:

שטרעקט אויס דיא רעכטע האנט דער יוד וואס איז אין מיטן געשטאנען, אין הויבט אן מיט דיא ווערטער: מען האט מיך אויסגעוועהלט צו זיין דער הויפט ריכטער, איך מיין אז אלע זענען מיר ריכטער, הויפט ריכטער. יעדער קען מיך דא, איך האב געלעבט א הארעפאשנע לעבען אזוי ווי דיא מעהרהייט יודען, שווער גערבייט אויף דעם שטיקעל ברויט, אויף דעם ביסל עסען, איך האב געוואוינט אויף דיא גאס פין אלטען מארק, מיין גאנץ לעבען האב איך מקיים געוועזן אלע מצווה'ס צוגלייך מיט אלע יודען, דאס גאנצע לעבען בין איך געוועזן א שופט איבער מיר, אין א פארמיטלער פין צדק פאר דיא וואס האבען דאס געדארפט, מיין נאמען איז מיכאל הערש נוימארק. ווען דיא אויסטערלישע רוצחים האבען געמאכט יום כפור אין אינזער שטעטעל האבען זיי מיך געשטעלט אין מיטן מארק אין געמאכט פין מיר שפאט אין שפאס, אזויער נאך האבען זיי געוואלט צונידער מאכען דאס גאנצע יודישע פאלק.

כאפענדיג א בליק אויף דעם הויז פין דעם לאיסטונגס־פולע פאלקס־דויטשע ווי עס האבען זיך פארזאמעלט א קליין הייפעל מענשען פין יודען־ראטן פירער האט ער איבערגעריסען אין געווענדעט זיך צו זיי — שטייט נישט מער אבגעריסען פין אלעמען. נישט אייך וועט מען משפטען פאר דיא צרות וואס איר האט אבגעטוהן צוליעב אייער שוואכען ווילען אין גלויבען, דורך ווייטיג פין אייערע ברידער האט איהר געוואלט פאר היטען אייער קליין לעבען. ניין — ניין — מיר ווועלען אייך נישט משפטען, מיר ווועלען אויף אייך זיך אפילו נישט ערגערן, מיר האבען נאר אויף אייך רחמנות.

דא האט ער זיך צוריקגעקערט צו אלעמען אין ווייטער געזאגט: זיי האבען געשטרעבט צו פארניכטען דאס יודישע פאלק, צו פארברענען דאס יודישע הארץ, אבער פארברענענדיג דעם קערפער איז דאס הארץ נאך שטארקער געווארען. משפט'ען קען מען, מען קאן ארויסגעבען א פסק־דין, אבער אויף וועמען? דא מיז מען משפטען א גאנץ פאלק וואס אין דיא גאנצע היסטאריע פין אינזערע צייטען האבען שטענדיג געברענגט דיא צרות אויף דיא מענשהייט, אויף דיא קולטור, אבער ווי קען מען משפטען א פאלק ווען דיא גאנצע וועלט האט געשוויגען, אין שווייגענדיג זענען זיי מיטשילדיגט.

צו קען מען משפט'ען דיא גאנצע וועלט?

צו שטענדיג ווען עס איז שווער אויף דיא וועלט זענען שולדיג דיא יודען ?!
צו שטענדיג זענען שולדיג דיא פיזיש שוואכערע ? דא האט ער אויסגע־שטרעקט זיין רעכטע האנט צום ווידער־פלאם אין ווייטער געזאגט :
זאל דאס יודישע בלוט בלייבען א פלעק פין שולד אין בושה אויף אלע דיא וואס האבען אקטיוו אין פאסיב געמארדעט מענטשען. זאל דאס ווידערפייער פין דיא פארברענטע שילען ברענען דאס געוויסען פין אלע מיטטיילנעמער !
זאל אויף דיא נישט עקזיסטירענדיגע אש פין אינזערע פארברענטע קערפערס אויפשטיין א שטארק פריי יודיש פאלק, אין דיא פרייע יודישע מדינה זאל זיין א באווייז אז „נצח ישראל לא ישקר".
דיא זין גייט אויף פלאמענדיג בלוטיג אין באלויכט דעם בית עלמין פין דיא שטעט אין שטעטלעך ווי דיא יודען האבען געלעבט אין געבויט.
א שטילקייט, א טויטקייט, אין דיא געפאנגענע לענדער.

ימניק ראובן

מיין שטעטעלע פשייטש



רחוב בפשייטש
צולם על-ידי מר שמחה ניימארק בשנת 1965

געקענט האב איך מיין שטעטעלע
מיט טויזנטער פעדים דערמיט געבונדן
געקענט די טאטעס, די מאמעס, די קינדער
ביז צום טאג פון זייער פארשווינדן.

געקענט האב איך די הארציגע יידן
ערליכע הארעפאשנע, מאטרנדיגע נאך א־
שטיקעלע ברויט,
געלעבט אין דחקות, אבער האלבוועגן צופרידן
און געוועבט ווייטער די יידישע גאלדענע קייט.

געקענט האב איך די קליינע הייזעלעך
צונויפגעטוליטע ווי אין טאנץ
אין די פשוטע יידען פין די קלייזלעך
און דעם שיינעם שבת־יום טוב גלאנץ

און די ריינע זויבערע קליינע שטיבעלעך
מיט ווייסען זאמד באדעקט דעם דיל,
אין די מעשענע לייכטער מיט די שבת ליכטלעך
וואס אונזערע מאמעס האבן מיט טרערן גע־
בענשט אין דער שטיל

געקענט האב איך מיין שטעטעלע
מיט אבליענדיגער יוגענד און הויכער קולטור
מיט כוחות שפרודלדיגע צום לעבן און שאפן
מיט לויטערע־ריינע נשמות ווי די נאטור.

געקענט האב איך מיין שטעטעלע
אין צייטן פין שנאה און האס
פין בויקאטן און פיקעטניקעס, פין צוגערויבטע
פרנסות
פין אנטיסעמיטעשע פלאקאטן און איבערפאלן
אין גאס.

געקענט האב איך מיין שטעטעלע
אין די יאהרען פין טרערן, בלוט און נויט
ווען די נאצים האבען געראבעט און געמארדעט
אין געטריבען אלט און יונג צום טויט.

געקענט האב איך מיין שטעטעלע
ווען עס האט געבליטיגט מיט אפענע וואונדן
די טייערע די נאנטע וועלכע האבען נקמה גערופן
אין די מערדער אין טאג פין זייער פאר שווינדן.

געקענט האב איך מיין שטעטעלע
אקליינס, אפרומס, ארוהיגס און אגעשמאקס.
פין אלע טייערע נאנטע איז אביסל אש פארבליבן
נאכ'ן אומקום אין תהום פין שנאה און האס.

געקענט האב איך די קליינע יידישע קינדערלעך
זייערע שטימעלעך ווי זילבערגלעקלעך האבען
געקלינגען
אויך זיי זענען בעסטאטיש פארשניטן געווארן
אין די קרעמאטאריומס פין די פייער צינגען.

זאל מיין טרויער ליד זיין אמצבה
אופ'ן אש פין די אומשולדיגע קרבנות
און אקין צייכן פאר אוועלט אפרדארבענע
וואס האבען געמארדעט קינדער און פרויען אן רחמנות.

אין אייגענעם לאנד צובויען אפריש לעבן
אשיץ־ארט קעגן די שנאה צום ייד
אומזיסטע קרבנות נישט מער צו געבן
און נעמען נקמה פארן פארגאסענעם אומשול־
דיגן בליט.

זאל דאס בליט פין די טייערע קדושים
קיינמאל פערגעסן נישט ווערן
און זייער לעצטער רוף — שמע ישראל !
זאל אויף אייביג געהערט ווערן.

יל״ל

די מצבה

איך וויל גלויבען אז אייער ווייז פינגער פין דיא רעכטע האנט האט נישט געשטאָכען מיט חוזק דיא פארשפארטע פרויען. איך וויל גלויבען אַז אייערע קינדער האבען מיט מסירות נפש אינטערגעווארפען זיי אשטיקעל ברויט. איך וויל גלויבען אין פיעל גיטע מעשים. ווען נישט דאס צוליעב וואס האט איר געשטעלט דעם אבעליסק (מצבה) ? צו די יארצייט לייגט איר זיכער בלומען און קראנצען ווי דאס ערשטע מאל... שיין האט איר עס דאס מאל געמאכט. אמארמארענע פלאטע מיט אאויפשריפט. דאס איז דער קבר פין 67 פוילישע בירגערינס פין יידישע אבשטאמונג. מיט אשיינעם גדר ארומגעצאמט, פיעל קרענץ און בלומען, שיין, זעהר שיין. און פין צוזאמענגעזאמעלטען געלט פין דיא איינוואוינער פין דארף, שיין אמתדיק שיין.

הינטער דיא פלאטע דיא שטיינערנע ליגען סקעלעטען פין בעסטיאליש ערמארדעטע פוילישע בירגערינס פין יידישע אבשטאמונג״.

פין וואנען ווייסט איר דאָס חשובע איינוואוינער פין דאַרף יאניקוב ביי אינובראצלאב ? הא, פין וואַנען ? דיא סקעלעטען זענען דאָך אהנע נעמען. נאָר מיט אלעכעל אין דיא אינטערשטע טייל פין קאָפּ שארבען, אהנע דאָקומענטען, אהנע נעהמען, אהן שולד. עס קען דאך זיין צווישען זיי אבירגערן פין דיא רייכע אמעריקא, פין דיא שטארקע רוסלאנד, פין דיא קאלטע פינלאנד, נורבעגיא, פין דעם קליינעם שטעטעל פשייטש, קופיצינעץ. איך מיין אז דאס איז דער קבר פין געוויסען פין דיא גאַנצע שוויגענדיגע וועלט.

יא זיכער. דא איז דאך דער קבר פין מיינע און דיינע שוועסטערס, מאמעס, דארט ערגעץ אפרוי אדער אמאן זיכט נאך ביז היינט דיא מיטער זיינע. ער צינדט אליכטעל אין באשטימטען טאג אין יאהר, און קוקט אריין אין דיא שיין פין דעם קליינעם בלוטיגען פלאם אין פרעגט מאמע ווי ביזטו ? ווי איז דיין געביין ?

אויף דעם קאלטען שטיין האט איר געדארפט אויפשרייבען:

דא איז דער קבר פין ערמארדעטען געוויסען פין דער וועלט.

אין דעמאלס קען זיין אין פיעל יארען ארום וואלט געקענט דער שטיין עפעס דערציילען.



איבערזעצט פון פויליש: דאָ רוהען 67 פוילישע בירגער פון יידישען פאָלק ערמאָרדעטע אין דיא יאָהרען 1939—1945, דורך די דייטשע הענקער

משה בילבסקי

„צעירי מזרחי"
ו„השומר הדתי"

תהיינה נא שורות אלו נדבך במצבה אשר אנו מקימים בצורת ספר יזכור לזכרם של יהודי פשייטש אשר ניספו בשואה.

אתחיל בזכרונות מהתקופה אחרי בואו של הרב זמלמן לעירנו בשנת 1923.

מיד עם בואו הפעולה הראשונה שלו היתה יסוד חדר מודרני עם מלמדים יודעי תורה, ביניהם גם 2 מחוץ לעירנו שהצליחו לרכז חלק ניכר מנערי העיר לתוך כתליו.

מבין המלמדים המקומיים התבלט במיוחד ר' מרדכי יהושע פערלא. יהודי מתושבי העיר, למדן מופלג, בעל הדרת פנים, תלמיד חכם שלא היה רבב על בגדיו, בעל „היתר הוראה" שלרבנות לא הגיע. הלמודים אצלו כללו תלמוד



מ י מ י ן שורה ראשונה למעלה: איטשע דנילסקי, בנימין זיבלינסקי, שמואל זיעלינסקי ,יעקב פארדאנסקי; שורה שניה: נטע גרינבלט, לייביש אש, משה טשאנסקאווסקי, העלה יקובוביץ, מיכאל הערש גולדמן, הערש זינגרמן, זלמז דנילסקי, הערש טאפאלסקי, יעקב ז׳יבלינסקי, סאלה איזביצקה, טובה דנילסקה, יושבים: יטקה דנילסקה, מרים רבסקי, . . . רוסק מאלא אורבאך, יצחק לייביש אופנבך, ליבה ומשה בילסקי, ביילה עקערט, מאלה פרנקל, מאניא ראוך, ראנא פישר; יושבים בשורה האחרונה למטה: העניעק ראוך, דוד זיעלינסקי, שמואל לייב אופאס.

ויורה דעה, שעוריו היו כתענוג לתלמידיו, הוא התחבב במיוחד על שהוא חרג ממסגרת שאר המלמדים ולימד אותנו גם נ״ך אשר היה כעין לימוד אפיקורסי בעיניהם. בכלל כל הלימודים אצלו היו על רמה גבוהה מאוד. לכבוד גדול היה לנו לשאוב תורה מפיו, ושמעו יצא לתהילה בכל הסביבה, תמיד מצוחצח ונקי, כשהתהלך ברחוב מיד הסב לעברו תשומת לב הכל, הסתכלו עליו ביראת כבוד, לבושו הנקי תמיד הוסיף לו חן וסבר של שיקול דעת והדרת כבוד. כל תושבי עירנו הוקירוהו והעריצוהו על מסירותו ליעוד הגדול להרביץ תורה בתלמידיו. נערץ היה על שומעיו הן בשל אישיותו והן בשל שיטת לימודיו שהיו מלוות במנגינות נפלאות, ולכבוד היה להמנות על תלמידיו. כן לימד אותנו גם אחיו ר׳ הערש ליפמן פערלא. לצערי עלי לציין כי שניהם, נשותיהם וכל ילדיהם ניספו בשואה, הי״ד.

בעת ההיא היו גם מספר בחורים מחוץ לעיר אשר באו אלינו ללמוד, הם התקיימו על „עסען טעג״, כלומר חלק ניכר מבעלי הבתים הזמינו בחור כזה לאכול אצלם יום בשבוע, וכך התקיימו הבחורים, הם גם שימשו דוגמא וכמדרבנים לתלמידים המקומיים. כן התקיים שיעור מיוחד לנבחרי הבחורים על ידי הרב זמלמן ז״ל בבית המדרש יום יום משעה 2—11 אחה״צ. בחינות לא התקיימו, אבל מדי שבת לסעודה השלישית אצל הרב הופיעו כל התלמידים ושם נבחנו בעל פה ע״י הרב ולמדני העיר.

בעצם היה המבחן גם של השואלים, כלומר גם הם רצו להוכיח את למדנותם.

ההכנות לבחינות, בליל חמישי היו התלמידים ערים כל הלילה והתכוננו לבחינות הללו בבנין בית המדרש. ציונים בעת הבחינות לא ניתנו.

בתקופה ההיא עסקנו בפעולה להעשיר את ספרית בית המדרש אשר בספריה השתמשנו בלמודינו, „תיקון ספרים״ היה שם המפעל.

מדי שבוע ביום ששי יצאו שניים מחברינו, נערים בני 14—13, עברו על בתי העיר ואספו תרומות למען „תיקון ספרים״. כותב הדברים וכן חברי יהושע ימניק הגר כעת בחיפה היינו גבאי המפעל. עלינו מונה כגבאי עליון, דער „געלער איטשע״. התרומות שנאספו נתרמו מכל תושבי היהודים, אחד המרבה ואחד הממעיט, גובה התרומות 15, 10 5 גראשען. מדי שבוע הוכנס הכסף לתוך קופסת עץ שהופקדה בביתו של ר׳ איטשע ווידען, הלוא הוא דער געלער איטשע, והמפתחות לקופסה ברשותו הבלעדית. לפי הצורך ניקנו ספרים, או ספרים שנקרעו נמסרו לכריכה מחדש.

באחד הימים כאשר באנו לבית המדרש לתפילת מנחה ומעריב ניגש אלי אחד המתפללים לשעבר מפרנסי הקהילה, שנים רבות היה גם גבאי בבית המדרש ובקשני לבוא עם חברי יהושע ימניק אליו הביתה לאחר התפילה לשיחה ענינית.

לא ידענו מה צפוי לנו בשיחה זו. באנו אליו התישבנו ליד השולחן שעל ידו הסב בעל הבית.

מארחנו שישב בראש השולחן קם בלי להוציא הגה מפיו, הסתובב בחדר אנא ואנא. הסתכלנו אחד על השני, הבינונו שדבר מה מעיק על לבו וקשה לו לבטא זאת במלים.

ישבנו בשקט, החרשנו וציפינו לבאות.

לבסוף כעבור רגעים ארוכים ניגש אל ארון הספרים שקישט את חדרו והוציא מתוכו „גמרא" בכריכה מפוארת והביאה אל השולחן שם ישבנו.

שם את הגמרא על השולחן, התישב, פתח אותה ונאנח. בקול שקט ומאופק פתח את השיחה אתנו. הרגשנו שדמעות חונקות את גרונו. „מתוך שהגעתי לפת לחם נאלץ אני למכור ספרים אלו למחיית משפחתי אמר. קבלתי אותם לחתונתי כמתנה מחותני כפי שנהוג היה בימים ההם. נאלץ אני להיפרד מהם, אולם בשום אופן לא להתרחק מהם. אנא, אם יש באפשרותכם לרכוש אותם עבור ספרית בית המדרש מוכן אני למכרם במחיר למטה מערכם, וכך אשיג שני דברים, סכום כסף למחיית משפחתי, ולעת מצוא אם ירצה השם אוכל גם לעיין בהם בתוך כתלי בית המדרש, אולם דבר אחד אבקש מכם בל יוודע הדבר ברבים שלכך הגעתי.

חרישית עזבנו את הבית תוך הבטחה להשיב להצעתו תוך ימים ספורים. שמנו פעמינו לבית הרב, סיפרנו את אשר שמענו זה עכשיו. הרב נדהם מלכתחילה, אולם לבסוף אמר, אם באמת הגיע המצב לידי כך שלמחיית משפחתו נאלץ הנ"ל למכור ספריו ואז פתח ארנקו הוציא מתוכו 5 זלוטיס, הניחם בידינו, והמשיך: עשו כל מאמץ שהספרים ירכשו עבור ספרית בית המדרש וכאן חלקי, והשם יהיה בעזרכם.

הסכמנו עם המוכר על סכום 200 זלוטיס, ולהשהות את הביצוע עד שייאסף הסכום. גבאי בית המדרש, אבי ז"ל ר' מנדל וולף בילבסקי, ואיטשה ווײדען ז"ל הסכימו לשפץ את ארון הספרים מקופת בית המדרש.

הסכום נאסף, הקנייה בוצעה, המוכר בדמעות זולגות מעיניו נפרד מספריו. הספרים שכללו כל תלמוד בבלי בכריכה עורית משובחת הובאו במו ידינו לבית המדרש. כאן ניכרה שביעת רצונם של כל יהודי העיר, כלומר התורמים שהרגישו את עצמם שותפים למפעל הזה. אולם שמחת כולנו היתה מהולה בעצב על כי איש שהיה מהמכובדים בעירנו הגיע לידי כך למכור ספריו למחיית משפחתו.

למחרת בבוקר בעת תפילת שחרית הרב קרא אותי ואת חברי יהושע לפינת בית המדרש ואמר — דעו לכם כמעט לא עצמתי עיין במשך הלילה בחשבי שעד כדי כך הגיע המצב לאחת המשפחות בעירנו.

כעת אפשר לגלות. היו אלו ספריו של ר' הערש פארדאנסקי אשר ממשפחתו לא נשאר שריד אחרי השואה.

באחד הימים בבואנו בבוקר לבית המדרש מצאנו על דלתות ארון הספרים כתובת חרוטה בלשון הגמרא „דון מיניה ואיקא באתרא" פירושו למד מהספרים והחזירם למקומם. היה זה עבודתו של חברנו ראובן ימניק.

כאן עלי לציין כי ר' הערש פארדאנסקי היה אחד מגדולי הלמדנים בעיר. שבילי התלמוד והפוסקים היו נהירים לו ולאורם הלך כל חייו. אבל לצערינו למדני עירנו לא הבינו צורך התקופה ושאיפות הנוער להשתחרר מכבלי הגולה.

בתקופה ההיא היינו מנותקים מכל הבלי העולם הזה. גם קריאת עתון לא ניתן לנו. מסיבה שמא זה ישפיע על מהלך מחשבתנו, ונאלצים היינו לקרוא עתון בהסתר מוחבא בתוך דפי הגמרא או היורה דעה, ברגע שהרב יצא למספר דקות הופיע העתון על השולחן ומישהוא הקריא חדשות או מאמר.



ברכת
שנה טובה

ברכת שנה טובה שנשלחה מפשייטש מחברי צעירי מזרחי
לחבר בילבסקי משה בארץ ישראל בשנת תרצ"ד.

יסוד „צעירי מזרחי"

בימים ההם 1929 הגיעו ידיעות על מאורעות הדמים בארץ ישראל. — השחיטה בחברון, והרגשנו כי בכל לבנו אנו עם הישוב בארץ במלחמתו בערבים. לא יכולנו להביע זאת בגלוי כי זה היה מגלה על מציאת פירצה בחומת הלמוד. וכך זה נמשך לימודי תורה מצד אחד, ועתון היינט בין דפי הגמרא מצד שני. היה זה חברנו זאב רוסק ז"ל אשר הביא מדי יום את העתון בסחיבה מדודו ר' נטע וסרצוג ז"ל. אמנם למחרת הופעתו אבל לא מאוחר מדי שלא נוכל לעקוב אחרי המאורעות בארץ.

ואז בשל רעיון בקרבנו שלצד הלמודים עלינו להתמסר גם לעבודה למען ישוב ארץ ישראל. אבל פעולות מוסדות אגודת ישראל אשר ברוחה התחנכנו. בכיוון ישוב ארץ ישראל לא סיפקה אותנו הצעירים, ונאלצנו לחפש את דרכנו בשדות זרים, כלומר במסגרת התנועה הציונית הדתית.

ואז ביקר בעירנו הרב כתריאל פישל טכורז', מוולוצלבק, הנמצא כעת בארץ ומשמש ברבנות בתל אביב. נאומו בבית מר לייביש אש עסקן מזרחי ותיק הלהיב אותנו והרגשנו שזו דרכנו. נוסדה תנועת „צעירי מזרחי" ומאוחר יותר, „השומר הדתי" של נערים ונערות בגיל צעיר יותר. אמנם הרב זמלמן רגז על צעדינו זה, אולם כפי שאמר הוא מתנחם בזה שנשארנו בתוך תנועה דתית ציונית.

צעדינו הראשונים הפצת שקלים של התנועה הציונית וכן איסוף כספים למען הק.ק.ל. זכור שאז היה הסכם בין תנועת ה„מזרחי" — ובין הלשכה הראשית של הק.ק.ל. שכל הכספים הנאספים על ידי חברי תנועות המזרחי משמשים לגאולת אדמות אך ורק למען ישובים דתיים.

הלשכה הראשית של הק.ק.ל. הטילה עלינו סכום של 400 זלוטיס שעלינו לאסוף לשנה, ויש לציין בסיפוק כי כבר בשנה הראשונה עברנו את הסכום הנ"ל. הקופסה הכחולה תפסה מקום כבוד כמעט בכל בית יהודי בעירנו, כן ידע כמעט כל עולה לתורה לנדב למען הק.ק.ל. חלק נכבד מההכנסה היתה מכירת לוח שנתי של הק.ק.ל. ומשלוח מנות בפורים. בערב יום הכפורים בעת תפילת מנחה כאשר כל בית יהודי התכונן לקראת יום הדין העמדנו קערה על במת בית המדרש בין יתר הקערות ועליה כרזה „גאולה תתנו לארץ" היא התמלאה בעשרות זלוטים התורמים היו „עמך" כלומר כל בית ישראל.

התעוררות מיוחדת היתה לקראת שמחת תורה כאשר כל גבר מגיל 13 ומעלה עולה לתורה. הרעיון שתרומה למען מטרה נעלה זו היא לא כמה גראשען שמוציאים מן הכיס למען איזו שהיא מטרה אלא שזו תרומה לגאולת הארץ בכדי לבסס את מעמד היהודים בא"י, ואם ירצה השם אולי הוא בעצמו או אחד מבני משפחתו, יהיו מהנהנים.

הרעיון חדר לכל בית יהודי בעירנו וכמעט כל אחד שעלה לתורה בחג שמחת תורה תרם למען הק.ק.ל. עצם הדבר שכמעט כל אחד במעמד הרם הזה בעת עלותו לתורה זכר את הק.ק.ל. ואת פעלו למען גאולת אדמת ישראל היה הישג נשגב בשביל תנועה צעירה זו תנועת צעירי מזרחי, יש לציין בסיפוק את עזרתם הרבה של חלק גדול מהמבוגרים שנמנו בזמנו על אוהדי תנועת

המזרחי, וכן עזרתם הרבה של גבאי בית הכנסת, בית המדרש, וכן של חברה תהילים.

בעברנו בעיירה לאסוף התרומות למען הק.ק.ל. לא פסחנו על בית הרב שהיינו מתלמידיו („שיצאו לתרבות רעה"). הרב קבל אותנו בסבר פנים יפות, אבל הסביר לנו כי הוא אישית למטרה זו לא יתרום מסיבות מובנות, אולם דפנה אותנו לרבנית, וממנה קבלנו תרומה נכבדה.

המורשים מטעם הק.ק.ל. מבין חברינו היו יצחק לייביש אופנבך, זאב רוסק, והמזכיר משה טשאנסקאווסקי, ז"ל. בחורף 1932 צויין לשבח מטעם הלשכה הראשית של הק.ק.ל. המזכיר הח' משה טשאנסקאווסקי וחבר עוזריו על פעולותיהם למען הקרן הנ"ל. אציין גם את עזרתם של חלק מהמבוגרים אשר נמנו על תנועות ציוניות אחרות ועמדו לימיננו במטרה נעלה זו.

בקיץ 1931 נערכה בעירנו אסיפת עם למען הקרן הנ"ל שבה הרצה נציג של הלשכה הראשית בוורשה מר ברנשטיין? הוא תיאר את המצב בארץ אחרי הפרעות ועל הצורך להגברת הפעולה לגאולת הארץ. לעבדה, ולשמרה, בין היתר הזכיר הפסוק „רחל מאנה להנחם, מבכה את בניה כי אינם". „רחל אמנו בוכה בקברה על בניה הנמצאים בגולה". ועל הדרך להחזיר יהודים לארץ ישראל, והדבר הראשון גאולת הארץ, לגאול אותה בכספי העם למען העם. והתרומות למען הק.ק.ל. גברו.

אציין במיוחד את השעורים לעברית בהדרכתו של הח' י. ל. אופנבך ז"ל. באולמנו. השעורים נערכו 3 פעמים בשבוע, השתתפו כמעט כל חברינו נערות ונערים.

בשבת אחה"צ התאספנו לפעולה על טהרת הדיבור העברי ובו נתחנו בהרחבה את המאורעות בארץ ישראל בשבוע שחלף.

כמעט מיד עם יסוד תנועתנו הרגשנו בעבודה הארגונית הגדולה העומדת לפנינו, וכן ההוצאות הגדולות יחסית העולות על אפשרויות שלנו, ואז נאלצנו לחפש מקורות להכנסה. התחלנו בהפצת עתונים בעיירה יודישע טאגבלאט, היינט, לעצטע נייעס וכן גם עתונים בשפה הפולנית. ההכנסות היו קודש לניהול העבודה הענפה בסניף. ועוד יתרון ראינו בפעולה זו, משפחות אשר שנים לא בא עתון אל ביתם והיו מנותקים מכל מאורעות העולם. בידעם שאפשר לקנות עתון מדי יום בלי התחייבות לקנות גם מחר. קנו עתון וכך אפשר היה לראות בעשרות בתים שבני המשפחה קוראים בו בצוותא, והרבה מאנשי עירנו מופיעים לתפילת מנחה ומעריב ומנתחים בפרשנות שלהם את מאורעות העולם הגדול.

ביקור הרב ליטמן מקולו.

להצלחה גדולה זכה ביקורו של הרב ליטמן מקולו בפברואר 1933. נסיונות שנעשו ע"י אוהדינו שהרצאתו תתקיים בביה"כ לא נשאה פרי בגלל התנגדות הרב. הרצאתו באולמנו משכה קהל רב, עשרות עמדו מחוץ לאולם והקשיבו לדבריו שקראו הגברת המאמצים לחיזוק תנועות המזרחי, צעירי המזרחי, והשומר הדתי. הוא התארח אצל משפחת אופנבך ובמשך שלושת ימי הביקור המה בית מארחו מאנשים שהביאו את אהדתם לתנועה, ואם לבחירות לקונגרס הציוני בשנה

ההיא זכתה תנועתנו בשבעים אחוז מן הקולות בעירנו — זקפנו זאת לביקורו של הרב ליטמן. היה זה ביקורו השני של הרב ליטמן בעירנו. לראשונה ביקר אותנו בקיץ 1932, גם אז נמשכו רבים להרצאתו.

בפברואר 1932 עזבתי את עירי ונסעתי לקבוץ הכשרה אשר ב„בליזין", תוך התנגדות הורי, אם כי אבי נמנה על חברי „מזרחי" והיה מראשי התומכים בארגוננו לא מנע זאת ממנו להתנגד לצעדי זה. כי ראה כאן כעין הרפתקנות בגלל הסיכוי הקלוש לעליה. כידוע ממשלת המנדט הבריטית חלקה מספר זעום של סרטיפיקטים, אולם בהגיעי לקבוץ קבלתי בכתב ברכתם. חברי המשיכו בפעולתם ועוד כמה מחברי נרשמו לצאת לקבוצי הכשרה.

לקבוץ הנ"ל הגיעו באותו עת חברים וחברות מעיר מישיניעץ. אחת מהן בחורה חינגית ליבה פריימן שאחרי היכרות הדדית בינינו החלטנו להנשא. ואמנם אחרי שאושרנו לעליה מטעם המרכז התחתננו בפברואר 1933.

באוגוסט 1933 עליתי לארץ, וכאן אתאר את השבת האחרונה שלי בעיירתי. דודי ר' פנחס אהרן וליפמן בילבסקי וכן עוד כמה קרובים מצד אמי מסומפולנא באו במיוחד אלינו לשבת. כמובן שבבית־המדרש שבו התפללתי עם חברי זכיתי לברכת כל המתפללים. בעת ארוחת הצהרים, מצד אחד שמחה, כולם שמחו בשמחתי על שזכיתי בעז"ה ליום הזה. מצד שני מועקה מצד הורי על שבנם בכורם עזבם, לעולם אזכור את מבט הנוגה מצד אמי במיוחד בצד שמחתה כעין גיל ועצב, אולם המחשבה שנוסע אני לארץ ישראל ארץ חלומותי גברה והשמחה היתה במעוננו.

אחר הצהרים יצאתי עם חברי י. ל. אופנבך, וזאב רוסק להפרד מאנשי עירי וכך עברתי כמעט מבית לבית בהגיעינו לביתו של ר' שמואל ימניק שוחט העיירה ביקש סליחת חברי ואותי הזמין להכנס אתו לחדר השני, ושם גילה לי סוד שבנו יהושוע שלמד אז בישיבה בוורשה. עזב את הישיבה ונמצא כעת בקבוץ הכשרה, וביקש ממני לא לגלות הדבר לאיש כי פחד שמא יבולע לו ולפרנסתו.

במוצאי שבת הפתיעו אותי חברי בערכם לי מסיבת פרידה רבת משתתפים באולם הגדול של מכבי האש. הופיעו כמעט כל יהודי העיירה. וזה הוכיח שוב תמיכת כולם בארגון שלנו ובמטרתו הסופית עליה לארץ.

היינו בטוחים שעיירתנו צועדת לקראת עליה גדולה, אולם מסיבות שונות הגיעו רק ספורים מבין אנשי פשייטש, חברי י. ל. אופנבאך בילה בקבוצי הכשרה 5 שנים ולא זכה לעליה, בסוף 1934 הגיע חברי זאב רוסק. במלחמת העולם השניה התגייס לפי צוו המוסדות העליונים של הישוב היהודי „לחטיבה היהודית הלוחמת" שבצבא הבריטי, לחם נגד הנאצים בחזית איטליה ושם נפל בקרב. כן הגיע אליעזר פרלמוטר שנולד וחונך בעירנו. במלחמת השחרור לחם ונפל על משמרתו בהגנת ירושלים, ב־1935 הגיע חברי יהושע ימניק וכך טפין טפין. כנראה יש לזקוף זאת — במדה מסויימת — למאורעות שפרצו בארץ בשנת 1936 ושנמשכו עד פרוץ המלחמה ב־1939. המאורעות הנ"ל והגבלות העליה מטעם ממשלת המנדט שמה לאל מאמצי במשך שנים להעלות משפחתי ארצה.

וכך נסתם הגולל על יהדות עיר פשייטש.

היהודים הפשוטים והיקרים האלה היו כולם בעלי הכרה לאומית. ותומכים בבנין ארץ ישראל, בתת הכרתם ציונים נלהבים, דאבו תמיד כל כאב של אחינו בני ישראל.

לדאבון לבנו לא זכו לראות בנס הגדול של תקומת ישראל עם הקמת המדינה היהודית. רק שרידים נשארו עם תום המלחמה ועלו לארץ.

אייכם הורי היקרים, אחיותי בריינה, באלציא, אחי לייבל, מורי ורבי הרב זמלמן, חברי ללמודים לפעולות ציוניות, כל אנשי עיר פשייטש אנשים נשים וטף.

סופה אכזרית עברה על פני אירופה וסחבה אתה 6 מיליון מאחינו היהודים, ואתם יקירי ביניהם.

לא קיימת יותר קהילת פשייטש.

תהא נשמתכם צרורה בצרור החיים.

א. פשייטשער

„גמילות חסד" קאסע

אזוי ווי אין אלע שטעטלעך אין פוילען האט אויך אין פשייטש עגזיסטירט א„גמילות חסד" קאסע. לויט זכרונות פין לאנדסלייט איז אזא אנשטאלט שוין געווען טעטיג אין יאהר 1905. מלחמות רעגירונגען האבען זיך געביטען, רוסען, דייטשען, פאליאקען, ביי אלע אומשטענדען האט די קאסע עגזיסטירט, אין געווען אוויכטיגער פאקטאר אין עקאנאמישען לעבען.

אין די אינפלאציע יאהרען נאָך די ערשטע וועלט מלחמה ווען א קילו ברויט האָט געקאָסט טויזענטער איז לײדער אָבגעשטעלט געווארען די טעטיגקייט פין דעם אנשטאלט.

אין 1923 ווען דאס ווירשאפטליכע לעבען האט זיך אביסעל נארמאליזירט, אין יידען האבען געוואלט ווידער אויפבויען זייער עגזיסטענץ, אין אהן אהלוואה אויף אומזאץ קאפיטאל, אדער אנטוויקלען אווארשטאט איז אונמעגליך געווען. דאן האט זיך געשאפען דער דראנג ווידער אויפצושטעלען דעם אנשטאלט. אין טאקע אדאנק עטליכע בעלי בתים האט זיך דיא באנק ענטוויקעלט, דיא גאנצע יאהרען האט זיך דיא קאסע געפירט אויפן באזיס פין פרייוויליגקייט אהן באאמטען הוצאות.

באזונדער וויכטיג איז געווען דער אנשטאלט ווייל דא אין דער קאסע האט געקאנט קימען יעדער וואס האט זיך גענויטיגט אין אהלוואה, אין אהן צערע־מאניעס אדער פארמיטלונג פין באאמטע ווענדען זיך גלייך צו דער פערוואלטונג אין פארלייגען זיין בקשה.

מיר געדענקען טאקע דיא יאהרען פין 1923, מוצאי שבת באלד נאך הבדלה

איז געקימען אין בית המדרש ר׳ משה טאפאלסקי בראש, מיט נאך אייניגע בעלי בתים, געזעצט זיך ביים לאנגען טיש אין אנגענומען בקשות אויף הלוואות, אין אויך צאלונגען אויפן חשבון פין געניטענע הלוואות. על פי רוב זענען דיא בקשות באלד אהן צערעמאניעס באשטעטיגט געווארען. פארשטייט זיך אז דאס איז אויך געווען אבהענגיג אין דעם וויפיעל געלט עס איז אריינגעפלאסען אין דעם אווענט, נישט איינמאל האט פאסירט אז עס האט זיך געשאפען אספעציעלע נויטווענדיגקייט אין אהלוואה פאר אימיצען אין געלט אין דער קאסע איז נישט געווען. ווען איינער אדער עטליכע פין דיא באנק פארוואלטונג האבען ארויס־געבארגט אייגענע געלט פאר דעם אנשטאלט — בכדי עס זאל נישט זיין קיין אבהאלט אין געבען אהלוואה.

דער גרונט קאפיטאל צו דעם אנשטאלט איז געשאפען געווארען פין אפאנד צו וועלכען עס האבען זיך באשטייערט דיא פארמעגליכע בעלי בתים פין שטעטעל, אין אקליינעם סימבאלישען אבצאהל פין דיא מיטגלידער.

אזוי האט דער אנשטאלט געהאלפען מיט הלוואות כמעט אלע שיכטען פין דער יידישער באפעלקערונג אין שטעטעל, אין גאר באזונדער דיא קליין סוחרים, בעלי מלאכות, אין דארפסגייער.

אין דיא יאהרען 1935—36 ווען דער אנטיסעמיטיזם האט אינטערדריקט דעם יידישען מסחר, איז ספעציעל געטראפען געווארען דער קלאס וואס האט זיך גענויטיגט אין דער גמילות חסד קאסע, אין ליידער נישט געקאנט צאהלען דיא חובות. דער אנשטאלט וואס איז געווען באגרעניצט אין געלט מיטלען איז געצווינגען דאן אבצושטעלען זיין טעטיגקייט.

אין 1937 האט דיא באנק מיט דער הילף פין יונגע כוחות באנייט איר טעטיגקייט אין פארברייטערט מיט געבען גרעסערע הלוואות. אבער דא איז געקומען צו הילף דיא צענטראלע פין דיא גמילות חסדים באנק אין ווארשא וועלכע איז געווען אינטערשטיצט דורכן דזאינט.

אין דער צייט האבען זיך ענטוויקעלט קליינע פאבריקלעך פין זאקען, סוועדער אין אנדערע, וועלכע זענען געווארין אינטערשטיצט מיט הלוואות פין דער גמילות חסד קאסע. די נייע געשאפענע פארוואלטונג האט געפירט אאינטענ־סיווע ארבייט אין געשטעלט דעם אנשטאלט אויף אפעסטען באזיס.

ספטמבר 1939 מיטן אויסברוך פין דיא מלחמה איז דער אנשטאלט געשלאסען געווארען.

משה בילבסקי

ביקור חולים – איטשע ווײַדען

עס האט עגזיסטירט אין שטעטעל אחברה ביקור חולים מיט איטשע ווײַדען בראש.

אייגענטליך קאן מען זאגען אז ער אליין איז געווען דיא חברה ביקור חולים, ווייל ער איז געווען דיא פערזאן וועלכע האט געזארגט פאר אלעם, שאפען געלט, שיקן אדאָקטאר צו אנויטבאדערפטיגען חולה, קויפן רפואות אין באזאָרגען אין שטיב פין קראנקען, אין אז עס נישט געווען קיין געלט אין קאסע איז געניג פארן דאקטאר אדער אפטייקער אז איטשע ווײַדען האט געהייסען אין קיין אבהאלט אין ארפואה פאר אחולה איז נישט געווען. אויך האט מען געקאנט קריגען ביי איהם אויסצובארגען אטערמאמעטער אויף מעסטען היץ, אשפריץ אויף א„קאנע״ ווי מען האט עס געריפען, אין ביינקעס.

פאר אחולה מסוכן האט מען זיך בדרך כלל נישט באגניגענט מיטן דאקטאר אליין. מען האט גערופען אמנין ידען אין בית המדרש זאגען תהלים אין בעטען ארפואה ביים רבונו של עולם. געגאנגען אויפן בית הקברות אין געבעטען ביי אקרוב וואס געפונט זיך שוין אויפן עולם האמת ער זאל זיין אמליץ יושר פארן חולה אין אויספועלען ארפואה שלמה. מען האט אויך געלאזט אבשפרעכען א„עין הרע״. אבער דאס זיינען געווען מיטלען וואס זענען נישט געבינדען מיט געלט הוצאות, אדאקטער, אאפטייקער, דאס איז שוין גאָר אַנדערש, אין צו דעם איז געקומען צו הילף דיא ביקור חולים.

קיין שפראכען קענער איז איטשע נישט געווען, ער האט גערעדט זעהר אצובראכענעם פויליש. מיט'ן קריסטליכען אפטייקער האט ער זיך ווי סאיז פארשטענדיגט. נאר מיטן אידישען דאקטאר וועלכער האט גערעדט נאר פויליש אפילו מיט יידען האט ער אין פרינציפ נאר יידיש גערעדט, „יידען צווישען זיך רעדען יידיש״ האט ער געזאגט.

הכנסות פארן אנשטאלט, ערשטענס ווען אימיצער האט געהייסען מאכען א„מי שברך לחולה״ אין בית המדרש אדער אין שוהל איז דער נדר געווען פארשטענדליך פארן „ביקור־חולים״. ערב יום־כפורים אין דער צייט פון „מנחה״ דאוונען א„קערה״ אויפן בלעמער אין אלע בתי תפילה מיט גרויסע קידוש לבנה אותיות „ביקור חולים״ אין דיא מתפללים האבען געשפענדעט. פורים אויף דער נאכט יידען זיצען אין פראווען דיא פורים סעודה, זענען געקימען צוויי פאר־שטעלטע מיט גלאקען אין דיא הענט געמאלדען אז זיי קימען אין נאמען פין ביקור חולים. אין ווידער האבען יידען געשפענדערט פאר דעם וואוילטעטיגען אנשטאלט.

אווערטעל „עס איז נישטא קיין ארים קהל״, פין קליינע תרומות האט זיך דער מוסד אויסגעהאלטען אין געברענגט פיעל ניצען.

אין אז עס געקימען צו אדעפיציט, האט איטשע פארמאכט זיין ניי מאשין, געגעבען פאראדנונגען פאר דעם לערן מיידעל וואס האט ביי איהם גערבייט, אין געכאפט אשפאציר איבערן שטעטעל. ער האט געוויסט ווי אטיהר צו עפנען, אין אז איטשע ווידען איז געקימען האט ער באקימען דיא שענסטע תרומות פארן ביקור חולים אנשטאלט. ער האט אויך געהאט עטליכע מיטהעלפערינס אין שטעטעל. עס איז געווען פאר זיי אכבוד צו זיין מיטבאטייליגט אין אט דער הייליגער ארבייט.

עס האט אויך עגזיסטירט ה„לינת הצדק", דאאיז שוין נישט געווען קיין אינטערשיעד ארים אדער פערמעגליך, אדאקטאר נעמט נישט אוועק דיא קרענק מיטן האנט, אין מענער אין פרויען האבען געפילט אהייליגע פליכט איבערצונעכטיגען ביי אקראנקען אין מטפל צו זיין מיט וואס מען דארף. אויך דא האט איטשע ווידען פיעל בייגעשטייערט.

שבת פרשת „וירא" דיא סדרה ווי עס ווערט דערמאנט דער אקט פין ביקור חולים, ווען דיא מלאכים זיינען געקימען צו אברהם אבינו מבקר חולה זיין, איז געווען הייליג פאר ביקור חולים, אלע נדרים אין שול, אין בית המדרש, אין חברה תהלים זיינען אין דעם שבת געווען פארשטענדליך פאר דעם וואוילטע־טיגען צוועק „ביקור חולים".

„חברא קדישא" לייט פלעגען מאכען מיט איהם אשפאס, אך נאך 120 וועלען זיי זיך און איהם נוקם זיין, ווייל ער איז זייערער אשארפער קאנקורענט! זייער באשעפטיגונג איז אדאנק דעם מלאך המות, אין ער איטשע מיט זיין ביקור חולים אנשטאלט פארטרייבט איהם אפט מאל פין שטעטעל.

געבענשט זאל זיין דער אנדענק פין איטשע ווידען אין זיינע מיטהעלפער וואס האבען איהם געהאלפען אין דער הייליגער ארבייט.

מיר קאנען נישט ענדיגען דיא זכרונות וועגען ביקור חולים אין נישט אבשטעלען זיך אויף דיא פערזאן איטשע ווידען.

איטשע מיט זיין פרוי אסתר האבען קיין קינדער נישט געהאט, געפירט האט ער אווארשטאט פין דאמען שניידעריי, דיא לערן מיידלעך וואס האבען ביי איהם געארבייט זיינען דורך איהם אין זיין פרוי באהאנדעלט געווארען ווי אייגענע קינדער, קינדער איבערהובט האט ער ליעב געהאט, פין דיא נאטור איז ער געווען אשנעלער, גערעדט שנעל, געגאנגען שנעל, האט ער אבער געטראפען אקינד אין ספעציעל חדר־ייִנגלעך פלעגט ער זיך אבשטעלען אין כאפען מיט זיי אשמועס, אין עס האט זיך ממש געזעהן אויף איהם די גרויסע הנאה דאביי.

גערעדט האט ער אויפן קול, מען האט געקאנט מיינען אז ער שרייט, האט מען זיך אביסעל דערנענטערט האט מען געמערקט אז די ווערטער קימען פון טיפן הארצען.

קיין גרויסער שרייבער איז ער נישט געווען אבער אלע נויטבאדערפטיגע זענען ביי איהם געווען פארשריבען טיעף אין הארצען. ער האט ווייניג פרייע צייט געהאט, ער איז דאך אויך גבאי אין „בית המדרש" וועלכער האט זיך

געפינען נעבען זיין וואוינונג, אין ווינטער אקעלט אין דרויסען, א שניי, אפראסט, אורחים ארימע וואנדערער קימען אין שטעטעל, נעכטיגען אין „הכנסת־אורחים" אדער אין בית המדרש, איטשע גייט נישט פריער שלאפען ביז ער איז זיכער אז דער אויוועז איז גיט אנגעהייצט. אין פיעל מאל מאכט ער עס טאקע אליין. דיא אורחים אין זייער שווער ביטער לעבען זאלען זיי ווענינגסטען קיין קעלט נישט ליידען.

זיין וואוין ארט איז אלעמען געווען באקאנט, פאר די וואס האבען זיך געגויטיגט אין אדאקטאר, אין ארפואה, אין פאר די וואס האבען איהם אינטערשטיצט אין זיין הייליגער ארבייט.

קיין גרויסער למדן איז ער נישט געווען, אבער פאנאטיש פרום, מענשען וואס האבען איהם פין לאנגע יאהרען געקענט ערציילען אז פאנאטיש איז ער אויך געווען ווען ער האט אין זיין יוגענט צו דיא אחדות פארטיי געהערט, אבער זייערע מעטאדען צו עררייכען דעם ציעל האבען איהם נישט געפאלען אין מיט זיי איבערגעריסען.

איטשע ווײדען אבער ווי פיעל האבען איהם געריפען דער „געלער איטשע" איז געווען אלוביצ׳ער חסיד, 3—2 מאל אין יאהר פלעגט ער פאהרען צום רבין, אין ווען ער קימט צוריק ערציילט ער פין זיין באזוך ביים רבין אין ווי אזוי ער האט געקריגען דיא ברכה פין איהם זאל געזונד זיין צו זיין גרויסע וואולטעטיגע ארבייט. דאס האט איהם ציגעגעבען מוט, אין מיט נייע כוחות זיך גענומען צו זיין הייליע מיסיע.

געבענשט זאל זיין דער אנדענק פין איטשע ווײדען.

פאר זיין טיפע גרויסע ליבע צו מענשען, פאר זיין הייסען מיטגעפיהל צו מענשליכע ליידען, פאר זיין שטענדיקע גרייטקייט צו הילף פאר זיי.

דיא מערדער פין דער הויכער הער׳ן ראסע האבען דאס גרויסע הערלעכע לעבן איבערגעריסען.

הי"ד.

א. פשייטשער

בנק לודובי

אחרי מלחמת העולם הראשונה הורגש בעירנו מחסור חמור במוסד בנקאי אשר יכול היה לעזור לסוחרים, לבעלי מלאכה, ולסוחרים הזעירים שהיו זקוקים להלוואות בכדי להמשיך בעיסוקיהם.

בכלל בזמן ההוא המצב הכלכלי היה מעורפל. ההתיקרויות התכופות חסלו רבים מהסוחרים.

כאשר המצב השתפר במקצת בשנות 1924—25 והזלוטי חזר לערכו הריאלי אז במיוחד הורגש הצורך במוסד פינאנסי שיוכל לממן בהלוואות עיסוקיהם של תושבי עירנו היהודים.

אמנם קיים היה בעירנו „קופת גמילת חסדים" אשר בהלוואותיה הצילה לא פעם יהודים מחרפת רעב, אבל אפשרויות המוסד הנ"ל אשר עמד על בסיס פילאנטרופי היו מוגבלות והצרכים היו מרובים.



חברי „בנק לודובי"

בשורה העליונה עומדים משמאל: **יעקב וולף קלאר, איטשע ווײדן, אברהם אליה פרוכובסקי, לייזר זיכלינסקי, הרשל ווישניבסקי**; שורה שניה משמאל: **גרשון לייזר הלטריכט, משה לבקוביץ, חיים קלודבסקי, קאָפּל סאיקע, משה טאפאלסקי, משה ראור, נחום ריבינסקי, מנדל וולף בילבסקי, יוסף טאפאלסקי** שורה שלישית, משמאל: **אסתר פולמן (סוחצ׳בסקי), משה אהרן ווײדן, שבתי אופנבך, יחיאל טאפאלסקי, משה סוחצ׳בסקי, נטע ווסרצוג, נתן סקוברונסקי, שמשון זיכלינסקי, הינדא טורונצ׳יק, וולף רוסק.**

בשנת 1926 נוסד בעירנו „באנק לודאווי״ אשר בהנהלת ר׳ נטע וסרצוג, ר׳ נתן סקוברונסקי, ר׳ משה טאפאלסקי.

ובראש המוסד המנהל ר׳ משה סאכאטשעווסקי, הבנק היה מסונף ל„דזאינט״ אשר השתתף בחלק ניכר מהון היסוד, ולכן נדרש גם הבנק לדווח למוסד הנ״ל על פעולותיו ודו״חות שנתיים הועברו לבקורת.

הלוואות נתנו בסכומים של עד 500 זלוטי, כמובן לפי הכללים הבנקאים, בערבותם של שניים מתושבי העיר שהיו מקובלים על הבנק.

המוסד שוכן מיום היווסדו בקומה העליונה של בית ר׳ שמואל אבא אברמוביטש העובדים הראשונים בבנק, אסתר סאכאטשעווסקה, זאב רוסק הינדה טורונציק.

פעולות הבנק, שטרות לדיסקונט, לגוביינה, וכן בעיקר מתן הלוואות ברבית.

הבנק עבד באינטנסיביות, ומלא את משימותיו כלפי החברים באמונה, יום יום היתה תנועה ערה, אנשים שלמו מי בעד שטר, מי בעד הלוואה, כמובן שהיו גם מקרים שמסיבות שונות לא יכלו לפרוע שטר או הלוואה במועדו. הנהלת הבנק דאגה תמיד לתת אפשרות להאריך את זמן הפרעון, ולפעמים אפילו עזר במתן הלוואה חדשה. בשנת 1936 בגלל סיבות שהזמן גרמן נאלץ הבנק לסגור שעריו ולא הצליח יותר לחדש פעולתו.

ימניק ראובן

דאס שטעטעלע פשדץ (פשייטש)

יוגענד זכרונות, אלטע חלומות, אהן סוף שפראצען זיי אויף אין דיינע געדאנקען, און פערשווינדען, און ווידער דערמאנט מען זיך אין פארשידענע עפיזאדען און איבערלעבונגען אין דעם קליינעם געבורטס שטעטל — פשעדעץ, — אדער ווי מיר האבען עס גערופען פשייטש. ווער פין אונז געדענקט נישט דאס קליינע יידישע שטעטעלע וויר מיר האבען געשטעלט די ערשטע שריט אין לעבען, ווי מיר האבען געשלאגען די ערשטע וואורצלען פאר אונזער קונפטיגען לעבען, ווער פין אונז ווערט נישט ערשיטערט ביז די טיפענישען פין דער נשמה ווען מען דערמאנט זיך, אדער מען רעדט ארויס דאס ווארט — פשייטש, און מען לאזט ארויס אהארץ רייסענדען זיפץ, און אהייסע טרער,ווען מיר דערמאנען זיך אויף וואס פאר אבארבארישן אופן זענען אומגעבראכט געווארען דורך די דייטשע נאציס און זייערע מיטהעלפער די גאנצע יידישע באפעלקערונג פונ׳ם שטעטל, ליידער פאר אונז די איבער געבליבענע רעשטליך פין דעם שטעטל איז נישטא מער דאס יידישע פשייטש, כאטש עס עקזיסטירט ווייטער אויף דער פוילישער לאנדקארטע, אבער פאר אונז עקזיסטירט עס נישט מער, עס איז געבליבען יודען־ריין...

דאס שטעטל פשעדעץ געפינט זיך אין מערבדיגען טייל פון קאנגרעס פוילן, עס האט געהערט צום וולאצלאווקער פאוויאט און טארנער וואיעוואודסטווע, עס איז געוועזן אקליין רוהיג שטעטל מיט בערך צוויי הונדערט און פינפציג יידישע משפחות און בערך טויזענט דריי הונדער נפשות פין אנ'אלגעמיינער פינף טויזענדיגע באפעלקערונג.

געלעגען איז דאס שטעטל אין אזייט, נישט ביי קיין באן־ליניע, און נישט ביי די גרויסע דורכפאר שאסייען. די יידישע עקזיסטענץ פין פשדעץ' קאן מען שאצען אויף בערך זיבען הונדערט יאהר, קיין גענויע דאטע קאן מען נישט פעסטשטעלן, ווייל עס פעלן אונז די אפיציעלע דאקומענטן וועלכע מען קאז נישט דערגרייכען. יעדענפאלס עס איז געוועזן דאס עלטסטע שטעטל אין דער אומגעגענד. דעם ארדער אלס שטאט האט עס באקומען פין קעניג קאז'ימיעז' דער גרויסער אין 14־טן יאהר הונדערט, אין דעם יאהר הונדערט איז אויך געבויט געווארן די פעסטונג אין דער דייטשער גאס דורך דעם קעניג, וועלכע האט געדינט אלס שוץ פארן קעניגליכען מיליטער אין שטאט. די פעסטונג איז נאכהער



דער מאגיסטראט

פארוואנדעלט געווארן אלס דייטשע קירכע אין 18־טן יאהרהונדערט, וועלכע מיר געדענקען עס נאך אלס אזעלכע, מיט דעם גרויסען רונדיגען טורם און מיט קליינע פענסטערלעך ארום.

די ערשטע יידען אין שטאט

וואו האבען זיך באזעצט די ערשטע יידען אין פשעדעץ׳? לויט דעם בוי פין שטעטל און לויט דער מיינונג קאן מען דרייסט אננעמען אז זיי האבען זיך באזעצט אין דער שוהל־גאס, ווייל געווענדלעך זענען די געיאגטע און געפלאגטע יידען וועלכע זענען דא געקומען, האבען זיי דאס ערשטע געבויט פאר זיך די נויטיגסטע פאר זיי יידישע אינסטיטוציעס: ווי די מקוה, די חברה תהילים — וועלכעס איז געוועזן פאר זיי זייער ערשטער מקום־תפילה, און אויך דער דערנעבענדיגער בית הקברות, און אזוי איז טאקע געוועזן געבויט די שוהל־גאס, עס איז אויך באוואוסט געוועזן לויטן פנקס פין דער קהילה, און פין די חברה קדישא אז מען האט דא געברענגט צו קבורה אויפן פשייטשער בית עולם די מתים פין די ארומיגע שטעטלעך, ווייל זייא האבען נאך קיין אייגענעם בית עולם נישט געהאט, און זענען פיעל יונגער און קלענער געוועזן פין פשעדעץ׳. מיר געדענקען נאך אז אויף דעם בית עולם זענען געוועזן זעהר אלטע מצבות האלב פערזונקענע וועלכע מעט האט געשאצט פין בערך דעם 13־טן יאהר הונדערט.

דיא אומגעגענד פין פשעדעץ

די דירעקטע שכנותדיגע שטעטלעך וואס האבן זיך געגרעניצט מיט פשעדעץ זענען געווען: קלאדאווע 8 ק״מ ווייט, אויף דרום זייט, דארט איז אויך געוועזן די גרויס באן ליניע. אויף מזרח זייט איז דאס שטעטל דאמבראוויץ 12 ק״מ ווייט. עס איז געוועזן זעהר אקליין שטעטל, מיט עטליכע צענדליק יידישע נפשות און זייער לעצטער רב איז געוועזן הרב משה דראכמאן ז״ל,אנ׳איידעם פין דעם פשייטשער ייד ר׳ בעריש מענכע ז״ל. און ער האט געשטאמט פין לובין, אקליין שטעטל ביי וולאצלאוועק. אויף צפון זייט איז דאס שטעטל כאדעטש, 13 ק״מ ווייט, און אויף צפון־מערב איז דאס שטעטל איז׳ביץ־קויאווסקי.

די דערפער ארום פשעדעץ

ארום פשעדעץ זענען געוועזן דערפער באוואוינטע אויסשליסליך דורך קריסטען, מיטן אויסנאם פין דארף ריבנע, וואו עס האבען געוואוינט עטליכע יידען, דארט זענען געוועזן גרויסע וועלדער, מיט אטארטאק צים שניידען דאס האלץ, וועלכעס האט געהערט צום ייד מנשה לאנגנאז און דער שרייבער זיינער איז געוועזן ר׳ חיים צוקער מיט זיין איידעם משה בערמאן ז״ל. אויף דרום זייט איז דאס דארף די גורעס, וועלכעס האט געדינט אין די הייסע זומער חדשים אלס „לעטניסקא״ ד.ה. אפרוה און ערהאלונגס ארט, וואו יידן פלעגן דינגען פאר זייערע משפחות צימערן ביי די דארפס פויערן און דארט געלעבט עטליכע וואכען און די גוטע לופט פין דעם גרויסען סאסנע וואלד, די יוגענט האבען זיך דארט אויך געמאכט פארשידענע פערוויילונגען.

מזרח און צפונדיג פין שטעטל האבען זיך געצויגען לאנגע און ברייטע תבואה פעלדער און גרויסע סעדער מיט פיעל פארשידענע פרוכט בוימער, דרום מערב זענען געוועזן זומפען, וועלכע זענען פאראורזאכט געווארען פין דערנעבענדיגן טייך דער יעדז׳ער, און פין דיא שווארצע ערד פין וועלכער מען האט געגראבען טארף, וועלכעס האט געדינט אים ווינטער צום הייצען אין די אויווענס און צים קאכען.

דער טייך — דער יעדז׳ער

אויף מערב זייט פין שטעטל, און אטייל אויף דרום זייט איז געוועזן דער יעדז׳ער, דאס איז נישט געוועזן קיין פליסענדיגער טייך, נאהר אשטייענדיג וואסער, דער טייך איז געוועזן רייך אין פארשידענע פיש און געוויקסען. פאר שבועות האבען די ייגגלעך דארט געריסען די גרינע פייפערלעך (טאטאראק) דאס צישטעלען אין די פענסטער, אזוי וויא דער מנהג איז געוועזן צו באצירען די שטיבען מיט גרינס אויף שבועות, וואס איז דער יעדז׳ער אלעס נישט געוועזן פאר די פשייטשער יידען, יוגענד און קינדער ?... ראש השנה נאך מנחה זענען דא אהער געקומען אלע יידען מענער און פרויען קליין און גרויס פין אלע בתי תפילה מיט מחזורים אונערן ארעם כדי דא צו זאגען „תשליך״ און ארייגוווארפען אין די טיפענישן פין טייך אלע זינד פין אגאנץ יאהר. פון דעם טייך האט דער רב מיט די חסידים אטאג פאר ערב פסח געשעפט דאס אזוי גערופענע „מים שלנו״ — וואסער פין דעם טייך אין אפאס אריין, עס זאל זיין פין דעם צי קנעטן די



דאָס הויז פין לייזער זיכלינסקי

מצה שמורה אין ערב פסח, וועלכע מען האט געבאקען מיט געזאנג און גרויס התלהבות. דאס וואסער איז געשטאנען אין אפאס אגאנצע נאכט. (דערפאר האט עס זיך גערופען „מים שלנו" ד.ה. וואסער וועלכעס האט איבערגענעכטיג, כדי עס זאל נישט זיין צי קאלט צום קנעטן די מצות). איבערגעדעקט מיט א ווייס טוך און גיט געהיטן עס זאל נישט ווערן חמצדיג.

אין ווינטער ווען דער טייך איז געווארען פארפרוירען האבען זיך דא געעפענט ברייטע האריזאנטן, די גרויסע פרעסט האבען דעם טייך געמאכט ווי אגלאטיגען טיש און ער האט געדינט פאר אגיטן אידעאלן ספארט פלאץ מיט גליטשען זיך אויף ליז'ועס, און קליינע שליטעלעך — שניי וועגעלעך, ווען מען האט אויסגעהאקט אלאך אין אייז זענען דא ארויס געקומען פיעל פיש כדי צו שעפען לופט אין אזוי האבען פיעל מענשען טאקע אנגעשעפט מיט עמער די פיש. דער טייך איז געווען ארוהיגער און קיינמאל נישט געשטורמט, אין זומער האט מען זיך דא געבאדען. פאר די יידישע פרויען איז דער טייך געווען אגרויסע ברכה. דא אהער צי די גרינע ברייטע ברעגעס, האבען די יידישע פרויען געבראכט זייערע וועש צום וואשען און בלייכען, פול זענען געווען די ברעגעס מיט פרויען און קינדער אגאנצער זומער. אין דיא וועש נאכן וואשן אין בלייכען דא איז טאקע ארויס שיין און ווייס, דא אהער האבען זיי מיט גענומען פאר זיך און פאר די קינדער צו עסען און טרינקען און פארברענגט דא שעהן. די קינדער האבען זיך געשפיעלט און זייער קלינגענדיג געלעכטער און געשרייען האט מען געהערט העט ווייט. זייער אויפגאבע איז געווען צי ברענגען וואסער מיט עמערס אדער שפריצערס צי באשפריצען די דערנעבענליגענדע אויסגעשפרייטע וועש אויפן גראז, אזוי אז עס האט זיי קיין ארבייט נישט געפעלט און די קינדער מיט די מוטערס זענען געווען ציפרידען.

צפונדיג פין שטעטל אויפן וועג קיין כאדעטש אנ'ערך 7 ק"מ איז דאס דארף צעטי, דארט איז געווען אסטאציע פין די קליינבאן ליניע וועלכע מען האט גערופען די „קאלעיקע" און זי האט פארבינדען דאס שטעטל מיט דער פאוויאטאווער שטאט וולאצלאוועק, די שטעטישע סוחרים האבען זיך באנוצט מיט דער קאלעיקע צי ברענגען זייערע סחורות פין דער גרויסער שטאט, אדער צום עקספארט פין זייערע פארשידענע סחורות און אויסארבייטונגען, און אויך אויף תבואה עקספארט פאר די תבואה סוחרים. קיין גרויסבאן האט פשעדעטש נישט פארמאגט, און אז מען האט געדארפט פארען מיט דער באן, האט מען געמוזט פארען קיין קשעוואטע אדארף נאך קלאדאווע אנ'ערך 12 ק"מ ווייט, דארט איז געווען די גרויסבאן ליניע וועלכע האט פארבינדען דאס שטעטל מיט דער גרויסער וועלט.

די סעדער — און די סאדאווניקעס

די סעדער אין די ארומיגע דערפער זענען געווען איינס פין די יידישע פרנסות אין שטעטל, באלד נאך פסח, האבען יידען געדינגען די סעדער ביי די גויים און זיך דארט אהין ארייין געצויגען צו וואוינען אגאנצען זומער, ביז נאכן ארופנעמען די פרוכטען פין די בוימער, זיי האבען דאס געמוזט טיען אום צו היטן


אז מען זאל זיי נישט ארופגנבנען די פרוכטן, זיי האבען געוואוינט אין צוזאמען־געקלאפטע הילצערנע ביידלעך. און ווען די פרוכט זענען שוין געוועזן רייף, האבען זיי פארקויפט די סחורה צו אנגרא סוחרים וועלכע זיי האבען איינגעלאדען פין די גרויסע שטעט ווי ווליאצלאוועק, קאלא, לאדז׳ און אנדערע. זיי האבען זעהר שווער געהארעוועט אגאנצען זומער די גאנצע פאמיליע, און שטארק פארשווארצט געווארען און די גרויסע היצען אדער אין די רעגענס אין שטורמס, אין די הילצערנע ביידלעך. נישט דערשלאפען און נישט דערעסען ווי עס געהער צי זיין און פיעל מאל קום ארויס מיט׳ן קרן, ־יעדער לויט זיין מזל.

יעצט וועלן מיר אנפאנגען דעם שפאציר איבערן שטעטל וועלכעס האט אמאל געברויזט מיט אידיש לעבען, געבליט אשיינע יידישע יוגענט, קולטורעלע און לעבענסלוסטיגע, מיט יידישע שולען, בתי תפילה, כלי קודש, ווארשטאטן, האנדל, און געשעפטן, און דאס אלעס איז אזוי פלוצים אפגעשווענקט געווארען פין דעם היטלערישען מבול און אזוי אכזריותדיג פארשניטען געווארען אויף אייביג. מיר פאנגען אהן דעם שפאציר פין הויז פין רב, דער לעצטער פשעדעטשער רב הרב יוסף אלכסנדר זעמעלמאן הי״ד. דאס הויז וועלכעס האט געדינט אלס וואוינונג אין בית דין הויז פאר אלע פשייטשער רבנים אין זייער צייט, און איז געוועזן דער ליכט־טורם פארן פשייטשער יידענטום.

דאס הויז איז געוועזן די צווייטע העלפט פין בית המדרש, און אט דער וואוינונג האבען געוואוינט אלע פשייטשער רבנים אין זייערע צייטען, הרב אויערבאך, הרב בלום, וועלכער איז דערנאך געווארען רב אין דער שטאט זאמאשטש ביי לובלין, נאך איהם הרב גאלדשלאק יהושע דוד וועלכער איז געווארען רב אין שערפץ (שעפס), און דער לעצטער רב הרב זעמעלמן מיט זיין פאמיליע פרוי און אכט קינדער. דא האט ער געהאט זיין פריוואט וואוינונג. אין דער וואוינונג פין רב, האבען זיך קאנצענטרירט אלע קהילישע און רעליגיעזע ענינים, די זיצונגען פון די שטאט דאזארעס, צי באהאנדלען אלע וויכטיגע ענינים, ווי שחיטה, צדקה אינסטיטוציעס, מקוה, באנק, בתי תפילה, לערן אנשטאלטן אין נאך אנדערע ענינים. אין דער בית דין שטיב זענן פארגעקומען דין תורה׳ס צווישן די בעלי בתים, און דער רב האט שלום געמאכט און אויסגעגלייכט די סכסוכים צווישן זיי. דא האט ער געפסקענט שאלות אויף עופות און בהמות, און געלערנט יעדען טאג אשיעור גמרא מיט די גרעסערע ישיבה בחורים א.א.וו. אויפן הויף איז געוועזן צוגעבויט צי דער וואוינונג אלאנגע אפיצינע פין עטליכע צימערן און אויך אסוכה אין וועלכער מען האט געעפענט דעם דאך מיט אשטריק און שוין איז די סוכה געוועזן גרייט ווייל דער סכך פין שטעקעלעך איז דארט געלעגען אגאנץ יאהר. אין דער אפיצינע איז געוועזן אשולע פאר מיידלעך וועלכע מען האט גערופען „בית יעקב״, פין די לערן אנשטאלטען פאר מיידלעך וועלכע עס האט געשאפען די פרוי שרה שענירער ז״ל פין קראקע, און געוועזן טעטיג אין גאנץ פוילן. דא אין דער אפיצינע איז אויך געוועזן אישיבה פאר בחורים וועלכע האבן געלערנט בייא מלמדים און אויך ביים רב. עס זענען אויך געוועזן בחורים פין דער פרעמד, פין חאדעטש, פין איז׳ביץ, אטייל פין זיי האבען געגעסען „טעג״ ביי די בעלי בתים, און אגאנצען טאג ביז שפעט ביינאכט האט

מען געהערט דעם קול תורה פון בית המדרש און פון דער ישיבה. בפרט דאנערשטאג בייא נאכט איז געווען אמנהג אויף צו זיין אגאנצע נאכט און צו לערנען און פארטאג ווען עס איז נאך געווען גיט פינסטער אין דרויסען געגאנגען צו ר׳ מענדל וואלף בילבסקי און געקויפט פרישע זעמל, און צוזאמען געפראוועט אסעודה. אין דער פריה נאכן דאוונען ערשט געגאנגען יעדער אהיים, אבער באלד דערנאך געקומען צים שיעור פון הרב זעמעלמאן וועלכער איז פארגעקומען יעדען טאג פון 11 אזייגער ביז 1 מיטאג. פארנאכט פאר מנחה און אויף דער נאכט נאך מעריב האבען די בחורים איבערגעחזרט דעם שיעור פון רב צווישן זיך אין בית המדרש.

יעצט קומען מיר צו צו דער שול גאס וועלכע איז באוואוינט כמעט פון בלויז יידען בעלי מלאכות. די שול־גאס — וויפיעל זכרונות פון יענער צייט וועקן זיך אויף אפילו נאך אזויפיעל יאהרן וואס זענן שוין אדורך. וויפיעל יוגענד עראינערונגען זענען פארבינדען מיט אט דעם געסעל וועלכעס מען האט גערופען די „שול־גאס״. אנאלטע גאס געוויס די ערשטע אין שטעטל אברייטע און קורצע ברוקירט מיט רונדע און שפיציגע שטיינער, אויך די טראטוארען זענען ברוקירט מיט עהנליכע שטיינער נאר קלענערע. די הייזקעלעך קליינע נידריגע מיט הויכע שפיציגע דעכער אנגעשפארטע איינס ביים צווייטן, ווי קראנקע מענשן וואלטן זיך געהאלטן אונטערן ארעם, כדי נישט צו פאלען. ווי האט מען געקאנט זעהן אזא געסעל אין אנדערע שטעט? די פענסטער קליינע, די טירען נידריקע, פארשידענארטיגע לאדענס מיט צישפרייטע פליגעל פוןביידע



דאָס הויז פון מרדכי פויזנער

זייטן, געמאלענע לאקירטע, געווייסטע, געשמירטע מיט פארשידענע פארבען, ברוינע, געלע, גרינע, ווייסע און אנדערע, די לופט דא איז געמישט מיט ריחות פון עסענוואַרק, געקאכטע, געדעמפטע, און געריישטע ציבעלעס געמישטע מיטן רויך פון די הויכע קוימענס און קולות פון קינדער געשרייען, געוויין און געלעכטער, מיט רוישן פון די שניידער מאשינען און קלאפען פון די האמערס אין שוסטער ווארשטאטען, ווייל דא וואוינען אין די שטיבלעך בעלי מלאכות, הארפאשנע יידען, שניידער, היטעל מאכער, זאטלער, שיסטער, סאדאווניקעס, דארפס גייער, און נאך אזעלכע יידען מיט דאגות פולע אויף פרנסה, אויף געזונד, אויף חתונה מאכען אקינד און נאך אזעלכע קאפדרייעניש. פארנאכט ווען די לופט ווערט שווער אין די שטיבען, זיצען דא פאר די טירען אויף די טרעפען אדער אויף בענקלעך די פרויען, די שכנות איינע מיט די צווייטע שמיעסען זיך דורך, די מענער גייען אין בית המדרש צו מנחה מעריב אדער אין דער חברה תהילים, די קינדער שפיעלען זיך דא מיט פארשידענע שפיעלערייען, טייל קלעטערן אויף די קאשטן בוימער צו פאנגען חראבאנז׳עס, פרייטאג מיטאג צייט גייען דא יידען אין מקוה אריין זיך צו טובלען לכבוד שבת און פרייטאג פארנאכט אדער ערב יום טוב גייען דא ידען דאווענען. שבת אין דער פרי אדער יום טוב און געוויס אין דיא ימים נוראים ראש השנה יום כפור איז דא די שטימונג געהויבען, די יידישע פרויען אונזערע מאמעס און באבעס מיט זייערע לאנגע קליידער אטייל נאך אין זייערע חופה קליידער מיט שייטלען אדער הויכע קופקעס אויף די קעפפ מיט דיקע קרבן מנחה סדורים אינטערן ארעם גייען אויך אין שול דאווענען צו גלייך מיט די מענער וועלכע האלטן דעם טלית מיטן סידור און חומש, אין די ימים נוראים אויך דעם ווייסען קיטעל. מיטן מחזור, פון דער שול הערט מען די שיינע יום־טובדיגע תפילות, ימים נוראים הערט מען דעם כאר זינגען די תפילות און פיוטים פון שחרית און מוסף, און אויך דאס שופר בלאזען ראש השנה פון שוחט ר׳ שמואל יאמניק. ארום דער שול לויפען ארום די קינדער, און שפילען זיך, און מיט זייערע קלינגענדיגע שטימעלעך פארהילכען זיי דעם ארום. דאגעגען פון דער ווייבער שול הערט מען די פרויען וויינען אין בעטן מיט תחינות דעם רבונו של עולם ער זאל אנשרייבען א גיט יאהר, געזונד און פרנסה. עס ענדיגען זיך די תפילות און די קליינע שוהל גאס ווערט פול מיט די אהיים גייענדיגע מענער און פרויען און קינדער, מיט דער האפנונג אז מען האט זיך אויסגעבעטן אגיט יאהר.

די דערנעבענדיגע ווארשאווסקא גאס אדער ווי מיר האבען זי גערופען די בית־מדרש גאס, איז אויך געוועזן באוואוינט אויסשליסלעך פון יידן, דער גרעסטער טייל פון בעלי מלאכה, אבער דער רוב יידישע אינסטיטוציעס האבען זיך דא געפונען, אויפן ערשטן פלאץ פארשטייט זיך איז געוועזן דער בית המדרש, און דעם רב׳ס וואוינונג. און אויפן הויף, די ישיבה, די בית־יעקב שולע פאר מיידלעך, דער הכנסת אורחים, די בית דין שטיב און די קהילה שטיב. די וואונונג פון ר׳ איטשע ווידען וועלכע איז געוועזן אנאינסטיטוציע פאר זיך, ווייל דא איז געוועזן דער בקור חולים, לינת הצדק, תקון ספרים, א.ד.גל. אין דער גאס איז אויך געוועזן די באנק לודאווי אונטער דער אנפירונג פון

ה׳ משה סאכאטשעווסקי מיט זיין פערסאנאל, אין הויז פין שמואל אבא אבראמאוויטש. דא איז אויך געווען דער בית״ר, די רעוויזיאניסטישע ארגאניזאציע אונטער דער אנפירונג פין דעם טיכטיגען טיער שלמה ישכר ענגעל. אנטקעגען אויפן גרויסען הויף פין חיים זאמער איז געווען דער שטאטישער שעכט־הויז, פאר רינדער און עופות, איינגעארדענט מיט פיינע סאניטארישע איינריכטונגען צו יענער צייט. אויך די שטאטישע אפטייק פין דעם גויישען אנטיסעמיט גרושצינסקי איז דא געווען אוין הויז פין חיים זומער, און אויך דער יידישער דאקטאר דיאמענט אברהם האט דא געוואוינט. אין דער גאס איז אויך געווען די רעליגיעזע ציוניסטישע ארגאניזאציע — צעירי־מזרחי — און השומר הדתי. העיקר — דער רוב פין אלע אינסטיטוציעס און אנשטאלטן האבען זיך קאנצענטרירט אין דער ווארשאווסקי — בית המדרש — גאס. און פין דא האט געפלאסען דאס יידישע קולטורעלע, עקאנאמישע און קהילישע לעבען אין שטעטל.

דער מארק

דא קומען מיר צו צו דעם צענטער פין שטעטל, דאס איז דער מארק, וועלכער רופט זיך „פלאץ־פילסודזקיעגא״. דאס איז אפיערעקיגער פלאץ, אויסברוקירט מיט קליינע רונדע שטיינער, און אויך די טראטוארען זענען ברוקירט מיט די זעלבע שטיינער, אויף צפון פון דעם מארק זענען פארהאנען עטליכע יידישע געשעפטן, ווי לייזער זיכלינסקיס קאלאניאל געשעפט, און בנימין פרענקעלס אייזען געשעפט. אויף דרום, איז דער מאגיסטראט, די יאטקעס און דער פייערלעשער זאל. און פין דארט פירט אגעסעל צום יעדז׳יער. פארן מאגיסטראט שטעהט אפלומפף צום שעפען וואסער, די פלומפ האט צוויי גרויסע רעדער, מיט וועלכע מען האט געדרייט כדי צו באקומען וואסער, און זי איז געווען באוואוסט אין גאנצען שטעטל אז זי האט דאס בעסטע וואסער. און פין ווי ווייט איז מען געקומען נעמען פלומפ־וואסער. ווינטער — ווען עס זענען געווען גרויסע פרעסט און שנייען, האט מען זי ארומגעבונען מיט זעק און שטרוי זי זאל נישט ווערן פארפרוירען. און פיעל מאל האט עס נישט געהאלפען, און ווען די פלומפ האט קיין וואסער נישט געגעבען, האט מען אריינגעגאסען עטליכע עמער וואסער פין אויבען, און דאס האט געהאלפען, און מען האט אזוי ארום באקומען וואסער.

דער מאגיסטראט איז געווען אגרויסער פיערעקיגער צוויישטאקיגער בנין, אין וועלכער עס איז געווען דער שטאטישער ראט און פארוואלטונג. אויך יידען זענען געווען פארטרעטן אין דער פארוואלטונג. דער נעבען זענען געווען די יאטקיס וועלכע עס האבען געדונגען יידישע קצבים — די ברודער חיים און מרדכי גאלדמאן, און דערנעבען איז אויך געווען דער פייערלעשער זאל אצוויי שטאקיגע געביידע. אויבען איז דער זאל פאר פארוויילונגען פארשטעלונגען און סינעמא, און אונטען פאר די מכשירים און וועגענער פאר די פייערלעשער.

אויף דעם מארק איז פארגעקומען יעדע צוויי וואכען מאנטאג דער

שטעטישער יריד, מיט גרויס געטומעל און רעש. בעלי מלאכות און סוחרים האבען דא אויסגעשטעלט זייערע סטראגאנעס, און געשטעלן מיט פארשידענע סחורות, און די דארפישע און שטאטישע באפעלקערונג זענען דא געקומען קויפען, און פאר קויפען זייערע סחורות.

און דער צייט פין דער נאצי אקופאציע, האט זיך אויף דעם פלאץ אפגעשפיעלט איינס פין די טרויעריגסטע קאפיטלעך פין דער יידישער באפעל־קערונג. דא איז פארגעקומען די בעסטיאלישע טאט פין די נאציס, וועלכע האבען דא אפגעשניטען די בערד פין די יידען, און זיי באפויעלען צו ליגען אויף דער נאסער בלאטיגער ערד, און צי פאמפעווען וואסער אויף זייערע אפגעגאלטע קעפ פין דער גרויסער פלומפ. אויף זייער באפעל האט מען צוגעפירט אייד אונטער דער פלומפ, און צוויי אנדערע האבען געדרייט די רעדער און געפאמפעוועט וואסער אויפן קאפ, אזוי האבען געמוזט אדורך מאכען אלע יידען וועלכע האבען זיך דארט געפונען, און אזוי נאסערהייט האט מען זיי געהאלטען דארט אגאנצען טאג געמוזט לויפען ארום דער פלאץ און געווארען געפייניגט מיט פארשידענע פיין און די שכנים די פאלאקען זענען געשטאנען ארום און זיך געפרייט און געלאכט פון דעם ספעקטאקעל. דא אויף דעם פלאץ, זענען געזעסען פרויען און מיידלעך און געציפט דאס גראז פין צווישען די שטיינער, אונטער דער אויפזיכט פין די פאלקס־דויטשען, דא אהער אויף דעם מארק האט הרב זעמעלמאן ז״ל געברענגט צי שלעפען שווערע קלעצער



די חאטשער גאס

פאָטאָגראפירט דורך פרופ׳ ברנד בעת זיין באזוך אין פשייטש אין 1965

און האלצערנע בעלקעס אויף זיינע אקסלען, פון דעם האלץ־סקלאד פון די ברודער ענגעל אויף חאדעטשער גאס.

עס זענען געווען נאך גאסן און געסלעך, מיט מעהר אדער ווייניגער באדייטונג, אבער אלע אויפן זעלבען סטיל געבויט, מיט די זעלבע באוועגונג, כמעט מיטן זעלבן בוי פון די הייזער. די באפעלקערונג געמישטע — יידען, פאלאקן, דייטשען, אמאל געלעבט צווישן זיך בשלום, כאטש שטענדיג מיט אביסל קנאה אויפן ייד, אבער דאך נישט ארויסגעוויזען, ביז קורץ פאר די קריג פון די נאציס, דאן האבען זיך שוין אנגעפאנגן אנטיסעמיטישע שטיק פון די ענדעקיס מיטן באיקאט פון די גויים אויף יידישע פרנסות, די לאזונגען פון סקלאדקאווסקי און די פריסטעראווא האבען געווירקט, און אין שטעטעל האבען זיך באוויזען באיקאט לאזונגען ווי: „סוואי דא סוועגא”, „קופט נישט ביי יידען”, „שלאגט־יידען”, „יידען נאך פאלעסטינע” און ד.ג. דערנאך זענען אויך געשטאנען פיקעטניקעס ביי די יידישע געשעפטן, נישט ארייגלאזענדיג קיין פוילישע קונים. דער אזוי אויך שווערער מצב פון די יידישע פרנסות איז געווארען נאך שווערער, די יידישע דארף גייער, און אזעלכע זענען געווען פיעל אין שטעטל, זענען געווארען אויסגעשטעלט אויף שרעקליכע שיקאנעס און אפילו אויף קלעפ, זייער פרנסה איז געווארען אונטערגעהאקט, אזוי אויך די פרנסה פון די סאדאווניקעס, וועלכע האבען קיין סעדער נישט געקאנט דינגען ביי די גויים און ביינאכט געווען אויסגעשטעלט אויף סכנות נפשות פון די גוייעשע גנבים און שקצים. בכלל אפילו אין די „גיטע” צייטען, איז די פרנסה פון די דארף גייער געווען זעהר אשווערע. זיי זענען ארויס פון שטיב פארטאג ווען עס איז נאך געווען פינסטער אין דרויסען, און אהיים געקומען אין די אווענט־שעה׳ן. זייער לעבען איז געווען פיעל שווערער ווי דאס לעבען פון די מארק פארער און הענדלער, זיי האבען געמוזט גיין צו פיס ווייטע שטרעקעס, געווען אפט באדראט פון די בייזע דארפישע הינט, און פיעל זענען טאקע צוביסען געווארען פון זיי. שלעכטע וועטערן, פרעסט, שנייען, שטורמס, רעגן, היצען, און ווינטען, און נאך פיעל אנדערע צרות פון די הענט פון די גויים אין די דערפער, און דאס אלעס כדי ארויסצוברענגען אביסעלע פרנסה, און פיעל מאל טרוקען ברויט פאר זיך און פאר פרוי און קינדער... אין פיעל מאל האט עס געטראפען אז דער ראש משפחה, דער דארף־גייער איז קראנק געווארען זיך דערקיהלט, דאן איז די משפחה געבליבען ממש אהן עסען און געליטען נויט. אזוי זענען געווען די יידישע פרנסות פון דעם רוב איינוואוינער פון שטעטל פשייטש, אז מען דערמאנט זיך היינט איז שווער צו פארשטיין, דאס לעבען זייערס. אזוי האט עס זיך געצויגן ביז צום אויסברוך פון די מלחמה, און אלע זענען פארניכטעט געווארען, מיט אכזריות און מיתות משונות, עס זענען אויך געווען יידען פון מיטעלשטאנד, אויך סוחרים, הענדלער, בעלי מלאכות, יעדער מיט זיינע געשעפטן, יעדער מיט זיינע דאגות, נישט געוואוסט פון קיין איבערפלוס קיינמאל, און נישט געשטרעבט נאך קיין לוקסוס, און ווי ווייטמעגליך נאך געהאלפען איינער דעם צווייטן. און ביי דעם אלעם, ווען עס איז געקומען שבת — יום טוב, האט מען פארגעסען די שווערע טעג, די מאטער־

נישען און יאגען זיך נאך פרנסה, מען איז געגאנגען אין שוהל, אין בית המדרש אדער אין חברה תהילים דאווענען, אדער הערן אדרשה פין רב אדער אויף דער נאכט און אוואכען טאג צווישען מנחה מעריב צו הערען אדרשה מיט גיטע ווערטליך און משלים פין אדורך פארענדיגען מגיד אדער בעל דרשן. און אזעלכע זענען געקומען זעהר אפט אין שטעטל, זאמלען געלד פאר אנ־אינ־סטיטוציע אדער פשוט פאר זיך, הכנסת כלה, פדיון שבויים, אדער סתם פרנסה. דער בעל דרשן האט גענומען רשות פין רב, ארויף אויפ׳ן בעלעמער אנגעהויבען מיט די ווערטער „מורי ורבותי״ אדער „טייערע יידען, געזאגט תורה ווערטלעך, משלים, גערעדט צים הארץ, מען זאל שטיצען, געענדיגט ווי געוועגדליך ובא לציון גואל״, גענומען אשטענדער, אנגעצינדען אויף איהם אליכט, אוועק געשטעלט זיך ביי די טיר און יעדער ייד ארויסגייענדיג פין בית המדרש האט געגעבען זיין נדבה דעם בעל דרשן. טייערע יידען געוועזן אין שטעטל, פרומע, גוטהארציגע, מיטפיעלענדע צום צווייטענס נויט. הארעפאשנע, ארבייטענדיגע שווער אויף צו באשפייזען זייערע גרויסע פאמיליעס. און יעצט וועלן מיר אנהויבען פין אונזער רב הרב זעמעלמאן, און ארום דעם שטעטל לויט זייערע וואוין ערטער, הנאהבים והנעימים בחייהם ובמותם לא נפרדו. אזוי ווי די יידען האבען דא געלעבט הונדערטער יאהרען, דור נאך דור איבערגעגעבען פין פאטער צום זון, מיט רעליגיעזע געפילען, און ליבשאפט צו ארץ ישראל, און מיט האפענונג, נאך גוטע צייטען...

אלי, אלי – קינה

(בנעימה של אלי ציון)

אלי, אלי נפשי, בכי,
וזעקי בת ישראל,
מספד שאי והתיפחי
אכלה האש בישראל.

על טבח־עם, אשר הוכן,
יסורי שכול, אשדות דמים,

זקן וטף לא רחם
על עקדה קרבן תמים.
אלי, אלי...
על עוללים גמולי חלב
המרוטשים לפי צורים,

ועל דמם, אשר זב
בראש חוצות לעין הורים.
אלי, אלי...

על הקהילות השוממות
ועל חרבן מקדשי אל,

יקודי להב שלהבות
ערי פאר בישראל.
אלי, אלי...

עלי דורות אשר נגדעו
דמי אבות על דמי בנים.
בגיא אושביץ תמו גועו
עלי מוקדות הכבשנים.
אלי, אלי...

עלי כלואים, חגורי שק
הנמקים ברבבותיהם

בטרבלינקי, חלמנו ומידנק
ואין מלקט עצמותיהם.
אלי, אלי.

אלי קרונות צפופי אדם
אשר רפדו גפרית וסיד
צחי־צמא, בכלות נפשם
צעקו מים ואין מושיט.
אלי, אלי

עלי בנות, אשר עלפו
רעיות בנפשן שלחו ידן
הטהורות יחדיו נספו
ולא חלל תם כבודן.
אלי, אל

עלי קפואים בשדות שלגים
ילדים רכים בחיק אמהות
ועל קדושים השואגים
קבורי חיים מתוך בורות.
אלי, אלי

עלי גוילים המחללים
בידי נאצים מנאצי אל
טרופים, קרועים ומגעלים
בין אשפתות ואין גואל.
אלי, אלי

על צדיקים, ענוי עולם
נדיבי עם, הוגי תורה
בתאי רעל נחנק קולם
נפלה, כבתה המנורה.
אלי, אלי

עלי נוער, פרחי העם
חלוצי קרב, כפי מרי
מול זדונים שופכי הדם
השתלהבו רשפי חרי...
אלי, אלי...

על נהרות דם ובכי
נקמת ברית בלב שמורה
בקרב גיטו ללא רהי
נחשף העוז טמיר־גבורה....
אלי, אלי...

עלי קדוש השם ועם
ועל נקמת דם טהורים
בתעצומות מסרו נפשם
לחמו, נפלו הגבורים.
אלי, אלי...

על שבר עם נשא קינה
כבולי יגון, עטויי שואה
הלנצח תאפיל שנאה
ולא תפרש הנגהה ?
אלי, אלי...

ראה אלהים, עורי צפד
נפל לבי, שונאי קמים
הקשיבה שועי, חישה מלט
הצילה נפשי מאנשי דמים.
אלי, אלי...

עלי גבור על במתי עד,
כנר תמיד בהוד זרחים
כל נטף דם, קרבן לשד
נזכר עד נצח נצחים.

אלי, אלי נפשי, בכי
וזעקי, בת ישראל,
מספד שאי והתיפחי,
אכלה האש בישראל.

הקינה אלי אלי חוברה על־ידי י. ל. ביאלר, יליד ורשה משרידי השואה, פור־סמה בשנת תש״ח ע״י ועד הקהילות הקדושות בפולין, ליום זכרון הקדושים.

יזכור

אל מלא רחמים

בורא ארץ ומרומים, שומע שועת עגומים, דיין אלמנות ואבי יתומים, אל נא תחשה לדם עמך ישראל השפוך כמים. המצא מנוחה נכונה על כנפי השכינה, במעלות קדושים וטהורים כזוהר הרקיע מזהירים את נשמותיהם של שש מאות רבבות אלפי ישראל ובתוכם בני קהילתנו הקדושה פשדץ׳ (פשייטש) והסביבה, מאות אנשים ונשים, ילדים וילדות עוללים וטף, שנהרגו ושנשחטו ושנחנקו ושנטבעו ושנשרפו ושנקברו חיים בידי העמלקים הנאצים הגרמניים הטמאים והצוררים בגיטאות ובמשרפות ותאי הגאזים, בחלמנו, באושביץ, מאידנק, טרבלינקה ועוד. וכן בארצות הכבושות תחת יד האויב הנאצי. כולם קדושים וטהורים, וביניהם גבורי הרוח, גאונים וצדיקים, תמימים וישרי לב, רבנים וחסידים, אדירי תורה ותלמידי־הם. יזכרם ה׳ לטובה, ובגן עדן תהא מנוחתם. בעל הרחמים יסתירם בסתר כנפיו לעולמים, ויצרור בצרור החיים את נשמותיהם, ה׳ הוא נחלתם, והוא ינקום נקמתם, ויזכור לנו עקדתם. ותעמוד לנו ולכל ישראל זכותם. ארץ אַל תכסי דמם ואַל יהי מקום לזעקתם. בזכותם ישובו נדחי ישראל לאחזתם, והקדושים האלה תהא לזכרון תמיד לפני ד׳ צדקתם, יבואו שלום וינוחו על משכבותם, ויקיצו ויעמדו לקץ הימים להחיותם, ונאמר אמן.

ארגון יוצאי עיר פשדץ׳ (פשייטש) בישראל

הרב ר׳ יוסף אלכסנדר זמלמן

אשתו־הרבנית: בלהה.

בניהם: יהושע אלימלך, יואל, נחמיה, יעקב.

בנותיהם: נחמה, אדל.

אונזער רב הרב זמלמן איז געווען אגרויסע פערזענדליכקייט. אויסער דעם וואס ער איז געווען דער מרא דאתרא, ד.ה. דער רב אין שטעטל, אגדול בתורה, איז ער אויך געווען באהאווענט אין דער אלגעמיינער קלאסישער וועלטליכער ליטעראטור און פאליטיק, אפילו די גאנצע קריסטליכע באפעלקערונג האט איהם געשעצט און אבגעגעבען כבוד, ער איז געווען אשיינער מענש און ארויסגערופען דרך ארץ. סימפאטיש מיט אשטענדיגען שמייכל אויף די ליפן. די מאמע פין אכט קינדער, אונזער רביצין, אקליינע אדארע שטענדיג פערהארעוועט, אבער דאך האט זי געפינען צייט פאר ארויסהעלפן אנויט באדערפטיגן און אויסהערן און פיהלען אנאנגעווייטיגט הארץ פין אשטעטלדיגע פרוי, און עס איז נישט געווען קיין משפחה אין שטאט וואס זי זאל נישט באזוכן און העלפן. געווען אנאפען הארץ פאר אלע ליידענדע, שטענדיג מיט א שמייכל און מיט אגיטווארט

ווײַדען איטשע

אשתו: אסתר.

איטשע ווײַדן מיט זיין פרוי אסתר אמשפחה אהן קינדער, און ער האט געפונען אטרייסט אין דער קהילישע און פילאנטראפישע ארבייט. געווען איז ער אנ׳ערליכער פרומער ייד, אלאנגיאריגער גבאי אין בית המדרש, אפוטרופוס פין הכנסת אורחים, בקור חולים, תקון ספרים און נאך אנדערע קהילישע פונקציעס. פין פאך איז ער געווען אדאמען שניידער, און יעדע ארבייטערין וועלכע ער האט באשעפטיגט האט ער געהאלטן ווי אנ׳אייגן קינד און באזארגט מיט אלעם.

קלאר יעקב וולף

אשתו: לולה.

בנותיו: יאדזה, חנה, מינה.

יעקב וולף קלאר וועלכער האט געוואוינט אין זעלבען הויז מיט זיין פאמיליע, האט געהאט אגאלאנטעריע געוועלב, ער אין געוועזן אאינטעליגענטער מענש, און איינער פין די גרינדער פין דער פאלקס ביבליאטעק.

טאראנטשיק אהרן

אשתו: פייגה.

בניו: אברהם חיים, רפאל, טוביה, יואל, איטשע.

ר׳ אהרן טאראנטשיק, מיט זיין פרוי און זעקס זוהן. געפירט אשוסטער ווארשטאט מיט די אייגענע קינדער, און פארקויפט די פראדוקציע אויף די מערק, די זון זיינע געוועזן אינטעליגענטע ייִנגעלייט, אין געוועזן טיכטיג אין דער שלום עליכם ביבליאטעק. איינער פין זיינע זוהן יעקב מאיר לעבט אין ארגענטינא.

ביאלוגלובסקי יוסף

אשתו: חיה.

בניו: אברהם, דניאל.

בת: יוכבד.

יוסף ביאלאגלאווסקי מיט זיין משפחה. אייגענטליך ווער עס איז געוועזן ביאלאגלובסקי האט מען נישט געוואוסט, מען האט זיי נאר געקענט אלס דער בלינדער יוסף און די לאמע חיה. זיי זענען געוועזן דארף גייער. טאג איין טאג אויס באהאנגען מיט קוישען, און די געברענגטע סחורה פארקויפט צו הורטאוויקעס. זיי האבען געהאט 3 קינדער. די שווינדזוכט האט צוגענימען זייער עלטסטען זוהן גוטמאן צו 18 יאהר.

אברמוביץ שמואל אבא

אשתו: **רבקה.**

בניו: **טוביה, יוסף, מרדכי.**

בתו: **אסתר.**

משפחה אברמוביץ, אפרומע בעל־בתישע משפחה. געוואוינט אין אייגענעם הויז ווי ער האט אויך געהאט אלעדער געשעפט, און אנדערע שוסטער צודאטען, ער איז געווען גבאי פין דער חברה קדישא, די קינדער האבען געפירט אקאמאשען שטעפעריי ווארשטאט. זיי זענען אלע געוועזן טעטיג אין דער בית״ר ארגאניזאציע, אין דער צייט פין דער ליקווידאציע פין די לעצטע פשייטשער יידען איז איהם געלונגען זיך אויסצובאהאלטען ביי זיינס אגעוועזענעם קלייענט דער שוסטער אוסטרושקה, אבער דער גוי האט איהם אויסגעליפערט אין די הענט פין ס.א. מאן הענקל וועלכער האט איהם דערשאסען. זיין טאכטער יסכה פודער וואוינט אין ישראל.



משפחת אברמוביץ

בילבסקי משה

אשתו: מלכה שרה.

בנם: שמעון.

בנותיו: יטה חיה, רחל.

בילבסקי משה דער זוהן פין ליפמאן בילבסקי מיט זיין פאמיליע, אטראדי־ציאנעלע משפחה. די קינדער ערצויגען אין נאציאנאלען גייסט. ער האט געהאט אשפייז געוועלב, אין אויך ציגעהאנדעלט מיט פיש און ברען מאטעריאל. ביי דעם אלעם איז ער קיין גביר נישט געוועו. אבער אגוט הארץ האט ער יא פארמאגט און ליעב געהאט צו טוהן אטובה אנויטבאדערפטיגען.

רוזן שרה — אלמנה

בתה: איטה.

בנה: הענעך ומשפחתו.

רוזן שרה (ווי מען האט זי געריפען די קופקעטע) א אלמנה, וועלכע האט ערצויגען איהרע 2 קינדער, געהארעוועט זעהר שווער, געפאהרען מיט איהר ביסעל גאלאנטעריע סחורה אויף ירידין, און אין דערפער, און קוים דערפין געצויגען פרנסה. איהר זוהן הענעך האט געהייראט נאך איזביץ און דארט געוועז אמלמד אין אחדר.

יאכימוביץ אהרן דוד

אשתו: טריינה.

בנו: יצחק לייב ומשפחתו.

בנותיו: טאשע, קרוסה.

אהרן דוד יאכימוביץ מיט זיין פאמיליע. פון פאך אשוסטער. ער איז געוועזן אבעל קורא, געליינט אין ספר תורה אין בית המדרש, ער און זיין פרוי זענען געוועזן זעהר וואוילע מענשן, אלע זיינע קינדער זענען געוועזן טעטיג אין קולטורעלען לעבן אין שטעטל. זיין עלטסטער זון משה איז נפטר געווארען אין ישראל.

בוקס אריה

אשתו : רותה.

בתם : העלה.

די משפחה בוקס האט געציילט פינף מאן. זיי האבען געפירט איאטקע, און אויך געהאנדעלט מיט לעבעדיגע בהמות. די וואוינונג און אויך דאס געוועלב איז געוועזן זייער אייגענטום. ער איז געוועזן אטראדיציאנעלער ייד, די קינדער אזוי ווי די מערהייט אין שטעטעל האט ער ערמעגליכט צו באקימען אפאלקס בילדונג. ער האט אבאנירט אטעגליכע יידישע צייטונג ווייל מאטעריעליש האט ער זיך געקאנט ערלויבען, און אויך מיט צייט. אריה בוקס, זיין פרוי און טאכטער זיינען אימגעקימען אין דער צייט פין דער שואה. זייערע צוויי זוהן יוזעק און יצחק לעבען אין אמעריקא.

ליעק מענדעל

אשתו : בריינה.

בנים : מרדכי, דוד.

בת : לאה

מענדעל ליעק מיט זיין פאמיליע. אדארף גייער, און אין די זומער חדשים געוועזן באשעפטיגט מיט זיין פרוי אין אגעדינגענעם סאד. דער עלטסטער זוהן רפאל איז געוועזן אשניידער. האט זיך פאקילט פארנדיג אויף איריד און יונגערהייט געשטארבען אין עלטער פין 18 יאהר. זייער טאכטער לאה איז געוועזן א אינטע־ליגענטע מיידעל פיעל געלייענט, אחוץ וואס זי האט מיטגעהאלפען די מיטער ביי שטיב ארבייט האט זי אויך מיט איהר שניידער ארבייט צוגעהאלפען צו דער פרנסה. זייער זוהן מרדכי דוד איז געוועזן אשטילער בחור און אויך געארבייט ביי שניידעריי, דער יונגסטער זוהן אליהו האט צוגעהאלפען זיין פאטער ביים דארפס האנדעל, פין דער משפחה איז קיינער נישט געבליבען.

טאראנצ׳יק יוסף זעליג

אשתו : עטה.

בניו : אהרן, טוביה.

דאס יינגע פארפאלק טאראנצ׳יק מיט די צוויי קינדער האבען געוואוינט אין זייער אייגענע וואונונג, וועלכעס זיי האבען באקומען פין זייערע עלטערן צו זייער חתונה, ביי יידען אין פוילען האט אפט געטראפען אז פאמיליע מיטגלידער האבען געהייראט צווישען זיך, יוסף זעליג און עטה זענען געוועזן אויסער מאן און ווייב אויך קוזינען. זעלטען טרעפט מען אזא הארמאניש צוזאמען לעבען ווי עס האט געגעבען ביי דעם פארפאלק. זיי זענען געוועזען זעהר קולטורעלע מענשען, און האבען געשפענדעט פיעל צייט אויף לייענען. ער איז געוועזן אסימפאטיקער פין די לינקע ארבייטער באוועגונג. פין פאך אשוסטער און געארבייט ביי זיך אין דער היים. קיינער פין די משפחה איז נאכ׳ן חורבן פין דיא פשייטשער יידען נישט געבליבען.



יוסף זעליג טורונציק

זיעלינסקי שמשון

אשתו ראכל.

שמשון זיעלינסקי מיט זיין פרוי, פין פאך אשניידער קיין קינדער האבען זיי נישט געהאט, און אין זייער הויז האט זיך ערצויגען זייער פלימעניק הערש זינגערמאן. איינער פין די בעסטע תלמידים פין רב, און מיטגרינדער פין דער צעירי מזרחי ארגאניזאציע. געשטרעבט צי קומען נאך ישראל אבער נישט זוכה געווען דערצי. ער איז אימגעקומען אין פויזען. שמשון זיעלינסקי אייד מיט אשטענדיגען שמייכל, געוועזן שטענדיג גרייט צו העלפען אצווייטן, כאטש קיין עושר איז ער נישט געוועזן. ער איז געוועזן אפרומער און אסימפאטיקער פין די מזרחי באוועגונג.

פישר אברהם

אשתו :

בניו : יעקב, משה.

בנותיו : אסתר, רוניה, מאשה.

פעסא ומשפחתה

אברהם פישער, פין פאך אגארבער, געוועזן אגרויסע פאמיליע, ער האט אויך געהאט אשפייז געוועלב, ער איז געוועזן אחסידישער ייד, זעהר אשיינע פרומע פאמיליע, אלע זיינע קינדער האט ער געגעבען זעהר ארעליגיעזע ערציהונג. זיין עלטסטער זון מענדל האט געלערנט אין די ישיבה, זיין צווייטער זון יעקב איז געוועזן זעהר אפרומער און גאנץ ספר תהילים האט ער געקאנט פין אויס־ווייניג, ער איז געוועזן טעטיג אין די צעירי מזרחי, ר׳ אברהם פישער איז געוועזן גבאי פין דער ר׳ מאיר בעל הנס פושקע, און געזאמעלט געלד צו דעם צוועק אין וועלכן ער האט געזעהן אהייליגען ציעל פאר יישוב ארץ ישראל. זיין פארהייראטע טאכטער פעסא האט געוואוינט אין קאלא.

זיעלינסקי אסתר

בניה: יענקל, ראובן, נחמן.
בנותיה: חוה הנדל, גיטל.

זיעלינסקי אסתר, די פרוי פין חיים זיעלינסקי וועלכער לעבט אין אמריקה, זי איז געוועזן אהייסע יידישע מאמע, און צוזאמען מיט איהרע 8 קינדער געלעבט אין טיפען דחקות. אלע אומגעקומען אין די לאגערן.

זיעלינסקי ישראל חיים

אשתו: שפרה.
בניו: עוזר, דוד, שלום אהרן.
בתו: יטקה.

אין זעלבען הויז טיר ביי טיר האט געוואוינט ישראל חיים זיעלינסקי, האט געפירט אבלעכערווארשטאט מיט זיינע צוויי זון. די פראדוקציע האבען זיי פארקויפט אויף די מערק. זיי זענען געוועזן זעהר ווארלע מענשען און ליב געהאט אטובה צו טיען אצווייטן. די קינדער זיינע זענען געוועזן אינטעליגענטע מענשן און אלע זענען געוועזן אקטיוו אין דער ציוניסטישער באוועגונג.

זיעלינסקי חיים יוסף

אשתו: אסתר.
בתו: שרה.

חיים יוסף זיעלינסקי פין פאך אזאטלער. אגרויסע בעלבתישע משפחה, ער איז געוועזן אנ׳אקטיווער מיטגליד אין דער חברה תהילים. די קינדער זיינע געוועזן אינטעליגענטע מענשן, איינע פין זיינע טעכטער איז געוועזן אנ׳אקטיווע טיערין אין דער ארבעטער באוועגונג. די יינגסטע טאכטער חוה וואוינט אין אמריקה.

עקערט אברהם

אשתו: רבקה.

בנות: ביילה, חנה, פרימיט, ברוניה.

אברהם עקערט מיט זיין פאמיליע. פין פאך אבלעכער. ווי דער רוב פשייטשער יידען איז ער אויך געווען ארעליגעזער, אמזרחי סימפאטיקער. זיינע טעכטער האבען איהם צוגעהאלפען ביי זיין בלעכערייי ארבייט. די גאנצע משפחה זיינען געווען זינגערס, און אין פרייטאג צו נאכטען האט מען געקאנט הערען אין דער גאס דאס שיינע זמירות זינגען פין דער משפחה.

קאוואלסקי איטשע — שמש

אשתו: הינדה דבורה.

בנם: נחום, אשתו ומשפחתו.

איטשע קאוואלסקי, דער שטאטישער שמש. אנ׳אלטער פרומער ייד מיט אווייסער בארד. ער האט אויסגעפירט אלע שטאטישע פונקציעס וועלכע געהערן צי אשמש און אהן איהם וואלט מען קיינמאל נישט געוואוסט ווי מען האלט אין דער וועלט. ממש דער וועג ווייזער אין דעם אידישען לעבען אין שטעטל. זיין פרוי הינדה דבורה איז געווען אספעציאליסטען כמעט אדאקטערקע. ווען אקינד האט זיך אויסגעלענקט אהאנד האט מען געוואוסט אז מען דארף גיין צי הינדה דבורה׳ן, זיא האט גענומען אביסעל שמאלץ אנ׳געשמירט און אביסעל איינגעריבען, פארבינדן מיט אטיכל און שוין איז עס געווען גיט. זיא האט אויך געמאכט אייגענע זאלבען. שטענדיג איז זי געווען אין אגיטער שטימונג. מיט אשמייכל און אגיט ווארט האט זי אויף גענומען די מענשען וואס האבען זי באזוכט.

זייער זון נחום האט געוואוינט מיט זיין פרוי און קינדער אין סאמפאלנא, געוועזן איז ער אהיטלמאכער, אפרומער מענש און פין די אנגעזעענע בעלי בתים אין שטעטל. די קינדער האט ער ערצויגען אין טראדיציאנעלען נאציאנאלען גייסט.

וואלטר אליהו

אשתו: יעכעט.

בנו: אברהם:

בנותיו: הינדה דבורה, חנה.

אין דער זעלבער וואוינונג האט געוואוינט זיין איידעם אליה וואלטער, אחסידישע יונגערמאן, אלמדן אין א וועלטליכער אויף אלע געביטען, אגיטער בעל תפילה מיט אשיינער שטימע מיט וועלכער ער פלעגט מהנה זיין נישט בלויז די פשייטשער יידן, נאהר אויך ווען ער איז געפארען אויף די ירידים מיט שניט סחורה פלעגט ער זיין דער אנגעזעענער שליח צבור און בפרט מיט זיין שיין דאווענען אין ראש חודש. אין דער חברה תהלים פלעגט ר' אליהו געבען אשיעור יעדען שבת פאר מנחה, פרשת השבוע, אדער פרקי אבות.

ווישניבסקי ראובן

אשתו: גיטל.

אמה: חנה רבקה.

בנו: הרש מאיר.

בנותיו: פייגל, חוה, חיה שרה.

ווישניבסקי ראובן, אהיטלמאכער, איינער פון די משוררים פון אלטן חזן שבתי קוטק ז"ל, ביי די תפילות פון ראש השנה און יום כפור, און נאכהער אמשוררביים שוחט יאמניק שמואל. ער איז געוועזן איינער פון די ווידער אויף בויער פון דער חברה תהילים. אנאינטעליגענטער ייד און אהייסער סימפאטיקער פון דער ארבייטער באוועגונג אין שטעטל.

ווישניבסקי חיה

בנה: שמואל זלמן.

בנותיה: חנה גיטל, רודה, חוה טובה.

ווישניעווסקי חיה, די פרוי פון הערשל וועלכער לעבט אין אמעריקה. זי איז געוועזן אהייסע יידישע מאמע און איז צוזאמען מיט איהרע פינף קינדער אומגעקומען אין די לאגערן.

זיכלינסקי דאכע — אלמנה

בנה: דאבינסקי יצחק.
אשתו: געניא.
בנו: שלמה.

זיכלינסקי דאכע (דאבינסקי) האט געהאנדעלט מיט תבואה צוזאמען מיט איהר זון יצחק דאבינסקי, וועלכען מען האט גערופען דער לאמער יצחק. ער איז געוועזען זעהר אוואולער מענש און זיין גאנצע פרייע צייט האט ער געווידמעט פאר ליטעראטור, ער איז געווען אמיטגליד אין דער פערוואלטונג פין דער פאלקס ביבליאטעק און אסימפאטיקער פין דער ציוניסטישער באוועגונג. ער פלעגט אויך געבען אווענט קורסען אין דער פוילישער שפראך פאר יידישע יוגענטליכע אהן שום באלוינונג.

ווישנבסקי ישראל חיים — אלמן

זיכלינסקי יעקב
אשתו: העלה
בתם: מלכה.

ווישניבסקי ישראל חיים, געהאט אשפייז געוועלב. אין די פרייע שעהן געזעסען אין בית המדרש און געלערט עין־יעקב, און פיעל מאל מיט נאך יידען צוזאמען. יעקב זיכלינסקי זיין איידעם מיט זיין פרוי העלה, וועלכע האבען געוואוינט מיט איהם צוזאמען, זיינען געווען באלעזענע און אויך ליעב געהאט צו דיסקוטירען וועגען וועלט פאליטיק.

שווייצר רחל — אלמנה

שווייצר רחל, קורץ נאך דער חתונה איז איהר מאן געשטארבען און זי איז געבליבען מיט אקליין קינד, אהן פרנסה. זי האט זיך גענומען צי מילך האנדל. אחוץ דעם וואס זי איז נישט געוועזן קיין עושרטע האט זיא געהאלפען ארעמע משפחות וואס האבען נישט געהאט קיין געלד אויף מילך. איינצייטיג ערצויגן איהר זון, וואס פיעל וואלטן זיך געווינשען צי האבען אזעלכע קינדער. זי איז אומגעקומען אין פארניכטונגס לאגער חעלמנא. איהר זין וואוינט אין ישראל.

קלאר אלעזר

אשתו: עלה.

בנותיו: בעלה, חנה.

קלאר אלעזר, אשניידער, א איידעם פון יוסף ווישניבסקי. ווי דער רוב בעלי מלאכות פון שטעטל פארקויפט די אויפגעניייטע סחורה אויף די מערק. אמיטגליעד אין דער חברה תהלים.

ווײדען מרדכי בער

אשתו: חוה.

בניו הנשואים: יחיאל, יעקב הרש ומשפחותיהם.

מרדכי בער ווײדען מיט זיין פרוי חוה, זיי האבען געהאט אשפייז געוועלב. ער איז געווען אפרומער ייד, זיין זון יעקב הערש איז געווען א מיט גרינדער פון די פאלקס ביבליאטעק און פון דראמאטישען קרייז. אדאנק די איינקונפטען פון די פארשטעלונגען האט די ביבליאטעק געהאט אמעגליכקייט איינציקויפען נייע ביכער און צו פירען די טעטיגקייט, די לעצטע יאהרען פאר די מלחמה איז יעקב הערש אוועק וואוינען אין קאנין, איינער פון מרדכי בער'ס זין יחיאל האט געוואוינט אין לאדז׳ און איז געווען ארעליגיעזער מענש און געפירט זיין הויז שטרענג כשר.

קלאדבסקי אליה דוד

אשתו: בריינדיל

בתו: יטקה.

קלאדאווסקי אליהו דוד, פון פאך אשניידער, געפארען אויף ירידען מיט די אויסגעארבעטע סחורה. אפרומער ייד און זעהר אקטיוו אין דער חברה תהלים. די משפחה האט געלעבט אין באגרעניצטע מאטעריעלע באדינגונגען. זייער זוהן זלמן לעבט אין ישראל.

יקובובסקי כתריאל

אשתו: חיה.

בן: אברהם.

בנות: פריידה, מיכל.

כתריאל יקובובסקי מיט זיין משפחה, פין פאך אבאשטעלטער שניידער געווען אפרומער ייד. געדאווענט אין בית המדרש, און פלעגט לערנען צווישען מנחה־מעריב ביי ר׳ לייב לנציצקי אפרק עין יעקב. ער האט געהאט פיינע אינטעליגענטע קינדער. זיין זין דוד איז געווען פין די גרינדער פין דער פאלקס ביבליאטעק. ער איז נפטר געווארען אין אמעריקה אין 1972. זייער זוהן משה אהרון וועלכער איז געווען פין דיא גרינדער פין דיא שלום עליכם ביבליאטעק וואוינט אין קאנאדא.

שמעונוביץ הרמן
אשתו, 4 ילדים

הרמן שמעונוביץ, א איידים פין אלטען שפערקע, האט געוואוינט אין אפאציאטען דירה אין הויז פין קריסט לאפאטקעוויטש. געפארען אויף די מערק מיט גאלאנטעריע, נאכהער איז ער געווארען אמלמד, און אויף די מערק איז געפארען זיין פרוי. זיי האבען געהאט פיר קינדער, אשטילע משפחה, נישט געמישט זיך אין שטעטישע ענינים, דאדורך אויך איז אינז נישט באקאנט זייערע נעמען.

אביגדור יצחק ומשפחתו
חתנו של שפערקה.

אביגדור יצחק, דער איידעם פין דער פאמיליע שפערקא, פין פאך איז ער געווען אמצבה קריצער. כדי ארויסציציען פרנסה פאר זיין פאמיליע האט ער זיך אויך פארנימען מיט איינבינדעריי. געווען אשטילע טראדיציאנעלע משפחה און קולטורעלע באלעזענע מענשען. קיינער פין די משפחה שפערקא און אביגדור איז ליידער נישט געבליבען.

פראנקענשטיין ראובן

אשתו: ...

בנו: איציק.

בנות: טובה, פרימיט, רעכיל.

ומשפחתו

פראנקענשטיין ראובן, אטאנדייט שניידער, אפרומער ייד, איז געווען דער ראש המשפחה. ראובן מיט זיין פרוי און פינף קינדער האבען געלעבט אין דחקות. טראץ דעם האט ער אלע קינדער געשיקט אין חדר, און שולע. מען מיז באצייכענען אז אלע קינדער זיינען געווען אינטעליגענטע. איינער פין זיינע זוהן מענדעל, איז געבליבען לעבען נאך אוישביץ, און ביז 1964 געוואוינט אין פשייטש.

גרינבלט נטע

אשתו: בלה.

2 ילדים.

נטע גרינבלט מיט זיין פרוי און 2 קינדער, געוואוינט אין א אייגען שיין הויז. אתבואה סוחר, א אנגעזעענער ייד, אעושר לויטן שטייגער פין אקליין שטעטעל, אגרויסער סימפאטיקער פין מזרחי, און אמיטגליעד פין דיא פארוואלטונג פין דיא פאלקס באנק.

גרינבלט דוד

אשתו ומשפחתו

גרינבלט דוד, אברודער פין נטע גרינבלאט. זיי האבען געהאנדעלט מיט תבואה, אערליכער מענש, אשטילע באשיידענע משפחה און א אפענע שטיב פאר שטיצען ארעמעלייט. זייא האבען מקיים געווען די מצוה פין הכנסת אורחים. פין די משפחות פין די צוויי ברודער איז ליידער קיינער נישט געבליבען. אומגעקומען אין חלמנו.

פראנקענשטיין הערש

אשתו : שפרינצה.

בנים : מרדכי, מענדעל.

בנות : מלכה, פרימיט.

די פאמיליע פראנקענשטיין האט פארנימען איין צימער וואוינונג ביי נטע גרינבלאט אינטערן דאך. דער צימער איז געווען אפינסטערער, דאס לעבען פין דער משפחה איז אויך געווען פינסטער. דער פאטער הערש מיט זיין פרוי שפרינצה זיינען ארויס געגאנגען אין דארף זינטיג איינהאנדלען דארפס פראדוקטען און פיעל מאל אהיים געקימען ערשט פרייטאג אין די מיטאג שעה׳ן. אין די שטיב ביי זיי איז אפט נישט געווען וואס צועסען. מעבל — אטיש, אבעט — אוודאי נישט. געשלאפען זיינען די פאמיליע אויפן דיל אינטערגעבעט מיט שטרוי, צוגעדעקט זיך אין ווינטער מיט די אייגענע מלבושים. זעהר אפט נאך אמארק טאג האט מען געזעהן די צוויי טעכטער צוזאמען קלויבען דארפס פראדוקטען האלב פארפוילטע וואס די פויערן האבען אועקגעווארפען. דער עלטעסטער זוהן האט געארבייט אלס שיסטער, די עלטסטע טאכטער איז געווען די בעל בית׳טה, אבער דאך האבען אלע געקאנט לייענען און שרייבען. טראץ דעם וואס פיעל מאל האבען זיי נישט געקאנט גיין אין שולע ווייל זיי האבען קיין שיך נישט געהאט אויף זייערע פיס. אטראדיציאנעלע יידישע משפחה. אויך דא איז קיינער נישט געבליבען. ווייל פאר די דייטשען זיינען אויך זיי געווען פאראזיטען און גנבים.

לנצ׳יצקי יחזקאל מרדכי

אשתו : רוזשה.

בנים : אליהו, אברהם, הערש לייזר, נטע.

בת : איטה.

יחזקאל מרדכי מיט זיין פאמיליע. געוואוינט אין א אייגען הויז. אליין אדארפס גייער ציזאמען מיט זיין עלטסטען זוהן הערש לייזר. צוויי זוהן אליהו און אברהם האבען געפירט אשניידער ווערקשטעל. די טאכטער איטה איז געווען אפרויען שניידער,ביידע ווארשטאטען האבען זיך געפינען אין איין צימער וואוינונג, און טראץ דעם זענען זיי קיין נגידים נישט געווען. עס איז געווען אזעהר פרומע משפחה, פשוטע ארענטליכע מענשען. ר׳ יחזקאל מרדכי לאנג־יאהריגער בעל קורא אין בית המדרש, אין די פרייע שעהן דארט געלערנט עין יעקב מיט עטליכע יידען.

מארקוביץ וולף

אשתו: הענה.
בנה: נחום זיעלינסקי.

מארקוביטש וואלף האט געהאנדעלט מיט אפפאל פון סחורות און שמאטעס צוזאמען מיט זיין שטיף זוהן. אין די צוואנציגער יאהרען האט ער חתונה געהאט מיט די אלמנה הענה זיעלינסקי וועלכע האט געהאט צוויי זוהן הערש און נחום. נחום איז געוועזן אקראנק יינגעל און דער שטיף פאטער האט איהם באהאנדעלט ווי א אייגען קינד. וולף מארקוביטש איז געוועזן זעהר אקליגער און גוטער מענש. ווי דער רוב יידען אין שטעטעל איז ער געוועזן ארעליגיעזער און אחבר אין דער חברה תהלים. כאטש ער איז נישט געוועזן קיין פשייטשער איז ער געוועזן זעהר באליבט ביי אלעמען אין שטעטעל.

נעלקין נפתלי

אשתו: הדסה.
ומשפחתו.
אחיו: אברהם, ומשפחתו.
אליהו ומשפחתו.

נעלקן נפתלי, ער איז געוועזן איינער פון די פיעל יידן אין שטעטל וועלכע האבען אויף אנ׳ערליכען אופן געזוכט פערשידענע פרנסות כדי צו דערנערען זייערע משפחות, ער איז געוועזן אדארפגייער, אגלעזער, אסאדאווניק און אבעל עגלה, געהאט אקאטש וועלכע איז געוועזן ציזאמען געקלאפט פון ברעטער, אפגעפארבט אויף רויט און שטארק געסקריפיט ביים פארען. מיט אט די קאטש האט ער געפירט פאסאזשירען צו דער באן קיין קשעוואטע, און פון די אלע מלאכות האט ער נישט געהאט קיין ברכות און אזוי ווי דער רוב בעלי בתים זיך געמאטערט און אונטערגעהונגערט. די לעצטע יאהרן פארן קריג האט ער געוואוינט אין איזביץ, זיין זון מענדל איז געשטארבען אין ישראל אין יאר 1952 בערך.

זיינע צוויי ברודער אברהם און אליהו זענען געוועזן פריזירער און געהאט אפריזיראנשטאלט. אין די יאהרען פארן קריג זענען זיי אוועק פון פשייטש און מיר ווייסען נישט קיין גענויע פרטים פון זיי, אלע זענען אומגעקומען פון די נאציס.

שפערקה-שפירא מיכאל
שפערקה אליה
אשתו ומשפחתו

שפירא (שפערקע), דיא עלטערען זענען געשטארבען אין דיא 1925—6 געבליבען דריי טעכטער און 2 זוהן, געוואוינט אין א אייגען געמויערט הויז. דארט אין דעם הויז איז געבליבען אזוהן מיכאל שפירא מיט אשוועסטער. מיכאל איז געוועזען א היטעל מאכער, ער האט זיך אויך פארנימען מיט שרייבען בקשות פין ידישע איינוואוינער צו פארשידענע מלוכה אנשטאלטען. איינער פין דיא גרינדער פין נאדל פאראיין ווי ער האט אויך געגעבען נישט באצאלטע לעקציעס פין לעזען און שרייבען פאר יוגענט וואס האט זיך געגויטיגט אין דעם, ער האט אויך געגרינדעט דיא שומר-הצעיר ארגאניזאציע וואס האט זיך געפירט אויף אהויכען קולטורעלען ניווא. זיין ברודער אליה האט געהייראט און געוואוינט אין קלאדאווא ווי ער האט געפירט אפאטאגראף אנשטאלט.

לבקוביץ משה

אשתו: שרה גיטל.
בניו: מאיר, אברהם, ליפמן, יוסף.
בתו: עלה.

די משפחה לעווקאוויטש משה, אגרויסע משפחה וויא אלע זעקס קינדער זענען געוועזן טעטיג אין די שלום עליכם ביבליאטעק, עס איז געוועזן אשטיב ווי די ארבייטער יוגענד זענען זעהר אפט דא ציזאמען געקומען, אויף דיסקוסיעס און לייענען צייטונגען, דא פלעגט מען זינגען ארבייטער לידער נישט שטענדיג לעגאלע, און אחוץ דעם וואס די עלטערן זענען געוועזן רעליגיעזע מענשן, זענען זיי געוועזן סימפאטיקער פין די ארבייטער באוועגונג. די עלטערן זענען געוועזן זעהר באליבט דורך די יוגענט. כמעט די גאנצע משפחה האבען שווער געארבייט. זיי האבען געהאט אקאטש מיט פיער פערד, געפירט פאסאזשירען צי דער באן און אויך געפירט פערשידענע לאסטען קיין וולאצלאוועק און אויך די תבואה פין די תבואה סוחרים. אחוץ דעם האט ער אויך געהאט אבעקעריי וויא מען האט געבאקען מצות, און ערב פסח האט דארט געבאקען די שמורה מצה דער רב מיט די חסידים מיטן וואסער „מים שלנו", וועלכעס מען האט ציגעגרייט אנאכט ציפריער פין יעדז׳ער. זיין טאכטער דבורה לעבט אין קאנאדא.

זיעלינסקי הערש

אשתו: חנה.
בניו: משה, וולף.

די משפחה נעלקין, אגרויסע משפחה מיט צען דערוואקסענע קינדער. זייער פרנסה איז געווען דארפסגייער, פריזיער, שניידער, גלעזער, בעל עגלה, און אפילו איינער איז געווען אטאנץ לערער. אלע זענען זיך ציפארען און געהייראט אין אנדערע שטעט. נאר די יינגסטע טאכטער חנה וועלכע האט חתונה געהאט מיט דעם גלעזער הערש זיעלינסקי האט געוואוינט אין דער דירה נאך דעם ווי די עלטערן זענען געשטארבען. זיא האט געהאט צוויי קינדער. אחוץ דעם גלעזעריי האט זיך הערש פארנומען מיט פידל שפיעלן אויף חתונות. ער האט אויך שיין געזונגען און מיט זיין שיינער שטימע געוויילט די חתונה געסט.

ריבינסקי מרדכי

אשתו: יוכבד רעכל.

ריבינסקי מרדכי א איידעם פין זלמן בוקס, פין פאך אשניידער און מיט די אויפגעבייטע פראדוקציע איז ער געפאהרען אויף ירידען. אזוי ווי דער רוב בעלי מלאכה׳ס אין שטעטעל, אטראדיציאנעלער, ער האט געדאווענט אין דער חברה תהלים. ער איז אימגעקימען אין אלאגער. זיין פרוי איז אימגעקימען אין אושביץ.

בורנשטיין לייביש מענדעל

אשתו: זעלדה.
בת: רחל.
בנים: עוזר, אליהו.

בורנשטיין לייביש מענדעל, דער זוהן פין טוביה בורנשטיין. ער האט געוואוינט מיט זיין פאמיליע אין קלאדאווע. לייביש מענדל האט געפירט אגרויסען היטל מאכער ווערקשטעל, באשעפטיגט עטליכע ארבייטער, אדאנק דעם וואס מאטעריעליש איז ער געווען אין אגוטן מצב איז ער געווען פין די אנגעזעענע בעלי בתים אין שטעטעל. זיינע קינדער האבען באקימען אנאציאנאל טראדיציאנעלע ערציאונג.

מילער הערש

אשתו: רבקה.

בנים: שלום, מרדכי, גוטמן.

בת: אחת.

הערש מילער, אבאשטעלטער שוסטער, אגיטער פאכמאן, זיין עלטסטער זוהן שלום איז געווען אבאלעזענער ייגגערמאן. דו דריי זוהן האבען געארבייט צוזאמען מיט'ן פאטער ביי זיין פאך און געהאלפען באשפייזען די פאמיליע. עס איז געווען א בעל בתישע שטיב אין שטעטעל. זייענדיג אליין ארעליגיעזער האט ער אויך זיינע קינדער געגעבען אטראדיציאנעלע ערציהונג. ער איז געווען אמיטגליעד אין דער חברה תהלים, און פיעל בייגעשטייערט צו איהר ווידער אויפבויאינג.

פשעדעצקי מיכאל

אשתו: גיטל

בניו: שמואל, זעליג, חיים יעקב.

פשעדעצקי מיכאל, פין פאך אטאנדייט שניידער. די אויפגעארבייטע סחורה האט ער פארקויפט אויף די מערק. אזוי וויא אלע שניידער אין שטעטל, איז ער גאנצע וואכען געווען אויסער די היים. אין אז עס איז געקומען שבת טראץ דעם וואס ער איז זיך גיט פארשווארצט געווארען אין דער פרעמד כדי ארויס־ציציען פרנסה פאר זיין פאמיליע איז ער אלס רעליגיעזער ייד געווען שטענדיג פין די ערשטע אין דער חברה תהילים, דא מיט אלע יידען בעלי מלאכה'ס געזאגט פארן דאווענען אפאר געפיטלעך תהילים, ער איז געוועזען אפרומער ייד און די קינדער זיינע האט ער ערצויגען אין טראדיציאנעלען גייסט. צי די טראדיציאנעלע שטימונג אין זיין הויז האט איהם פיעל צוגעהאלפען זיין געטרייע און איבערגעבענע פרוי גיטל. זייער טאכטער פייגה וואוינט אין אמריקה.

נוימרק מיכאל הערש

אשתו: ראכיל.

בניו: הערש לייב, יעקב.

בנותיו: טאובה, מלכה, חיה רחל, בלימה.

מיכאל הערש ניימארק, אדארפס גייער, אשטילער קצב, געשאכטען קעלבלעך ציגען אדער שעפסען. דאס פלייש האט ער ביליג פארקויפט ספעציעל פאר ארימע לייט. אסטאבילער מתפלל אין בית המדרש. שבת צו מנחה פלעגט ער זיין דער שליח ציבור אויף וועלכען ער האט געהאט אלאנגיאריגע חזקה. ווען ער איז ציגעקימען צום פרק „אתה אחד ושמך אחד" האט ער זיך שיין ציזינגען אזוי אז עס האט זיך געפילט אז עס קימט איהם פין טיפן הארצען. ער איז געווען אקליגער און גוטהארציגער מענש, ליעב געהאט צו בויען און איבערבויען, אין אלע שטיבלעך זיינע האבען געוואוינט פאמיליעס וואס האבען נישט געהאט פיעל מעגליכקייט צו צאלען דירה געלט, מיכאל הערש האט קיינמאל נישט געמאנט, וויפיעל ער האט געקריגען אין ווען ער האט געקריגען האט ער גענומען. ער איז געווען געשעצט ביי דיא גאנצע באפעלקערונג פין שטעטעל, אידישע און קריסטליכע. שטענדיג פיל מיט הומאר, און ליעב געהאט צו זאגען קליגע און שיינע גלייכווערטלעך. זיין טאכטער גאלדע איז געשטארבען אין בראזיל אין 1971. זיין זוהן שמחה וואוינט אין בראזיל.

די צווייטע פרוי זיינע ראכיל האט געהאט פין ערשטן מאן אזון הערש לייב פראכאווסקי, פין פאך איז ער געוועזן אשניידער און געארבייט בייא יענעם. ער איז געוועזן אקלוגער און אינטיליגענטער יינגערמאן און גענומען אנ'אקטיוועןאנטייל אין לעבען פין פראפעסיאנעלען פאריין און אין די שלום עליכם ביבליאטעק.



בלומה נוימארק
די טאכטער פון מיכאל הערש נוימארק



חווה קלאדראווסקי
אטאנטע פון נוימארק שמחה



פון רעכטס צו לינקס
חוה רחל, יעקב. מלכה, טאובה נוימרק



קיילה ובלומה קלאדראווסקי
דיא טאנטעס פון נוימארק שמחה

נוימרק טוביה

אשתו : שיינה.

בתו : פרימיט.

נוימארק טוביה מיט זיין פרוי שיינה און צוויי קינדער, ער האט געוואוינט אין אנאייגענע וואוינונג, ער האט געהאט אפערד און וואגען און טאג איין טאג אויס געפארען אין די דערפער און געהאנדעלט מיט וואס עס האט זיך נאר געלאזט. כדי ארויסציציען פרנסה. ער האט שווער געהארעוועט, געווען ארעליג־יעזער מענש, זעהר אקליגער, אבער אשטילער און זיך נישט געמישט אין קיין שום ענינים, זיינע קינדער האט ער געגעבען ארעליגיעזע ערציהונג.

טורונצ׳יק מרדכי

אשתו : מינדיל.

בנו : יואל.

בנותיו : חיה, טאובה.

טאראנטשיק מרדכי, אזאטלער, פין דער נאטור אפרייליכער מענש, גערן געהאט צי שמיעסען מיט מענשן, איבערהויפט אין בית המדרש צווישן מנחה און מעריב, ווען יידען האבן דיסקוטירט וועגן אלע וועלט ענינים, האט ער ליב געהאט איבערציציייגן זיינע הערער אז ער איז גערעכט מיט זיינע מיינונגען. געווען ארעליגיעזער ייד און שווער געהארעוועט אויף פרנסה, אויך זיין פרוי מינדל האט איהם ציגעהאלפן אין דער פרנסה מיט האנדל. די קינדער האבען זיי ערצויגען אין רעליגיעזען ציוניסטישן גייסט.

טשאנסקובסקי יצחק

אשתו: מאשא.
בנם: אברהם.
בנות: פרידה, מיכל.

טשאנסקובסקי יצחק, זיין פרוי מאשא מיט 3 קינדער, א אידעם פין מיכאל הערש ניימארק. געהאנדעלט מיט דארף פראדוקטען. געווען אשטילער פרומער ייד, נישט געמישט זיך אין קהילה׳שע ענינים, געפירט אשווער הארע־פאשנע לעבען, און בדוחק מפרנס געווען זיין משפחה. אבער שבת איז ער געווען פין דיא ערשטע מתפללים אין די חברה תהלים כדי צו זאגען אפאר קאפיטלעך תהלים פארן דאוונען. דאס הויז פין מיכאל הערש ניימארק אין וועלכען עס האבען געוואוינט עטליכע משפחות, איז געווען אקליינס, אנידריגס מיט אשונדיל דאך, און אהויף ארום מיט קליינע הילצערנע אפיצינעס, ענדליך צו פיעל אזעלכע הייזלעך וואס האבען זיך געפינען אין דעם טייל שטאט וואס האט זיך גערופען דער אלטער־מארק. דיא הייזלעך האבען זיך געהאלטען ממש מיט נסים, און נאך מער נס איז געווען וואס עס האט דארט קיינמאל נישט אויסגעבראכען קיין שרפה, וואס וואלט אלעס ארום פארניכטעט.

שפרינגר מאטיל — אלמנה

חתנה: סטראמסקי מרדכי.
אשתו: פעסה.

דיא משפחה פין סטראמסקי מרדכי מיט זיין פרוי פעסע, מיט אקליין קינד. אין די זעלבע וואוינונג האט אויך געוואוינט זיין שוויגער מאטל שפרינגר. דער גאנצער פרנסה געבער איז געוועזען דער אידעם מרדכי ,ער האט געהאנדעלט אויף מערק, אין אקליין וואליזקעלע האט ער געטראגען זיין גאנץ ביסל סחורה ווי שפילצייגען פאר קינדער א. א. ביליגע זאכען וועלכע ער האט פארקויפט צו 35 גראשען אשטיק. קיין גרויסע הכנסה האט ער פין דעם נישט געהאט. אבער דאך געשטרעבט נישט צו פאלען צו לאסט צו קיינעם. דאס איז געווען אמשפחה אשטילע אמביטנע מענשען. די איינציגע שבת טעג וואס ער איז געווען אין דער היים האט ער נאכן דאוונען ליעב געהאט זיצענדיג ביים טיש מיט זיין משפחה צו ליינען אצייטונג אדער אבוך.

סוחצ׳בסקי משה

אשתו : מרים.
בתו : רגינה.
בעלה : לייב אולעז׳נקו.
שלושה ילדים.
בתו : אדז׳ה.
בעלה : יעקב גלאסמן.
בנם : מרק.
בתם : מרים.

דאס הויז פון סוחצ׳בסקי משה ז״ל, איז געווען אביסל גרעסער און לענגער פון די אנדערע הייזער אויפן אלטען מארק, אויך אפארטער הויז, ער איז געווען אייד אסוחר, פארמעגליך, געהאט אגעשעפט פון שניט סחורה און שניידער


אדז׳ה גלאסמאן (סאבאטשעווסקי)


רגינה ובעלה לייב אולעז׳נקו

צודאטען, ער איז געוועזען דער פרעזעס פין דער באנק לודאווי, און איינער פין די גרינדער און פירער פין דער באנק, ער איז געוועזען אפרומער ייד און אהייסער ציוניסט, און ווען אין שטעטל איז געקומען אחשובער גאסט באזוכען איז ער איינגעשטאנען ביי איהם אין שטיב, און משה סוחצ׳בסקי האט איהם באזארגט מיט אלעם. אויך ווען דער רב הרב זעמעלמאן איז געקומען אלס קאנדידאט צו ווערן רב אין שטעטל, איז ער דעם ערשטען שבת געוועזען דער גאסט בייא איהם, און נאכהער ווען דער רב איז שוין אפיציעל געווארען אנגענומען אלס רב איז ער נאכן פייערליכען איבערגעבן איהם דעם כתב רבנות אין שוהל געפירט געווארען אין דער וואוינונג פין ר׳ משה סוחצ׳בסקי וויא עס איז געווארען געפראוועט אגרויסע אויפנאמע פאר די ראשי קהילה. ביז אין די שפעטע אווענט שעה׳ן, אויך דער קעלצער רבי וועלכער האט באזוכט אין שטעטל אין אנפאנגס פין די דרייסיגער יאהרען, איז ער איינגעשטאנען אין זיין הויז און דארט געפראוועט די שבת טישען. זיין טאכטער אסתר פולמן וואוינט אין ישראל, און זיין צווייטע טאכטער סאלא דיסקין וואוינט אין פאריז.

קראוסקופף קלמן יעקב

אשתו :

בנו : משה.

בתו : שרה.

אויפ׳ן הויף פין דעם הויז אין דער וואוינונג וויא עס האט זיך דער נאך געפינען די שלום עליכם ביבליאטעק, האט געוואוינט קלמן יעקב קרויסקאפף מיט זיין פאמיליע. ער איז געוועזן אשטיבען מאלער אהויכער דארער ייד מיט צוויי לאנגע הענד ענדליך צי דאן־קישוט מלאמאנשא להבדיל, מיט אצי די בערשט האט ער געקאנט אפווייסען אהאלבע וואנט, אויף דעם ווייסעכץ האט ער ארויף געגעבען עפיס אמוסטער פין פארבען, וועלכע די בעל הבית׳טע האט זיך אויס־געקליבען — גאלד, זילבער, געל אדער רויט א.ד.גל.. אין די ווינטער טעג ווען ער האט נישט געהאט קיין ארבייט פלעגט ער זיצען אין בית המדרש ביים הייסען אויווען און פארציילען נסים פין די רויטע יידעלעך פין יענער זייט טייך סאמבאטיון, פין לויתן און שור הבור. און ארום איהם זענען געשטאנען די קינדער און יינגלעך און געשלינגען יעדעס ווארט מיט גרויס נייגעריקייט. קיין גרויסער פרנסה געבער איז ער נישט געוועזן.

גולדמן בלימה רחל — אלמנה

בתה: אסתר.

בלימא רחל גאלדמאן האט געהאט איאטקע אין מארק און די געביידע פין די יאטקעס נעבען מאגיסטראט. זי האט געוואוינט ציזאמען מיט איהר טאכטער אסתר וועלכע איז געוועזן אשניידערין פין קליידער. איינע פין די ערשטע גרינדערס פין נודלפעריין און שלום־עליכם ביבליאטעק. אקטיוו אין די קורסען פין שרייבען און לייענען, אויך אמיטגליד אין דראמאטישען קרייז. זי איז געשטאנען אין שפיץ פין די קולטור באוועגונג אין שטעטל.

גולדמן טוביה

אשתו: מלכה.
בנו: יוסף.
בתו: פייגה מרים.

גולדמן טוביה, אויך ער ווי זיינע ברודער מרדכי און חיים, איז געוועזן אקצב, ער איז געוועזן אמיטגליד אין דער פאלקס ביבליאטעק, און פיעל פין זיין פרייער צייט אבגעגעבען פאר איהר ענטוויקלונג. ער איז געוועזן ארעליגיעזער ייד און אויך אבאוואוסטזיניגער מענש. זיינע קינדער האט ער געגעבען אטראדי־ציאנעלע ציוניסטישע ערציהונג. צו דעם האט פיעל בייגעשטייערט זיין פרוי מלכה וועלכע איז געוועזן באקאנט אלס באלעזענע און באוואוסטזיניגע פרוי.

גולדמן חיים

אשתו: שיינה ברכה.
בתו: חנה.

גולדמן חיים, אויך ער אקצב און געהאט בשותפות איאטקע מיט זיין ברודער מרדכי. אשטילע בעשיידענע משפחה, רעליגיעזע מענשען. אויך ער האט געדאווענט אין דער חברה תהילים. אין זיין שטיב אוז געוועזן אפרומע און טראדיציאנעלע. ער און זיין פרוי און טאכטער חנה זענען געוועזן באקאנט אין שטעטל אלס באוואוסטזיניגע מענשען.

גולדמן מרדכי

אשתו: חיה שרה.
בתו: קאזז.

מרדכי גאלדמן, פון פאך אקצב, אזוי ווי זיין מוטער בלימא רחל האט ער אויך געהאט איאטקע אין מארק נעבען מאגיסטראט. ער איז געווען אפרומער ייד, ער האט געדאווענט אין דער חברה תהילים, געוועזן אמיטגליד אין דער פארוואלטונג פון דער גמילות חסד קאסע. זיין טאכטער קאזער האט ער געגעבען אטראדיציאנעלע ערציהונג. דורך וואנדערדיגע אורחים און ארעמעלייט האבען שטענדיג געהאט ביי זיי אין שטיב אווארעמע היים מיט עסען און אשיינע נדבה.

נימצ׳ובקה מענדל

אשתו: פעסה.

נימצ׳ובקע מענדל, אדארפסגייער, האט געוואוינט אין אדאך שטיב איבער דער וואוינונג פון איציק זינגערמאן, ער האט ליב געהאט צימישען זיך אין קהילישע ענינים און איינמאל אויך געוועזן אויס געוועהלט אלס דאזאר. ער איז אויך געוועזן דער קאנדידאט פון די בעלי מלאכות צים שטאט ראט. ער איז געוועזן זעהר אקליגער און וואוילער מענש און מען האט ליב געהאט צי הערן זיינע געשפרעכען און באמערקונגען. אויך געוועזן רעליגיעז און אחבר אין דער חברה תהילים. זיין פרוי פעסע, כאטש זי איז געוועזן אקראנקע און ליידענדע פרוי, האט זי זעהר פיעל אויף געטיען צי געבען שטיצע ארעמעלייט און זיי געהאלפען לויט איהרע באגרענעצטע מעגליכקייטן.

בוקס נחמן

אשתו: צעשה.

בוקס נחמן, דער זון פון זלמן. פון פאך אזאטלער. כדי אויסצומיידען דאס מיליטער דינסט, האט ער זיך אביסעל ציגעפייניגט, אבער דערפאר איז ער געבליבען אליידענדער די גאנצע יאהרען. ער האט געהייראט און געוואוינט אויסער פשייטש. ער איז געוועזן זעהר אבאוואוסטזיניגער מענש, און א אפטער באזוכער ביי זיין פאטער און פאמיליע אין שטעטל, כדי דערמיט מקיים צי זיין כבוד אב.

רוכשטיין חיים

אשתו : מלכה.

ראכשטיין חיים, אשניידער, די לעצטע יאהרען פאר די מלחמה געוועזן אמלמד פין קליינע קינדער. געוועזן אפרומער, אגיטער, און קליגער ייד. געדאווענט אין שול. ער האט געהאט אנ׳איינציגע טאכטער שרה ראצע, די פרוי פין לייב האדעצקי. בטבע איז ער געווען שטענדיג אפריילליכער מענש און ליעב געהאט צי זאגען גלייכווערטלעך פין וועלכע מען האט פיעל הנאה געהאט. אין בית המדרש צווישן מנחה און מעריב האט ער געוואוסט צי דערצייילען אלע נייעסן פין טאג, ווייל ער האט אויך ליב געהאט צי לייענען אצייטונג. כאטש ער איז געוועזן אגרויסער ארימאן האט מען דאס אויף איהם נישט דערקענט און ער האט אויך קיינמאל נישט ארויסגעוויזען אז ער נוטיגט זיך אין עפיס. זיין פרוי מלכה איז געוועזן אגרויסע בעלבית׳טע און שטענדיג איז אין איהר וואוינונג געוועזן שיין ריין און ציכטיג.

זינגרמן איציק

אשתו : שבע

בנו : הערש.

בנם : זינגרמן אברהם.

בתם : זינגרמן מרים.

בתם : זינגרמן חנה.

ומשפחותיהם.

זינגערמאן איציק, פין פאך אבלעכער, ער איז געוועזן ווי דער רוב יידען אין שטעטל אפרומער, און פיעל יאהרען געוועזן גבאי אין שוהל, פאר וועלכער ער האט זעהר פיעל געלייסטעט מיט אלע כוחות. עס איז געוועזן אגרויסע פאמיליע, דריי זון און דריי טעכטער. אלע זעהר קולטורעלע מענשען. פינף פין ער זיי זענען געוועזן פארהייראטע און אלע געוואוינט אויסער פין פשייטש. פיעל אייניקלעך זענען דארט געוועזן און אלע זענען זיי אומגעקומען, און פין די בעלבתישע שיינע משפחה איז קיינער נישט געבליבען. דער עלטסטער זון אברהם האט געוואוינט אין לאדז׳, און ער צוזאמען מיט זיין שוואגער זענען געוועזן אויף אבאזוך אין ישראל אין 1935 און זיך דא געוואלט באזעצען און זיך איינארדנען, אבער ליידער ער האט נישט געקענט רעאליזירען זיין שטרעבונג, און צוריק געפארען קיין פוילען און אומגעקומען ציזאמען מיט אלע.

ראוך חיים

אשתו: רחל לאה.

ומשפחתו.

ראוך חיים — דער עלטעסטער אידעם פין איציק זינגרמאן האט געוואוינט אין זעלבן הויז. אנ׳עופות הענדלער, הורטאווע, געפירט עופות קיין לאדז׳. אשיין בעלבתיש הויז. ליב געהאט צי זאגען אגלייכווערטעל און אוויץ. אפרומער ייד און געדאווענט אין דער שול.

טורנר חיים

אשתו: מלכה.

בניו: שמואל הערש, יהושע.

די משפחה טארנער, אקולטורעלע משפחה, ר׳ חיים איז געווען אמלמד ביי וועלכן אלע קינדער כמעט פין שטעטל האבען בייא איהם געלערנט. די זון שמואל הערש און יהושע זענען געווען מיטגלידער פין נאדעלפאריין, פין פאך זענען זיי געווען שניידער. געוועזען זעהר קולטורעלע מענשען, זעהר פיעל געלעזן און געווען באוואוסטזיניג אויף אלע געביטען. דער יינגסטער זון אריה וואוינט אין אמעריקה.

מארטשאק שמעון

אשתו: רויזה.

בניו: יוסף, אברהם.

בנותיו: הינדה, תמר.

מארטשאק שמעון, אדארפסגייער אין אסאדאווניק. אהאלב יאהר פער־ברענגט אין די דערפער און אהאלב יאהר זומער געוועזן אין סאד און געהיטען די פרוכטען וועלכע ער האט געקויפט פין די קריסטען. אזוי זענען געוועזן דער רוב פין די יידישע פרנסות אין שטעטל. שווערע הארעפאשנע און נישט צי דער זעט פרנסות און ער איז געוועזן איינער פין זיי. אפיינער שטילער רעליגיזיעזער מענש, נישט געמישט זיך און קיין קהילישע ענינים און געזארגט צו באשפייזען זיין פאמיליע און צו געבען אגיטע ערציהונג זיינע קינדער.

קלאדאווסקי מרדכי

אשתו : חיה שרה.

בנו : משה אהרן.

בתו : יוכבד.

קלאדאווסקי מרדכי, אנאיידעם פון בלימא רחל גאלדמאן, ער האט איבער־גענומען די בעקעריי פון זיין פעטער לוי קלאדאווסקי. געוועזן פון די מיטגרינדער און מיטגליד פון דער פאלקס ביבליאטעק. אויך זיין פרוי חיה שרה איז געוועזן פון די אקטיווע מיטגלידער פון דער ביבליאטעק. שטילע און רעליגיעזע מענשען. די קינדער האבען באקומען אטראדיציאנעלע און ציוניסטישע ערציהונג.

בוקס זלמן — אלמן

בנותיו : מינדיל, ?

בוקס זלמן, אדארפסגייער, אנ׳אלמן. ווען די יינגסטע טאכטער מינדל איז געבוירן געווארן איז זיין פרוי געשטארבען. ער האט זיך מוסר נפש געווען, נישט געשלאפען קיין נעכט כדי ער זאל קאנען זיין אטאטע און אמאמע פאר דעם קינד, שווער געארבייט און קוים געצויגען פרנסה פון זיין שווערע הארעוואניע. די טאכטער מינדל איז געוועזן זעהר אקולטורעלע אין אמיטגלידערן אין דעם שלום עליכם ביבליאטעק. זיין טאכטער חוה לאה וואוינט אין אמריקה.

בוקס אבא

אשתו : רחל.

ומשפחתו.

בוקס אבא, אדארפסגייער, זיין פרוי רחל איז געוועזן אטאכטער פון יוסף ווישניבסקי, שווער געארבייט, טאג איין טאג אויס אין די דערפער און קוים פארדינט אויף פרנסה. שבת האט ער זיך באוויזען גאנץ פרי אין דער חברה תהלים און מיטגעזאגט אפאר קאפיטלעך פאר׳ן דאווענען, ער איז אומגעקימען אין לאגער אוישביץ.

סאיקע קאפל.

אשתו: רבקה.

בניו: מוניש, יהושע, יוסף, חיים.

בתו: יהודית.

אין אנפאנג פין דער שול-גאס אויף דער רעכטער זייט האט געוואוינט קאפל סאיקע, אזאטלער, אגרויסע משפחה. אשיינע בעלבתישע שטיב, געוועזן גבאי אין שול, אמיטגליד אין דער באנק לודאווי, אגעוויסע צייט געוועזן דאזאר אין דער קהילה פארוואלטונג. אפריילעכער מענש. זיין זון מאניש איז געוועזן אנ'אינטיליגענטער מענש. אגיטער קונץ מאלער, זיינע שיינע אייל בילדער זענען געוועזן געמאלט אויף די ווענט פין דער שול. ער איז געוועזן אין די לאגערן אוישוויץ, יאוואז'נע, ער איז אומגעקימען קורץ פאר דער באפרייאונג אין בוכנוואלד.



פון לינקס צו רעכטס:

טאראנצ'יק משה, איטשע דאניעלסקי, מוניש סאיקא, איציק דאניעלסקי, שמואל זיעלינסקי, פנחס ראור, יהושוע סאיקע, מונוש קלאדאווסקי

זיעלינסקי משה

אשתו: שרה.

בנו: יעקב.

זיעלינסקי משה, דער זון פין נחמן, אשניידער, נישט קיין זעלבסטשטענ־דיגער נאר אנגענומען ארבייט פין אנדערע שניידער, וועלכע זענען געפארען מיט זייער סחורה אויף די ירידים. ער איז געווען ווי דער רוב יידן פין שטעטל ארעליגיעזער און אשטילער מענש, נישט געמישט זיך אין קהילישע ענינים, שווער געהארעוועט ביז שפעט אין דער נאכט כדי צי דערנערן זיין פאמיליע. בייא דער ווידער אויפבויאונג פין דער חברה תהילים געביידע אין יאהר 1928 האט ער זעהר פיעל געלייסטעט און געווען פין די חשובסטע מיטגלידער, אויך געווען אחבר אין דער גמילות חסד קאסע. זיין פרוי שרה האט איהם פיעל מיטגעהאלפען אין דער פרנסה, ביים אויספארטיגען די אויפגענייטע סחורה ביז שפעט בייא נאכט. זייער זוהן יעקב האבען זיי געגעבען אטראדיציאנעלע ערציהונג און ער איז געווען אמיטגליד אין דער שומר הדתי באוועגונג.

ניימארק מרדכי

אשתו: איטה ובנותיהם.

בתם: לאה.

בעלה: מילר נחום.

מרדכי ניימארק, פין פאך אשוסטער, אפרומער פשוטער ייד. זיי האבען פיער אדער פינף טעכטער. די עלטסטע האט געוואוינט אין וולאצלאוועק, זי און איהר מאן אברהם רייזער זענען געווען אקטיווע ארבעטער אין מ.א.פ.ר. די צווייטע טאכטער איז געווען די פרוי פין מיכאל דאניעלסקי פין דער חאטשער גאס. איין טאכטער לאה מיט איהר מאן נחום האבען געוואוינט צוזאמען מיט דיא עלטערן, נחום פין פאך אטאפעצירער, אבער ביי דעם פאך האט ער אין פשייטש קיין פרנסה נישט געהאט. האט ער מיטגעארבייט מיט זיין שווער ביי שיסטעריי. אלע טעכטער פין די פאמיליע ניימארק זיינען געווען גיטע און אינטעליגענטע פרויען.

פראנקענשטיין מרדכי

אשתו: חיה שרה.

בנים: יעקב יהושע, שמחה.

פראנקענשטיין מרדכי, אזאטלער, געווען אפרומער ייד און זיך אינטערע־סירט מיט וועלטליכע ענינים. אמיטגליד אין דער חברה תהלים. שווער געארבייט אויף פרנסה. די גאנצע פאמיליע איז אימגעקימען אין די לאגערן.

קלאדבסקי לייב

אשתו: מינדיל.

בתו: קראסיל.

בניו: מוניש, נפתלי, וולף, טוביה, דוד.

קלאדאווסקי לייב, אשניידער, געווען אגרויסע משפחה, געפארען מיט די פארטיגע אויפגענייטע מלבושים אויף די מערק. ער האט ערצויגען זיינע קינדער אין טראדיציאנעלן יידישן גייסט. זיין יינגסטער זון מאניש און טאכטער קראסיל זענען געווען מיטגלידער אין דער מזרחי באוועגונג און געהערט צו די יוגענד ארגאניזאציע השומר הדתי. זיי זענען געווען אבאנאמענטען פין טאג טעגליכע יידישע צייטונג.

סאיקע בלומה רחל — אלמנה

בניה: אבא, דוד.

בנותיה: חנה, גולדה רבקה.

סויקע בלימא רחל, אפרוכטען העגדלערין געהאט צוויי זון און צוויי טעכטער, אנ׳אלמנה, די גאנצע משפחה האט געארבייט. דער עלטסטער זון איז געווען אזאטלער, דער צווייטער זון אשניידער, איין טאכטער איז געווען אוועשנייערן און איין טאכטער אפארהייראטע. געווען אינטיליגענטע מענשן, באלעזען, און זעהר אקטיוו אין דער ארבייטער באוועגונג.

זיעלינסקי לייב

אשתו: שפרה.

בנם: משה.

בתם: קיילה.

לייב זיעלינסקי, דער זוהן פון משה דער גלעזער, מיט זיין פרוי און צוויי קינדער, פון פאך אהיטלמאכער, האט געארבייט אין שטיב פאר אנדערע. ער איז נישט געווען טעטיג אין קיין קהילהשע אינסטיטוציעס און אויך נישט אין פארטייאישע ווייל ער האט קיינמאל נישט געהאט קיין צייט אויף דעם. מיט זיינע היט איז ער געווען פארנומען פון פינסטער ביז פינסטער, אבער קיין פארמעגען האט ער ביי דעם נישט געמאכט. צוטרוי האט ער געהאט נאר צו זיינע אייגענע הענט און פון זיי האט ער געצויגען הארעפאשנע פרנסה. ער האט נישט פארלוירען דעם מוט. האט ליעב געהאט דאס לעבען, געווען אליבהאבער פון יידישע פאלקס לידער און צוזאמען מיט זיין ניי מאשין האט ער געזינגען יידישע אלטע פאלקס לידער וואס פיעל פון אונז האבען זיי שוין נישט געדענקט. שפרה איז געווען אגיטע און טיכטיגע בעל־בית׳טע, געקניפט אגראשען צו אגראשען, אין אין שטיבעל וואס האט געדינט פאר אווארשטאט, עס צימער און שלאף צימער איז געווען ציכטיג ריין. פון די שיינע משפחה איז קיינער נישט געבליבען.

פראנקנשטיין מאשיל — אלמן

בנו: אברהם.

בתו: פריידה.

פראנקענשטיין מאשיל, פון פאך אזאטלער, אנאלמן. זיין פרוי איז געשטארבען אין די יינגע יאהרען און ער האט געשלעפט אויף זיך דעם עול פון דערציען אליין די קינדער, ער האט געמוזט ארבייטען אויף פרנסה און אויך זיין אמוטער צו די קינדער, און טראץ דעם שווערן לעבען האט ער זיך באמיהט צי געבען די קינדער אגיטע יידישע דערציהונג. ער איז געווען אשטילער מענש, זיך נישט געמישט אין קיין שום ענינים, אסטאבילער מיטגליעד אין דער גמילות חסד קאסע און געדאווענט אין דער חברה תהילים. געווען אפרומער און באשיידענער מענש.

זיעלינסקי הערש

אשתו: געניא.

בתם: שרה.

בנם: מיכאל.

הערש זיעלינסקי, האט געהאנדעלט מיט שמאטעס און אפפאל פון סחורות און מעטאל בשותפות מיט זיין שטיף פאטער מארקאוויץ. ער האט געהאט אגרויסען פלאץ נעבען זיין הויז און דארט געהאלטן די סחורה אין אשפייכלער. געווען אבעלבתישער ייד, געדאווענט אין שוהל און געהארעוועט שווער צו באשפייזען זיין פרוי און צוויי קינדער.

זיכלינסקי יעקב

אשתו: שרה יהודית.

יעקב זיכלינסקי, אלעדער סוחר, זיין פרוי איז געווען שרה יהודית — ישראל קלארס טאכטער. ער איז געווען אייד א עושר, אנ׳עלטערער מענש, אפרומער, אדיקער און שווער לייביקער. אין די צוואנציגער יאהרען האבען זיך ביינאכט ארייגעריסען אין זיין וואוינונג עטליכע גוייעשע רויבער, איהם שווער צעשלאגען און פארוואונדעט אין קאפ מיט אנ׳אייזען און בארויבט. מיט נסים איז ער געבליבען לעבען ווייל ער האט זיך פעסט געהאלטן ביי די קראטן פון דעם פענסטער און געמאכט גרויסע געוואלדן. דאן האבען איהם די מערדער אבגעלאזט און אנטלאפען. ער איז געלעגן עטליכע וואכען שווער קראנק און ווען ער איז געזונד געווארן, אלס לויב צו גאט פאר זיין בלייבען לעבען, און אלס צייכען פון די זיבען לעכער אין קאפ וואס די מערדער־רויבער האבען איהם געמאכט האט ער געשאנקען אזיבען לאמפיגען עלעקטרא ז׳יראנדאל אין דער שול אריין, אויסגעקריצט אויף איהם זיין נאמען. זעהר אשיינע לאמפ וואס האט באלויכטען די גאנצע שול.

פלאצקר אברהם

אשתו: פרימיט.

פלאצקער אברהם מיט זיין פרוי פרימיט, אנ׳אלט פאר פאלק, זעהר פרומע מענשן, אויף די עלטערע יאהרען האט ער שוין נישט געארבייט, שוין געהאט אויסגעגעבען די קינדער, און זייער גאנץ פארגעניגען זענען געוועזן די קינדער מיט די אייניקלעך. די קינדער זיינע האבען איהם געשטיצט און אויסגעהאלטען מיט אלעם וואס ער האט געדארפט. ער האט זעהר מקפיד געוועזן צי דאוועגען מיט מנין און געוועזן פין די ערשטע מתפללים פין בית המדרש. ער איז אויך געוועזען אבעל צדקה, און זיין פרוי פרימיט האט געוואוסט פין די ארעמע שטיבען וויא מען דארף הילף, און זי האט טאקע זיי אונטערשטיצט מיט וואס נאר עס איז געוועזן מעגליך.


פלאצקער אברהם


פלאצקער פרימיט

חאדעצקי פייביש

אשתו : יוכבד
בנם : יוסף.

חאדעצקי פייביש מיט זיין פרוי, די טאכטער פין אברהם פלאצקער, האבען געוואוינט אין דער שול גאס כמעט קעגען איבער זיין שווער. אדארפס גייער, אטראדיציאנעלע משפחה. קיין גרויסער גביר איז ער נישט געוועזען טראץ דעם האט די פאמיליע געגעבען זייער זוהן אפיינע ערציאונג. שטילע באשיידענע מענשען.

קלאדבסקי יחזקאל

אשתו : אסתר רחל.

קלאדאווסקי יחזקאל מיט זיין פרוי אסתר רחל, דאס איז געוועזן אפאמיליע אן קינדער, אין די זומער חדשים האט ער געדונגען אסאד, און אויך אגאנץ יאהר געהאנדעלט מיט פרוכטען. זיין פרוי אסתר רחל איז געוועזן זעהר אטיכטיגע, די סטאלע קנעטערין פין די מצה טייגלעך פאר פסח, אכלל טיערען אין לינת הצדק, געזאמעלט געלד און מלבושים און צעטיילט צווישען ארעמע און אזעלכע האבען דאך נישט געפעלט אין שטעטל, זי איז אויך געוועזן אין די חברה קדישא פין די פרויען. זיי זענען געוועזן פרומע מענשן און באליבט אין שטעטל.

קלאר אברהם יוסף — אלמן

בתו : שרה ומשפחתה.

קלאר אברהם יוסף, א אלמן, זיין טאכטער שרה איז געוועזן אשניידערין, גענייט וועש און קליידער און פין דעם זיך מפרנס געוועזן. אויף די עלטערע יאהרען פאר דעם קריג איז ר׳ אברהם יוסף געווארען אינטערשטיצט פין זיין זוהן אלעזר. ער איז געוועזן אפרומער ייד און סרוב שעהן פין טאג געזעסען אין בית־המדרש און געלערנט עין יעקב.

קאזימירסקי מענדל

אשתו: פרימיט.
בת: מרים.

קאזימירסקי מאיר

אשתו: בריינה.
בנים: אברהם, יעקב.

די צוויי ברודער מענדל און מאיר קאז׳ימיערסקי מיט זייערע משפחות, דאס זענען געווען די זון פון בראנכע פראנקענשטיין פון ערשטן מאן. זיי זענען געווען שיינע מענשען, הויך געוויקסיג, די העכסטע אידען אין שטאט. פארנימען זיך מיט קליין האנדעל אין דארף. קיין למדנים זענען זיי נישט געווען, אבער זיי זענען געווען ערליכע און פרומע יידען, און שטענדיג געווען גרייט צו פארטיידיגען דעם יידישען כבוד געגען שקצים און גויים און דאדורך געצויגען צו זיך דעם רעספעקט פון אלע יידען. זיי זענען געווען שטאלצע יידן. זיי האבען חתונה געהאט קורץ פאר דעם קריג.

קלאדבסקי יעקב מרדכי

אשתו: טאובה.

קלאדאווסקי יעקב מרדכי מיט זיין פרוי טאובה, זיין באשעפטיגונג איז געווען כמעט אויסשליסליך פון סעדעריי, זיין פרוי טאובה ווען זי איז געגאנגען זוכען פרנסה אין די דערפער האט זי געהאלפען מיט טרעפעריי, דאס הייסט זי האט געקוקט אויף דער האנד פון די פויערטע אדער איהר געלייגט קורטען, האט זי „געוויסט" פאראויס צו זאגען וואס עס וועט קומען און אויך וואס איז געווען, מיט דער פויערישע פאמיליע. זי איז געווען ביי איין פאמיליע אין דארף האט זי אויסגעפרעגט אויף כמעט אלע דארפישע איינוואוינער, און אזוי ארום געווען באהאווענט אין אלע געהיימנישען פון זיי. זי האט אלעס געמאכט מיט שכל, ווייל זי איז געווען אקליגע פרוי, אזוי האבען אויסגעזען די יידישע פרנסות אין שטעטל. אין די ווינטער חדשים ווען די וועגן זענען געווען באשנייט און פארפרויערן און נישט געקאנט קומען אין דארף אריין האט זי אנגעגרייט ביי יידישע בעליבתים אויף שמחות אלס קעכין אדער פאריכטעט וועש און זאקען פאר אנדערע.

וױשניבסקי חנה

בניה: דוד, שמואל זלמן.

בנותיה: גיטעל, ראדא.



וױשניעװסקי דוד, פשדצקי שמואל זליג, הרצברג משה, ליעק מרדכי

וױשניעװסקי חנה, די פרוי פין זעליג, װעלכער לעבט אין אמעריקא. זי מיט פיער קינדער איז אומגעקומען אין איינעם פין די דייטשע טויט-לאגערן. אין איהר קורצען לעבען טראגיש פאַרענדיגטען אזוי ווי אלע פוילישע יידען. זי איז געוועזן אגיטע מאמע מיט אהייס הארץ, געגעבען אשיינע יידישע ערציהונג איהרע קינדער, און כאטש מיט פרנסה איז געװעזן נישט לייכט, אבער די קינדער האבען באקומען אלעס װאס איז נאר מעגליך געװעזן, איהר עלטסטע טאכטער קיילע װאס האט זיך שיין פארשריבען מיט איהר גוטהערציגע טעטיגקייט אלס יידען עלטעסטע אין לאגער ביי אינאװראצלאװ לעבט יעצט אין אמריקה.

איגלינסקי חיה — אלמנה

איגלינסקי חיה, אפרומע פרוי, זי האט אנגעגרייט אויף שמחות ביי די שטעטלשע בעלי בתים. זיא איז געוועזן זעהר אגיטע קעכין, אויך טעטיג אין דער „חברה קדישא״ פין די פרויען און אויך אין לינת הצדק. כאטש זי איז געוועזן א ארימע פרוי האט זי מיטגעפילט מיט ליידענדע און געהאלפען מיט אלע מעגליכקייטען.

ווישניבסקי חיים זלמן

אשתו: שרה.

בנם: מאיר הערש.

בתם: דבורה.

ווישניבסקי חיים זלמן מיט זיין פרוי און קינדער, פון פאך אשניידער, געפארען אויף ירידען. ער איז געוועזן אפריילעכער און שטענדיג ליעב געהאט צו זאגען אשיין ווארט אדער אוויץ. ער האט געקענט שיין זינגען און איז געוועזן אגבאי אין דער חברה תהילים, אסימפאטיקער פון דער לינקער ציוניסטישער באוועגונג. אין זיין שטיב האט מען שטענדיג געקאנט זעהען מענשען וואס האבען ליעב געהאט צו זינגען און צו פארברענגען אין געזעלשאפט. אשיינע יידישע שטיב.

דאניעלסקי חוה

בנה: דאניעלסקי מרדכי

אשתו:: מרים.

בנותיו: גוטשה, איטקה.

דאניעלסקי מרדכי און זיין פרוי מרים און זיין מוטער חוה. ער איז געוועזן אדארף גייער און זיין פרוי מרים האט איהם צו געהאלפען אין דער פרנסה אלס וועש בייערין. זיין מוטער חוה איז געוועזן אסעדערין, געהאנדעלט מיט אויבס אגאנץ יאהר און אזוי ארום ציגעהאלפען איהר זון אין דער פרנסה. זיין ברודער ישראל און זיין פרויס שוועסטער באשע געפינען זיך אין בראזיל. זיי זענען געוועזן פרומע מענשען און איינס פון די שיינע פאמיליעס אין שטאט. געדאווענט אין שוהל און ער איז געוועזן בעהאוונט אין דער פאליטיק און שטענדיג געוויסט צידערציילען אלע נייעסען ווייל ער האט געלעזן אצייטונג און געוויסט וואס עס טיט זיך אין לאנד און אויף דער וועלט, און ער האט געגעבען זיינע קינדער אפיינע רעליגיעזע טראדיציאנעלע ערציהונג.

איגלינסקי חיים אלטער

אשתו: רעכעל

ילדים: שניים.

חיים אלטער א אײדעם פין חיים יוסף זיעלינסקי, האט געהאט אגרויסען טיש מיט גאלאנטעריע סחורות אויף די מערק. ביי איהם האט מען געקאנט קויפען ביכלעך, קינדער שפילצייגען, נייגעצייג און אנדערע ארטיקלען און אלס צו פינף און דרייסיג גראשען אשטיק. זעהר אבאלעזענער און אינטעליגענטער מענש, א אקטיווער טוער אין דער ארבעטער באוועגונג. זיין ברודער ישראל וואוינט אין חיפה מיט זיין פאמיליע.

איגלינסקי אברהם


אשתו: הדסה.

4 ילדים.

איגלינסקי אברהם דער זון פין חיה, ער האט געוואוינט אין סאמפאלנע, זיין באשעפטיגונג איז געווען צי ברענגען סחורות פין קאלא פאר די אידישע סוחרים. ער האט געהאט א פערד און וואגען און אגאנצע וואך געווען אינטער־וועגען, שטענדיג געווען פארנומען מיט די באשטעלונגען וואס די סוחרים האבען איהם געגעבען צי ברענגען און אויך גרעסערע סומעס געלד. ער איז געווען א ערליכער מאן און אויסגעפיעלט די שליחות מיט די גרעסטע פינקטליכקייט, געווען אפרומער און שבת, דער איינציגער טאג ווען ער האט גערוהט אין דער וואך, האט מען איהם געקאנט זעהן פין די ערשטע מתפללים אין דער שוהל. זיינע קינדער האט ער געגעבען זעהר אגיטע אידישע ערציהונג און זיין פרוי הדס איז געווען א אשת חיל, זי איז געגאנגען צי די סוחרים ציזאמען נעמען די באשטעלונגען און געלד כדי עס איבערציגעבען איהר מאן אברהם, אויסצי־פירען אלעס פינקטליך. געווען אשיינע ערליכע שטילע שטיב.

וונגרובסקי יהודה

אשתו: זעלדה.
בניו: רפאל, יצחק.
בתו: מלכה.



זעלדה וונגרובסקי לבית איגלינסקי ובעלה יהודה

זעלדה וועגגרובסקי, די טאכטער פין די משפחה איגלינסקי, האט חתונה געהאט מיט איהר מאן יהודה און האבען געוואוינט אין וולאצלאוועק, פין פאך איז ער געוועזן אזאטלער. ער האט שווער געארבייט אויסציהאלטן די משפחה, די פרוי מיט דריי קינדער. פינדעסטוועגן האבען די קינדער באקומען אגיטע ידישע ערציהונג. ער איז געוועזן אגיטהערציגער מענש, אוואוילער ייד און איז געוועזן באליבט פין די שכנים און באקאנטע.

ריבינסקי שמעון

אשתו: הינדה.

די משפחה איז געוועזן באקאנט אלס דער פעטער שמעוניע און די מומע הינדעיע. זייערע קינדער זיינען שוין געוועזן פארהייראטע, און דאס אלטע פארל האט געזארגט צו קויפען מתנות פאר די אייניקלעך. אויף די עלטערע יאהרען זענען זיי געווארען אינטערשטיצט פין זייערע קינדער. עס איז געוועזן אפרומע שטיב און זיי האבען געפירט אשטיל באשיידען לעבען.

פראנקנשטטיין לייב

אשתו : בריינע.
בנו : מרדכי.
בתו : פריידה.

אין דער צווייטער העלפט פון דעם הויז ווי עס האט זיך געפינען די חברה תהילים האט געוואוינט לייביע פראנקענשטיין מיט זיין פרוי בראנביע, מיט צוויי דערוואקסענע קינדער, אזון און אטאכטער. ער איז געוועזן אדארף גייער און זיין פרוי האט געהאנדעלט מיט מילך, קעז און זויערע מילך. זי איז געוועזן אין דער חברה קדישא פון די פרויען. זעהר פשוטע מענשען, געוועזן אבעלבתישע שטיב. אין די אווענטן פלעגען זיך אין זייער שטיב ציזאמען קומען אטייל פון דער יוגענט, טרינקען אגלאז מילך אדער זויער מילך און כאפען אשמועס.

הגב׳ טאובה יכימוביץ
אלמנת ר׳ מאיר לייב

בניה : שמואל הערש. אשתו : שרה.
בנם : מאיר לייב ; בתם : חנה.
בניה : איזיק ואשתו ; בתם : מיכל ;
בנם : שלמה.
בניה : מרדכי ; אשתו : פרידה בלה.

טאובה יאכימוביץ איז געוועזן אפרומע פרוי. אין דער צייט פון די נאצי אקופאציע האט זי פיעל געהאלפען פאר די אזוי פיעל ליידענדע יידען, ווען די אפיציעלע בתי תפילה האבען שוין נישט מער עקזיסטירט. די שול איז שוין געוועזן פארברענט, דאס בית המדרש איז געוועזן פארנומען פון די נאציס און פארוואנדעלט אין אשניידער שאפ. דאן האט די פרומע און גיטע פרוי טאובה יאכימאוויץ, מיט סכנה און מסירות נפש, איבערגעגעבען איהר קליינע וואנונג פאר די יידען צים דאווענען, איינשטעלענדיג דערביי איהר לעבען. אליין געלעבט אין ארעמקייט, אבער מיט דעם ביסעל וואס זי האט געהאט, האט זי געהאלפען אנדערע. איהר טאכטער מאניע הימעל לעבט אין ישראל.

פישר משה

אשתו ושתי בנות

די משפחה פישער איז געקומען קיין פשייטש בערך אין 30־סטן יאהר, זייא האבען געלעבט אין הויז ביי טראווינסקי אין די זיאביע גאס וואס האט געפירט צום יעדז'ער, משה פישער איז געוועזן אפרומער ייד און פארנומען זיך מיט גארבעריי און האנדל מיט לעדער. זיין פרוי מיט זיין זון יעקב בער וועלכער לעבט יעצט אין אמריקא האבען איהם געהאלפען ביי דער ארבייט. זיי האבען געפירט אשטיל בעלבתיש לעבען. די צוויי טעכטער זענען געוועזן גיט ערצויגענע קינדער.

פשעדעצקי צעריע

אחותה : שרה פיעז'אק

אין דעם לעצטען הויז פין דער שול גאס וועלכעס האט געהערט צי דעם קריסט נאוואקאווסקי, אויבען אין אדאך שטיבעל, האבען געוואוינט צוויי שוועסטערן, די בלינדע צעריע מיט איהר שוועסטער אנ'אלמנה, וועלכע האבען געצויגען פרנסה פין פארקויפען פיש. זייערס אברודער מיט זיין פאמיליע האט געוואוינט אין וולאצלאוועק. דער זין פין דער אלמנה פין פאך אשניידער אוואילער און אינטיליגענטער יונגערמאן אין אנפאנג פין די צוואנציגער יאהרען איז ער אוועק נאך רוסלאנד. די צוויי שוועסטערן האבען געפירט אשטיל בעשיידען לעבן, געוועזן ווייניג באקאנט אין שטעטל.

זומר חיים

אשתו גוטא.

בניו : נחמן, אברהם.

זומר חיים, אמאל געוועזען אאיד אגביר, אתבואה סוחר, געפירט אברייט נגידיש הויז, אאפענע טיער פאר ארעמעלייט. געטיילט נדבות און קליידונג, ער איז געוועזן אגיטהארציגער ייד. דערנאך איז ער ליידער געווארען איורד, אגרויסער ארימאן, נישט האבענדיג וואס צו טוהן איז ער געזעסן גאנצע טעג אין שכנותדיגען בית המדרש ווי איינער פין די עשרה בטלנים, דערציילט מעשיות, געטראכט, געשמייכעלט, ער האט געהאט אפרוי מיט צוויי זיהן, אינטעליגענטע יונגעלייט.

ד״ר דיאמנט אברהם

אין דעם הויז פון חיים זומר האט געוואוינט דער יידישער דאקטאר אברהם דיאמענט. אפיינער איידעלער מאן. ער האט זיך געפילט ווי אנ׳אייגעבוירענער פשייטשער. ליב געהאט די יידישע באפעלקערונג און מיט אלע כוחות געשטרעבט יעדען צי העלפען און היילען. ער איז געווען דער קולטור טרעגער פון אטייל יידישער יוגענד און סימפאטיקער פון דער לינקער ארבייטער באוועגונג. זעהר אפט האט ער געהאלטען פארלעזונגען, מעדיצינישע און קולטורעלע, אין דער פאלקס-ביבליאטעק, וועלכע זענען געווען אינטערעסאנטע.



ד״ר דיאמנט אברהם

סקאווראנסקי פרימיט — אלמנה

בנה: ישראל לייב.

בנותיה: אסתר גיטל, איטה, מאשה.

מיר קומען צוריק אין דער ווארשאווסקי גאס, אדער ווי מיר יידען האבען זי גערופען די בית המדרש־גאס, אויף דער רעכטער זייט אין ווינקעל ווי מען גייט ארוף צים יעדז'ער האט געוואוינט די אלמנה פרימיט מיט איהרע פיער קינדער, אזון מיט דריי טעכטער, זיא איז געווען די אלמנה פין דעם חסידישען ייד און תלמיד חכם ר' אברהם הערש סקאווראנסקי ז"ל. ער איז געווען אמלמד אין דער ישיבה פין הרב זעמעלמאן און איז יונגערהייט געשטארבען, בעת ער האט געדאווענט אין בית המדרש צווישען מנחה און מעריב איז ער ציזאמען געפאלען און מען האט איהם אהיים געטראגען שוין אטויטען. זי האט זיך דאן געמאכט אשפייז געוועלבל און קוים זיך פין דעם מפרנס געווען, זיא האט געהאט זעהר אגעראטענעם זון ישראל לייב. און זייער טאכטער אסתר גיטל איז געווען אנייטארען אין צי געהאלפן צי דער פרנסה. עס איז ביי זיי געווען זעהר אפרומע שטיב און געלעבט זעהר אשווער לעבען.

זיעלינסקי זלמן

אשתו: פולה.

בניו: אברהם, דוד, יוסף, ראובן.

זלמן זיעלינסקי מיט זיין פרוי פולה, און 4 זון. עס איז געווען איינע פין די הארעפאשנע משפחות אין שטאט. צי וועלכע פרנסה ער האט זיך גענימען איז איהם נישט געלונגען, שווער גערבייט ביז שפעט ביינאכט און זעהר באגרע־ניצט געלעבט, זלמן איז געווען אשניידער, האט זיך איבערגעווארפען צו האנדעל אין די דערפער, געדונגען סעדער. אין די לעצטע יאהרען פאר דעם קריג געווען אטרעגער ביים תבואה סוחר יהושע זיכלינסקי, זעהר אפט פלעגט מען איהם זעהען זיצען אויף די טרעפ פין לייזר זיכלינסקיס הויז און ווארטען אויף ארבייט צוזאמען מיט קריסטליכע טרעגער, דאס איז איינס פין די כאראקטעריסטישע בילדלעך פין די קליינע שטעטלעך אין פוילען.

פין די יידישע בעל בתישע משפחה איז קיינער נישט געבליבען.

זיכלינסקי יוסף

אשתו: שיינה.

בניו: יעקב, יהודה, חיים.

זיכלינסקי יוסף, געפירט אהיטלמאכער ווארשטאט אויך געהאלטן אגעהילף צי דער ארבייט, און די סחורה פאקויפט אויף די מערק, געווען ארעליגיעזער און באוואוסטזיניגער מענש, פיעל מאהל פלעגט מען איהם זעהן זיצען אויף די הויכע טרעפן פאר זיין הויז און לייענען אצייטונג געווען אשיינע בעל־בתישע שטיב און די קינדער ערצויגען אין יידישען און נאציאנאלען גייסט. זיין פרוי שיינה די טאכטער פין ישעיה זיעלינסקי, איז געווען אנ׳אינטיליגענטע באלעזענע פרוי, אגוטהערציגע, פיעל געשטיצט די יידישע וואוילטעטיגע אינסטיטוציעס, און ביי זיי איז געווען אנ׳אפענע שטיב פאר ארעמעלייט. זייער טאכטער גאלדע היינט גראבינסקי וואוינט אין ישראל.

חודעצקי לייב

אשתו: שרה ראצה.

בן: מרדכי.

בת: אסתר.

כאדעצקי לייב געוואוינט אין זעלבן הויז. אדארפסגייער, אבאוואוסטזיניגער מענש, געווען אין דער פארוואלטונג פין דער פאלקסביבליאטעק און אויך אמיטגליד אין דראמאטישן קרייז. אין די 20־גער יאהרען ווען עס האט זיך געשאפן די חלוצישע באוועגונג, און זיי האבען געמאכט אהכשרה פונקט אין גארטען פין חיים זומער. ביי ערד ארבייט און פלאנצען איז ער געווען איינער פין די גרינדער. אין דער צייט פין די נאציס אין לאגער אין אינברוצלאוו האט ער שווער געארבייט ביי די באן און איז אומגעקומען צווישען צוויי וואגאנען וועלכע האבען אים צעדריקט. אויך זיין פרוי שרה ראצה איז געווען טעטיג אין דער ביבליאטעק, זי אין אומגעקומען מיט די צוויי קינדער אין חלמנו.

פראכובסקי אברהם אליה

אשתו: דבורה.

בנותיו: גוטשה, מאטיל.

פראכאווסקי אברהם אליה. געפירט אשנײדער װארשטאט און געהאלטן מענשען צי דער ארבייט. אויך ער האט פארקויפט די אויפגענייטע סחורה אויף די מערק. ער איז געװעזן אפערמעגליכער מענש אבער לײדער זײן הויז האט באקומען קלעפ, זײן פרוי דבורה איז פלוצים געשטארבען אויף אהארץ אטאק, און נאכהער אויך זײן יינגסטע טאכטער מאטיל. ער איז געװעזן אמענש װאס האט זיך נישט ליב געהאט אפציזינדערן פין ציבור נאהר געמישט זיך אין די קהילישע ענינים. געװעזען אויך אמאל אדאזאר און די צעטעלעך צי שעכטען עופות אין דעם דערנעבענדיגען שעכט־הויז האט מען געקויפט בייא איהם, ער איז אויך געװעזן גבאי אגעװיסע צײט אין שוהל.

טשאנסקאװסקי אברהם

אשתו: רחל.

בניו: בנימין, שלמה, משה.

בנות: טאבצ׳יה, חיה.

די משפחה טשאנסטקאװסקי, דער ראש המשפחה אברהם איז געשטארבען אין 1932. געבליבען איז די אלמנה מיט דרײ זוהן און צוױי טעכטער. יעדער פין זײ איז געװעזן אנדערש געשטימט און אקטיװ, יעדער אויף זײן געביט. בנימין און שלמה זענען געװעזן אין דער באװעגונג פין נאדל פאראײן. משה, אחבר אין דער צעירי מזרחי באװעגונג. אקטיװ פארן „,,קרן־קימת" און אויך געגרײט זיך עולה זײן קײן ארץ ישראל. ער איז אויך געװעזן אין אהכשרה פונקט אבער נישט זוכה געװעזן עולה צו זײן. די טאכטער חיה אקטיװ אין בית״ר. די גאנצע משפחה זענען געװעזן זעהר אינטעליגענטע און באװאוסטזיניגע מענשען.

משפחת לוין

אב :	שלום.
אם :	יוכבד.
בן :	גבריאל וולף.
בת :	שיינה פייגה.
בן :	משה יחיאל.
בת :	אסתר.
חתנם :	יחיאל מאיר היימן.
אשתו :	פריידה ליבה, מבית לוין.
בתם :	הינדה שיינה.

קיקענדיג אויפן לעבען פין איין משפחה אין א קליין פויליש שטעטעל איז מען זיכער געווען אז עס לעבט זיך זיי אהן דאגות. ווי דען אנדערש, דיא גאנצע פאמיליע איז באשעפטיגט, דער פאטער אחשובער ייד, אלמדן, ער גיט לעקציעס, לייענען און שרייבען אין דיא שפראכען: ידיש, פויליש, דייטש און רוסיש. ער לערנט מענשען שרייבען בריוו און אדרעסען נאך אויסלאנד, און אויך אין לאנד פאר די פארשטייט זיך וואס קאנען די מלאכה נישט אליין, דערוואקסענע בחורים באקענט ער מיט דיא קליינע אותיות. דאס הייסט ער פירט זיי אריין אין דיא טיפענישען פין דיא ידישע חכמה, ער ארבייט גלעזעריי, די פרוי העלפט אים צו, דיא עלטסטע טאכטער איז א שניידערין. זי האט פיעל ארבייט, דער עלטסטער זין האנדעלט אויף ירידים מיט גאלאנטעריע. דער יונגערער זין איז אשניידער, דיא צווייטע און דריטע טאכטער ארבעטען מיט דיא עלטסטע אלס שניידערינס, דער יונגסטער זין ארבייט מיט דיא עלטערן גלעזעריי, אלע זענען זיי באשעפטיגט. אבער מיט פרנסה איז געווען זעהר שוואך, ווייל דיא ארבייט אין געווען ביליגער ווי דאס לעבענס מיטל, און נישט סטאביל. דער ייד איז געווען באהאוועגט אין ידישע און פרעמדע קלאסישע ליטעראטור. ער איז געווען אליבהאבער פין געאגראפיע, ער האט זעהר פיעל געקענט און געוויסט, אבער קיין פארדינער איז ער נישט געווען. געשטארבען אין סוף 1931. דיא עלטסטע פארהייראטע טאכטער האט געוואוינט אין קולו, אלע דריי זין און דיא יינגסטע טאכטער זענען געווען אקטיוו ארגאניזירט אין דיא לינקע אומלעגאלע ארבייטער באוועגונג. פין די גאנצע משפחה איז לעבען געבליבען דער יינגסטער זין יצחק וועלכער וואוינט אין ישראל.

פרלמוטר יהודה

אשתו : חיה.

בנותיו : גוטשה, טריינה.

אחיו : אליהו.



משפחת פרלמוטר יהודה

פערלמוטער יהודה, אסוחר, געהאנדעלט מיט שניט סחורה, און נאכהער געהאט אשפייז געוועלב. אין די לעצטע יאהרען פארן קריג איז ער אוועק וואוינען אין קלאדאווע. זיין זון אליעזר איז געקומען קיין ארץ ישראל אין יאהר 1934, ער האט דא געהייראט און געוואוינט אין ירושלים. ער איז געוועזן אין דער יידישער בריגאדע ביים ענגלישען מיליטער און אין דער צייט פין יידישען באפרייאונגס קריג האט ער באגלייט די טראנספארטען פין עסען פין תל אביב קיין ירושלים, און איז געפאלען אויפן וועג פין אנאראבישען אנגריף אויף זיין טראנספארט. דיא אלמנה מיט די קינדער וואוינען אין ירושלים. יהודה פערלמוטער איז געוועזן אשיינער ייד, אדאזאר, און אויך אגעוויסע צייט געוועזן גבאי אין בית המדרש. אויך געוועזן אבעל צדקה, און זיין שטיב איז געוועזן שטענדיג אפען פאר נויטבאדערפטיגע.

אש לייבוש יוסף

אשתו : בינה.

אש לייביש יוסף מיט זיין פרוי האבען דא געפירט אגעוועלב פין גלאז און קיך געשיר, אהייסער ציוניסט, ארעדנער, און אכלל טיער, טעטיג אין דער מזרחי באוועגונג, און פין דער בלוי ווייסער „קרן קימת״ פושקע. אפיין געפוצטער ייד מיט אעסטעטישן אויסזעהן. די יוגענד ארגאניזאציעס „,,צעירי מזרחי״ און „השומר הדתי״ האבן אין איהם געפינען דעם געהעריגען מנהיג און וועגווייזער. זיין פרוי בינה האט איהם פיעל ציגעהאלפען אויף דעם געביט.

פראנק מירל


מירל פראנק, אאיינזאמע פרוי אין די 20־גער יאהרען האט זיא דארט געהאט אשולע ווי כמעט אלע קינדער פין שטעטל האבען ביי איהר געלערנט. זי איז געוועזן אגיטע לערערין. זי איז געשטארבען נאך אין די 20־גער יאהרען, נאכדעם האבען זיך אין איהר וואוינונג אריין געצויגען איהרע קרובים די משפחות אש און טשאנסטקאווסקי אברהם.

פשעדעצקא מרים לאה

פשעדעצקי מרים לאה, אנאיינזאמע פרוי געהאנדעלט אין די דערפער מיט אביסעל גאלאנטעריע און געברענגט דארף פראדוקטן צי פארקויפען אין שטאט. אשטילע פרומע ארעמע פרוי.

בילבסקי מענדעל וואלף

אשתו : **הענה שרה.**
בנותיו : **בריינה, באלציא.**
בנו : **לייבל.**



בילבסקי הענה שרה,
בילבסקי בלומה ראצה



האחים :
בילבסקי ליפמאן, בילבסקי מנדל וולף

בילבסקי מענדעל וואלף, אבעקער. געוועזן אערליכער ייד און אהייסער סימפאטיקער פון דער מזרחי באוועגונג. פיעל יאהרען גבאי אין בית־המדרש אוז אמיטגליעד אין דער באנק פארוואלטונג. אבעל צדקה און אבעל גמילות חסד. זיין פרוי הענה שרה האט איהם פיעל ציגעהאלפען אין זיין פילאנטראפישע טעטיגקייט, אין ערציאונג פון דיא קינדער אין רעליגיעז נאציאנאלען גייסט. זייערע זוהן זענען געוועזן טעטיג אין דער צעירי מזרחי באוועגונג, זייער טאכטער בריינה אמיטגלידערין אין דער בית"ר ארגאניזאציע. מענדעל וואלף בילבסקי, זיין פרוי הענה שרה, זייערע טעכטער בריינה, באלציא, זייער זוהן לייבל, זענען אימגעקימען דורך די נאציס אין די קאזימיערזער וועלדער.

זייער זון משה מיט זיין פרוי ליבה האבען עולה געוועזען קיין ארץ ישראל אין יאהר 1933, זייער זוהן יוסף חיים נאך דעם ווי ער איז ניצול געווארן פון היטלירישן גיהינם, האט עולה געוועזן אין יאהר 1949.

בילבסקי פנחס אהרן

אשתו : צפורה.

בתו : פריידה רחל.

בניו : בער, משה הערש.

אין דער דייטשער גאס נאכן מאגיסטראט האט געוואוינט פנחס אהרן בילבסקי, אבעקער. אין יאהר 1928 האט זיך דיא פאמיליע איבערגעצויגען נאך סאמפאלנא און דארט געפירט אגרויסע בעקעריי. דיא פאמיליע האט געפירט אשיינע בעל בתישע שטיב און געווען פין דיא אנגעזעענסטע בירגער אין שטעטעל, פנחס אהרן איז געווען טעטיג אין קהילה אינסטיטוציעס, ספעציעל אין חינוך אנשטאלטען. זיין פרוי צפורה וועלכע האט געשטאמט פין בורדובי איז געווען אשיינע און קלוגע פרוי. זייערע קינדער האבען באקימען אטראדיציאנעל נאציא־נאלע ערציאונג. פנחס אהרן בילבסקי, זיין פרוי צפורה, זייער עלטסטע טאכטער פריידה רחל וואס האט געהייראט קורץ פארן קריג, זייערע צוויי זוהן בער און משה הערש, זענען אימגעקימען דורך די נאציס.

זייער עלטסטער זוהן אברהם שמחה, נאך דעם ווי ער האט דורכגעמאכט דיא שרעקליכע מלחמה יאהרען אין דיא דייטשע לאגערן, איז עולה געווען קיין ישראל אין ענדע יאהר 1949.



בילבסקי מנדל וולף
בנו : לייבל
בתו : בלצ׳ה
בילבסקי פנחס אהרן
בנו : מוניעק

בילבסקי ליפמן

בתו: שרה יהודית ומשפחתה.

ר׳ ליפמן בילבסקי, איינער פון די עלטסטע בעלי בתים אין שטעטעל פון פאך אשניידער, אפרומער ייד. אין אנהויב פון די דרייסיגער יאהרען איז ער אוועק וואוינען קיין סאמפאלנא ווי עס האט געוואוינט זיין טאכטער חנה ביאלא־גלאווסקי מיט איהר פאמיליע. ר׳ ליפמן האט געהאט 2 זוהן און 3 טעכטער פאר הייראטע, און אייניקלעך. פון די משפחה זענען געבליבען 2 אייניקלעך וועלכע לעבען אין אמריקה.

דאניעלסקי מאניה — אלמנה

בניה: לוי, איטשע.

מאניע דאניעלסקי, אנ׳אלמנה געפירט אגרויסען שוסטער ווערקשטעל. געוועזן ארייכע בעל בתישע פאמיליע און אנ׳אפענע שטיב פאר נויטבאדערפטיגע, בכלל די מידה פון צדקה און גמילות חסד איז געוועזן ביי איהר פון די טאג טעגליכע טאטען. איהרע זון און טאכטער זענען געוועזן באוואוסטזיניגע מענשן, און אלע זענען געוועזן ציוניסטיש געשטימט. איהרע דריי זון משה הערש, מרדכי וואלף און זלמן לעבען אין אמעריקא.

טאפינסקי פסח

אשתו: שרה.
בתם: חיה.

טאפינסקי פסח מיט זיין פרוי שרה, אטאכטער פון מאניע דאניעלסקי, און אשוועסטער פון משה הערש, זלמן און מרדכי וואלף וועלכע לעבען אין אמעריקה. ער איז געוועזן אלעדער סוחר, און אמענש מיט אגיט יידיש הארץ, האט זעהר פיעל געטיען פאר ארעמע און נויט באדערפטיגע, ביי איהם איז געוועזן אנאפענע טיער פאר יעדען ליידענדען. אויך זיין פרוי שרה איז געוועזן באקאנט מיט איהר גיט הארציגקייט. זייער טאכטער חיה האט באקומען אטראדיציאנעלע ערציהונג.

ריבינסקי נחום — אלמן

ומשפחתו

ריבינסקי נחום, אשניידער, געווען אגעפיצטער ייד מיט אשווארץ בערדל, אשטענדיגער מתפלל אין בית המדרש, צווישן מנחה מעריב האט ער געפלעגט צי דערציילען די נייעסען פין טאג, און דערביי געפירט אווכוח מיט אנדערע. געווען אקליגער און באוואוסטזיניגער מענש אבער זעהר ארעליגיעזער, פין צייט צי צייט האט ער ליב געהאט צי דאווענען פארן עמוד.

דאניעלסקי יעקב

אשתו : ברײנה.
ומשפחתו

דאניעלסקי יעקב, פין פאך אשיסטער, ער איז געווען דער זין פין מיכאל דאניעלסקי און אאיידעם פין נחום ריבינסקי. ער האט געהאט אווערקשטעל און די סחורה פארקויפט אויף די מערק. ער איז געווען ארעליגיעזער ייד, געדאווענט האט ער אין שיל, אבעל צדקה, און אויך אינטערעסירט וואולטעטיגע אינסטיטוציעס. אשטילער און וואוילער ייד, אויך זיין פרוי ברײנה איז געווען אוואוילע פרוי מיט אגוט יידיש הארץ.

דאניעלסקי לוי

אשתו... ומשפחתו.

דאניעלסקי לוי דער זיהן פון מיכאל דאניעלסקי, אשוסטער און אשותף פין דעם שוסטער ווערקשטעל פין זיין ברודער יעקב. אויך ער ווי זיין ברודער איז געווען ארעליגיעזער און באוואסטזיניגער מענש, אויך ער האט געדאווענט אין שוהל, אבעל צדקה און מכניס אורחים. ער איז געווען אסימפאטיקער פין דער ארבייטער באוועגונג און אינטערשסיטצט זייער טעטיגקייט.

זיכלינסקי שמשון

אשתו : ...
שני ילדים.

זיכלינסקי שמשון פין פאך אקאמאשען שטעפער, אהייסער ציוניסט, אסימ־פאטיקער פין דער מזרחי באוועגונג. ער איז געוועזען איינער פין די מיטגרינדער פין דער פאלקס ביבליאטעק. ער מיט זיין פרוי און די צוויי קינדער וועלכע מיר געדענקען נישט ליידער זייערע נעמען זיינען אימגעקימען אין חלמנו.

קלאדאווסקי קיילה — אלמנה

בנה : אברהם.
אשתו : וילדיו.

קלאדאווסקי קיילה האט געהאנדעלט מיט איבערגעטראגענע מלבושים און ציגעהאלפען איהר זיהן אברהם אין זיין האנדעל מיט לעדער און פעלעכלער. זי איז געוועזען אכלל־טועדין, געקענט יעדע שטיב אין שטעטעל און געוויסט זייערע נויט באדערפנישען. און טראץ איהרע באגרעניצטע מעגליכקייטען האט זי געהאלפען מיט וויפיעל זי האט געקאנט. איהר זיהן איז געוועזען אשטילער און וואוילער מענש.

קלאדאווסקי הערש לייב

אשתו : לאה.
וילדיו :...

דא האט אויך געוואוינט הערש לייב דער צווייטער זיהן פין קיילה. אהיטעל־מאכער. ער איז געוועזען פין דער נאטור אפריילעכער, אטראדיציאנעלער ייד. א איידעם פין לייב קלאדאווסקי. ער איז געוועזען מיטגליעד אין דער פאלקס ביבליאטעק, אויך אין דראמאטישן קרייז, אויך זיין פרוי לאה איז געוועזן טעטיג אין דראמאטישען קרייז ביי דער ביבליאטעק. אין זייער שטיב איז שטענדיג געוועזען פריילעך. זעהר אפט האט מען דארט געהערט זינגען יידישע פאלקס לידער.

זיעלינסקי אליהו

אשתו : רעכיל.
בנו : שמואל.
בתו : פריידה.

זיעלינסקי אליהו, אשנײדער װעלכער איז געפארען מיט זײן אויף גענײטע סחורה אויף די מערק, אפרומער ייד, געדאװענט אין דער חברה תהילים, און געװעזן אײנער פין די װעלכע האבען געהאלפען צוריק אויף בויען די חברה. ער איז געװעזן אכלל טיער און אויך אגעװיסע צײט דאזאר אין די יידישע קהילה. געװעזן אשײנע בעל בתישע שטיב און די קינדער האבען באקומען זעהר אפײנע ערציהונג, און זײ זענען טאקע געװעזן געראטענע מענשען באװאוסט־זיניגע, געװעזן אקטיװ אין דער פאלקס ביבליאטעק און אין דראמאטישען קרײז. אין די צװאנציגער יאהרען האט ער געפרובט זײן מזל צו פארן קײן בראזיל און אזוי ארום זיך אויסציבעסערן זײן מאטעריעלע לאגע, אבער לײדער האט ער דאס נישט באװיזען צי מאכען, און צוריק געקומען, און װידער אויפגעבויט זײן שנײדער װערקשטעל, פין פריער.

פארדאנסקי הערש

אשתו : אסתר.
בניו : אריה לייב, יעקב.
בנותיו : מאלה, דבורה, שרה.

פארדאנסקי הערש, אײד אלמדן, אפרומער, אבאװאוסטזיניגער און באלע־זענער מענטש. מיט אשײנעם עסטעטישען אויסזעהן, אין דער צײט װען עס האט עגזיסטירט אין שטאט דאס גערער שטיבעל, איז ער געװעזן אײנער פין זײערע מתפללים, אין די צװאנציגער יאהרען האט ער געהאט אגרויס גאלאנטעריע געװעלב, אין װעלכן עס איז געװעזן באשעפטיגט די גאנצע פאמיליע, און געפירט אבעל בתישע שטיב, געװעזן אנדבן און בעל צדקה, און אויך זײן פרוי אסתר איז געװעזן באקאנט אלס אינטערשטיצערען פין נויטבאדערפטיגע, אבער לײדער דורך די גרויסע שטײערן האט ער געמיזט ליקװידירען דאס געשעפט, און געלעבט נאהר פין דעם װאס די קינדער האבען געארבײט און פארדינט. די קינדער האבען באקומען אגיטע ערציהונג, זײ זענען געװעזן אלע באװאוסטזיניגע און אינטיליגענטע מענשען, דער יינגסטער זוהן יעקב איז געװעזן אמיטגליד אין דער שומר הדתי באװעגונג.

זיעלינסקי ראובן

אשתו: צפורה.

בנו: איסר.

בתו: חנה.

זיעלינסקי ראובן דער זין פין אליה זיעלינסקי ז"ל און זיין פרוי צפורה די טאכטער פין איסר מארגענשטערן ז"ל. זיי זענען געוועזן ארבייטס מענשען, פון פאך אשניידער, טעטיג געווען אין קולטורעלען לעבען פין שטאט. חברים אין דער ארבייטער באוועגונג. אין די יאהרען קורץ פארן קריג זענען זיי אוועק וואוינען אין לאדז׳.



זיעלינסקי ראובן ואשתו: צפורה לבית מורגנשטרן

מארגענשטרן רחל — אלמנה

בניה: שלמה, שאול, אריה, זיסקינד.

בנותיה: פולה, הינדה לוטקה.



מורגנשטרן שלמה

מארגענשטערן רחל, אנאלמנה, אין ווינקעל פין מארק פין דער דייטשער גאס און מאגיסטראט האט זי געוואוינט מיט איהרע קליינע קינדער, אין דא האט זי געהאט אגאלאנטעריע געוועלב. זי איז געוועזן די אלמנה פין ר' איסר מארגענשטרן ז"ל וועלכער איז געשטארבען אין די 20־גער יאהרן אין טאג פין יום כפור, און זי איז געבליבען מיט קליינע קינדער. זי האט שווער געארבייט כדי אויסצוהאלטען די משפחה און זיי צו ערציען. זי איז געוועזן זעהר אוואוילע פרוי, אפרומע און געשטיצט ארעמע נויטבאדערפטיגע מענשען. זי האט ערצויגען איהרע קינדער אין נאציאנאלען רעליגיזיעזען גייסט. איהר זיהן ישכר וועלכער האט אדורך געמאכט דעם שווערן היטלערישען גיהינם מיט די צוואנגס ארבייטס לאגערן איז געבליבען פין די גאנצע פאמיליע און לעבט אין אמעריקא.

ווישניבסקי שמחה

אשתו: צעריה.

בנותיו: יטה, מלכה, קיילה.



ווישניעווסקי צעריע אשת שמחה

ווישניעווסקי שמחה, אשנײדער, ער איז געווען אײנער פין די ברודער ווישניעווסקי, וועלכע זענען אלע געווען גיטע זינגערס און משוררים ביים אלטען חזן ר׳ שבתי קוטעק ז״ל. און נאכהער די משוררים פין שוחט ר׳ שמואל ימניק ז״ל וועלכע האבען צו געהאלפען מיט זײער כאר און שײנעם זינגען ביי די תפילות פין די ימים נוראים און אנדערע ימים טובים אין דער שוהל. שמחה איז געווען אפרומער ייד, באוואוסטזיניג און באלעזען. ער איז געווען פין דער נאטור אפרײליכער און ליב געהאט צי זאגען גיטע און שײנע ווערטלעך. אין די דרײסיגער יאהרען האט ער זיך איבער געצויגען קיין סאמפאלנע, אויך דא האט ער געפירט זיין שנײדער ווערקשטעל. צוזאמען מיט אלע סאמפאלנער יידען איז ער געשיקט געווארן אין די פאזנער לאגערן און דארט אומגעקומען. זיין פרוי צעריע האט איהם צי געהאלפען אין דער פרנסה, געהאלפען נײען, און אויך צי געהאנדעלט מיט גארען און קנעפ. אויך זי מיט די קינדער זענען אומגעקומען פין די נאצי מערדער.

יוסף רוזנברג
אשתו: לאה (דאניעלסקי)
אחותה: ...

נחום דניעלסקי
אשתו: ... ומשפחתו.

אין אנאייגען הויז האבען געוואוינט די צוויי שוועסטערן דאניעלסקי. איינע פין די צוויי שוועסטערן האט חתונה געהאט, און איהר מאן יוסף רוזענברג האט געהאט אשוסטער ווארשטאט. ביי זיי האט זיך ערצויגען נחום דאניעלסקי אזיהן פין מיכאל דאניעלסקי, אלס קינד איז נחום געווארען איתום פין זיין מוטער און די צוויי שוועסטערן האבען איהם ערצויגען, און נאכהער וועג ער האט שוין חתונה געהאט האט ער זיך איבערגעצויגען קיין סאמפאלנע. נחום איז געוועזען אנאינטילי־גענטער און באלעזענער מענש, אקטיוו אין דער לינקער ארבייטער באוועגונג. פין פאר אשניידער, ער איז געוועזען איינער פין די ארגאניזאטארען פין די אידישע לעקציעס, לעזן און שרייבען, פין דעם נאדל פאראיין. ער האט אויך געהאלטן פארלעזונגען און רעפעראטן פין די היסטאריע פין דער ארבייטער באוועגונג.

פערלה מרדכי יהושע

אשתו: חנה.
בניו: פנחס, מאיר.

פערלע מרדכי יהושע, אייד אלמדן, ער איז געוועזן מחנך אין דער ישיבה פין הרב זעמעלמן, אגרויסער תלמיד חכם און גוטער בעל מסביר, שטענדיג געוועזן שיין געקליידעט און מיט זיינע תלמידים האט ער געלערנט גמרא און פוסקים איינס פין די העכסטע למודי קודש. זיין באציהונג צי די תלמידים איז געוועזן אפאטערליכע און נישט ווי סתם אלערער. און אלע אין שטאט האבען געהאט פאר איהם רעספעקט, און עס איז געוועזן אכבוד צי זיין זיינס אתלמיד. פאר די מלחמה יאהרען איז ער אוועק וואוינען אין קאליש און האט געלערנט מיט די תלמידים אין דער ישיבה פין ר׳ זלמן יאנקילעוויטש ז״ל, וועלכער איז נאכהער עולה געוועזן קיין ארץ ישראל און געוועזן חבר הכנסת מיטן נאמען בן יעקב, פין דער אגודת ישראל פארטיי.

די צוויי זיהן פין ר׳ מרדכי יהושע פערלע האבען געלערנט אין דער ישיבה, און האבען געשמט אלס שארפע קעפ.

בורנשטיין טוביה

אשתו: מלכה.
בניו: יעקב, זעליג, הערש, יצחק.
בתו: טאובה.

בורענשטיין טוביה, געהאנדעלט מיט אלטע זאכען, שמאטעס, אייזען, קיפער, מעש און פערשידענע סחורות אפפאל, געפארען אין די דערפער, איינגעטוישט טעלער, גלעזער, שפילצייג אויף די אלע אלטע זאכען, אדער פאר געלד. ער האט זעהר שווער געהארעוועט אויף צי בעשפייזען די גרויסע פאמיליע זיינע. ער איז געוועזן ארעליגיעזער ייד ווי דער רוב יידען אין שטעטל, עס איז געוועזן אשיינע בעל בתישע שטיב. דריי פון זיינע קינדער, יצחק, יעקב און זיין טאכטער טאובע, זענען געוועזן טעטיג אין נודל פאראיין. ווען די קינדער זענען שויך אינטערגעוואקסען, האבען זיי צי געהאלפען צי דער פרנסה, און זייער מאטער־יעלער מצב האט זיך פארבעסערט. איין זיהן יוסף איז געבליבען לעבען, און האט געוואוינט אין פשייטש ביז צי די זעכציגער יאהרען, און דאן אויסגעוואנדערט.

רוסק משה אהרן

אשתו: רחל.
בנותיו: שרה יהודית, אסתר, רויזה.
בנו: כתריאל.

רוסאק משה אהרן, ער איז געוועזן דער סעקרעטאר פון דער יידישע קהילה. אשיין געפיצטער ייד, אהייסער ציוניסט, אמזרחי כלל טוער און אגוטער רעדנער. באוואוסטזיניג און באלעזען, אזוי האט ער אויך ערצויגען זיינע קינדער, זיין זיהן וולף אחבר אין איינער פון דיא גרינדער פון דער „צעירי מזרחי" ארגאניזאציע איז געוועזן אויף הכשרה און נאכהער אין יאהר 1934 עולה געוועזן קיין ארץ ישראל. אויך פאר איהם איז געמאכט געווארען אגעזעגונגס אווענט אין פייערלעשער זאל צו זיין עולה זיין. ר' משה אהרן איז דאן געוועזן פיל מיט האפנונג אז אויך ער און זיין פאמיליע וועלען מיט דער צייט זוכה זיין צו קימען קיין ארץ ישראל. אבער ליידער נישט זוכה געוועזן. דא אין לאנד האט זיך וולף פרייוויליג מאביליזירט אין דער יידישער קאמפס־בריגאדע ח.י.ל. און ציזאמען מיט דיא ענגלענדער געקעמפט אויפן איטאליענישן פראנט און דארט געפאלען, זייער טאכטער צעשא וואוינט אין ישראל פון 1935 און זיין זיהן ישראל ז"ל האט אדורך געמאכט די מלחמה אין רוסלאנד ביי זעהר שווערע באדינגונגען. איז געקימען נאכהער קיין ישראל און דא געשטארבען.

האלטריכט גרשון לייזר
אשתו: לובה
בניו: איציק מרדכי, ירחמיאל נח
בנותיו: ינטה גיטל, שרה ניחה,
חנה קיילה.



האלטריכט גרשון לייזר

יעצט קומען מיר צו צי באשרייבען די יידן וועלכע האבען געוואוינט אויף דער קילינסקי גאס די א. ג. קערך־גאס. דא האט געוואוינט גרשון לייזער האלטריכט אהיטל מאכער מיט זיין פרוי און פינף קינדער. אין די 20־גער יאהרן איז ער געוועזן דער צעך מייסטער פין שטעטל. ער איז געוועזן באפולמעכטיגט ארויסצוגעבען מייסטער בריוו און געזעלן בריוו, נאך אפאכמענישען עקזאמען פאר שניידער, היטלמאכער און שוסטער. אטייל פין דעם געלט וועלכעס איז אריין געפלאסען פאר די אויבענדערמאנטע בריוו (דיפלאמען) איז געשפענדעט געווארן פארן אויפבוי פין דער חברה תהילים, און אויך שאפען א ג.ח. קאסע

פאר די האנט ווערקער און אזעלכע זענען געווען פיל. גרשון לייזער איז געווען אטראדיציאנעלער ייד. שטילער הייט אסימפאטיקער פין דער ארבייטער באוועגונג. דער דראנג צי לעזען אצייטונג האט זיך געשאפען, ווען די קינדער זענען אינטערגעוואקסען, אזוי איז עס געווען ביי איהם אין שטיב, און אזוי איז עס געווען ביים רוב פין די יידן אין שטעטל. דריי פין זיינע קינדער האבען ציזאמען מיט איהם געארבייט ביי זיין פאך, און טראץ דעם זענען די דאגות פרנסה געווען גרויסע, און מער ווי איינמאל איז געשטאנען די פראגע ווי נעמט מען אויף שבת אנציגרייטן. די עלטסטע טאכטער שרה ניחה איז געווען אנאקטיווע מיטארבייטערין אין דער שלום-עליכם ביבליאטעק. יענטע גיטל און יצחק מרדכי האבען געהערט צי דער שומר הצעיר באוועגונג. אויך פין דער פאמיליע איז ליידער קיינער נישט געבליבען.

ראוך יהודה לייב

אשתו: רויזה.
בנו: איציק.

ראוך יהודה לייב אנעופות הענדלער ער מיט זיין פרוי זענען געווען אינטיליגענטע מענשען און אויך רעליגיעזע, זיין זוהן האט ער געגעבען אטראדי־ציאנעלע ערציהונג ער איז געווען דער זון פון אברהם ראוך ז״ל. ער איז געווען אשטילער מענט און זיך נישט געמישט אין קיין קהילישע ענינים. געפירט אגרויסען האנדל מיט עופות קיין לאדז׳ און אנדערע שטעט און געהאט אנ׳אייגענעם פערד און וואגען. אין די יינגע יאהרען איז ער געווען אמיטגליד אין דער פאלקס-ביבליאטעק.

משפחת קלאדאווסקי

אשתו ושני ילדיו.

אין שכנותדיגען הויז האט געוואוינט די פאמיליע קלאדאווסקי, אבאשטעל־טער שניידער. אאיידעם פין אברהם ראוך. אבאשיידענע משפחה, נישט געמישט זיך אין שטעטישע ענינים, און דאס איז די סיבה וואס מיר געדענקען נישט זייערע נעמען.

ראוך אפרים

אשתו: רוזשא.

זיין ברודער אפרים ראוך איז געווען זיין שותף צום עופות האנדעל, אויך ער איז געווען אטראדיציאנעלער ייד. די נעמען פון זיינע קינדער געדענקען מיר נישט. עס איז געווען אין די משפחה זיבען ברודער מיט צוויי שוועסטערן, אגרויסע בכבודיגע משפחה. זעקס ברודער מיט איין שוועסטער האבען געוואוינט אין פשעדעץ, און איין ברודער יאקיב ראוך האט געוואוינט אין קאלא און דארט געהאט אגרויס הורט געשעפט פון שפייז ארטיקלען. פון דער גאנצער משפחה איז ליידער קיינער נישט געבליבען.

מארטשאק חוה — אלמנה

ומשפחתה.

חוה מארטשאק אנ׳אלמנה מיט דריי קינדער איהר מאן איז געשטארבען אין די 20־גער יאהרען, נאך זיין טויט האט זי געהאט אשפייז געוועלב אין ראג פון דער קלאדאווער גאס וועלכעס זי האט געהאט איבערגענומען פון איהר שוועהר אברהם משה מארטשאק, אבער אלס איינזאמע פרוי מיט קליינע קינדער האט זי נישט געקאנט אליין פירען דאס געשעפט און נאך דעם ווי זי האט עס איבערגעגעבען צי אצווייטען איז זי אוועק מיט די קינדער קיין וולאצלאוועק אין די דרייסיגער יאהרען, זי איז געווען אשוועסטער פון ר׳ יהודה פערלמוטער ז״ל.

שמול חיים

אשתו: חיה, ומשפחתו.

אין דער דירה פון חוה מארטשאק האט געוואוינט חיים שמול מיט זיין פרוי חיה און קינדער. ער איז געווען דער איידעם פון ר׳ קלמן ראפאפארט. ער האט געהאט אשפייז געוועלב וועלכעס ער האט געהאט איבערגענומען פון חוה מארטשאק. ער איז געווען אגעפוצטער יונגערמאן און אגערער חסיד. און געשטאמט פון לינטשיץ. זיינע פרייע שעה׳ן האט ער אויסגעניצט צו זיצען אין בית המדרש און לערנען. ער און זיינע פרוי זענען געווען בעלי צדקה און מכניסי אורחים.

דניעלסקי גרשון

אשתו: ...
בניו: טוביה, איציק, עזריאל, מרדכי־לייב.
בנותיו: לאה.

אין דער לאנגער קלאדאווער גאס האט געוואוינט איין איינציגער ייד גרשון דאניעלסקי מיט זיין פרוי און קינדער, ער איז געוועזן דער איינציגער ייד אין שטעטעל וועלכער האט זיך פארנומען מיט ערד ארבייט. ער האט אויך געהאט אשפייז געוועלב, און א פאסאזשיר אויטא וועלכער האט געפירט פאסאזשירען קיין לאדז׳. דאס איז געוועזן אשיינע בכבודיגע פאמיליע, ער איז געוועזן א רעליגיעזער ייד, און אלע האבען שווער געארבייט. פינאנסיעל געוועזן גיט סיטואירט. אזון מיט אטאכטער וואוינען אין ענגלאנד.

דאניעלסקי משה

אשתו: ...
בתו: טאבטשע.

דאניעלסקי משה אנעופות הענדלער, ארעליגעזער נאציאנאלער ייד, גרויסער שטיצער פין קרן קיימת־פושקע, אשטילער מענש אבאוואוסטזיניגער און באלעזען, געוועזן ביי איהם אפיינע טראדיציאנעלע שטיב, און זייער איינציגע טאכטער טאבטשע האבען זיי געגעבען אגיט טראדיציאנעלע אידישע ערציהונג. זי איז געוועזן אמיטגלידערין אין די צעירי מזרחי ארגאניזאציע און געוועזן אנאינטי־ליגענטע פריילין.

זיכלינסקי גוטמן — אלמן

זיכלינסקי גוטמאן אנ׳אלטער פרומער ייד, ער איז געוועזן דער שכן פין יעקב דאניעלסקי און כמעט צווישען דיביידע יידען איז נישט געוועזן קיין אונטערשיד אויך דער גוטמאן איז געזעסן אין בית המדרש און געלערנט „עין יעקב״. ער האט נישט געארבייט, נאר געווארען אויסגעהאלטן פין זיין זון שמשון.

זיכלינסקי עזרא

אשתו: בלומה.
בניו: אהרן סנדר, יוסף.
בנותיו מלכה, ביילה.

יעצט קומען מיר צו צי דעם סוף פין דער גאס וועלכע האט געפירט אין די דערפער ארקושעווע, דזיוויע און אין דעם שטעטל דאמבראוויץ, דא האט געוואוינט עזרא זיכלינסקי מיט זיין פרוי בלימע און זיין שיינער גרויסע פאמיליע, ער האט געהאט אפערד און וואגען און געהאנדעלט מיט דארף פראדוקטען. געוועזן אפרומער בעלבתישער ייד. ער האט געהאט אנאייגענע הויז און געהאט אשטיק ערד אויף וועלכער ער האט פראדוצירט גרינצייג און פאשע. די גאנצע משפחה זענען געוועזן פראדוקטיבע מענשען. צוויי זוהן זענען געוועזן שניידער, איין זוהן אסטאלאר, איין זון אפריזער. די טעכטער האבען גענייט וועש אין שטיב. דער יינגסטער זון איז נאך געגאנגען אין שולע. ביי דעם אלעם איז מען מיט גרויס מיה קוים אדורך געקומען מיט פרנסה. זיכענדיג צו פארבעסערן די לאגע, האט די משפחה פארדינגען די דירה און אריבער וואוינען אין לאדז׳. ווי דער מצב האט זיך עטוואס פארבעסערט, זיי זענען געוועזן שטילע רוהיגע ארבייטס מענשן און געלעבט לויטן יידישן טראדיציאנעלען לעבענס שטייגער. פין די שיינע משפחה זענען געבליבען דריי זון הערש און חיים לעבען אין ישראל, און פישל לעבט אין אמעריקה.

דאניעלסקי יעקב

אשתו: שורקה.

עטליכע הייזער ווייטער האט געוואוינט יעקב דאניעלסקי מיט זיין פרוי שורקע. אנ׳אלטער פרומער ייד, פלעגט אפט זיצען אין בית המדרש און געלערנט „עין יעקב״. ער האט זיך נישט באשעפטיגט מיט קיין שום זאך אויף פרנסה. נאהר געווארען אויסגעהאלטן פין זיינע קינדער. ער האט ליב געהאט צו דערציילען געשיכטען פין זיינע איבערלעבונגען, און געזאגט אפט גלייכווערטלעך, דאדורך איז ער געוועזן באליבט ביי דער יוגענד וועלכע האבען זיך זעהר גערן צוגעהערט צו זיינע ערצעלונגען.

מארטשאק יהושע

אשתו : בערטה.
בנו : יעקב בער.
בת : ...

דאן קומען מיר צי צו דעם הויז וויא עס האט געוואוינט מארטשאק יהושע מיט זיין פרוי בערטא און קינדער, ער איז געוועזן אייד אנ׳עושר אתבואה סוחר, געוואוינט אין אשיין געמויערט הויז וועלכעס ער האט זיך אליין געלאזט מויערעז, אהן שכנים, געוועזן אבעל צדקה, אשטילער און רעליגיעזער מענש. זיין פרוי בערטא איז געוועזן אנאינטיליגענטע רעליגיעזע פרוי און די קינדער האבען זיי ערצויגן אין זעלבען גייסט. פין די פאמיליע איז קיינער נישט געבליבען.

טאפאלסקי יחיאל

אשתו : נעכא :
וילדיהם.

אין זעלבען הויז האט געוואוינט יחיאל טאפאלסקי אברודער פין משה טאפאלסקי מיט זיין פאמיליע. אויך אגארבער, אין דער צייט פין גראבסקי האט ער געלעבט עטליכע יאהר אין ארץ ישראל און איז צוריקגעפאהרען. ער איז געוועזן אסימפאטיקער פין דער מזרחי באוועגונג, ער האט געהאט אפרוי מיט קינדער. אשיינע שטילע משפחה וועלכע איז אומגעקימען אין חלמנו.

עקערט אפרים

אשתו : גיטל.
בנות :ביילה, מינדל.
בן : ...

אין זעלבען הויז האט געוואוינט אפרים עקערט, אשניידער מיט זיין פרוי און קינדער, שווער געארבייט אויף פרנסה, און געפארען אויף ירידים צו פאר־קויפען די אופגענייטע סחורה. אפרים איז געוועזן אחבר אין דער חברה תהלים. אשטילע באשיידענע רעליגיעזע משפחה.

טאפאלסקי משה

אשתו: מרים לאה.
בניו: יוסף, יצחק, הערש.
בנותיו: חנה, רוזשע.
בתו הנשואה: גריידאנס חוה.
בעלה: אליעזר ו־3 ילדים.



חוה גריידאנס לבית טופולסקי



טאפאלסקי רוזשה, בילבסקי בריינה

אין זעלבען הויז האט געוואוינט ר׳ משה טאפאלסקי מיט זיין גרויסער פאמיליע, ער איז געווען אייד אנ׳עסקן אנ׳אנגעזעהענער אין שטעטל, אמיטגליד אין דער קהילה פארוואלטונג — אדאזאר, אמיטגליד אין דער באנק פארוואלטונג, ער איז געווען דער פירער פון דער גמילות חסד קאסע, ער האט זיך באשעפטיגט מיט גארבעריי, אויסגעארבייט רויע פעל אויף לעדער. זיין זון יוסף איז געווען פון די גרינדער פון דער פאלקס ביבליאטעק. אנ׳אינטיליגענטער און באוואוסטזיניגער יינגערמאן. זיין זון הערש איז געווען פון די אויפשטענדלער אין דעם פארניכטונגס לאגער אוישוויץ־בירקענאו, וואו ער האט זיך באטייליגט אקטיוו מיט אנדערע אין דעם אויף רייסען דעם קרעמאטאריום און איז דארט אומגעקומען. ער איז געווען אנ׳אקטיווער חבר אין דער צעירי מזרחי. דער זין יצחק און די טאכטער רוזשה זענען געווען מיטגלידער אין בית״ר. די טאכטער חוה האט געהייראט אין געוואוינט אין איניעווע. דער עלסטער זון יעקב, וועלכער האט דורכגעמאכט די לאגערן האט זיך געראטעוועט און וואוינט מיט זיין פרוי אין אמעריקא.

טאפאלסקי פישל

אשתו: גננדל.

בתו: לובה ועוד 3 ילדים.

אין דעם געסעל דערנעבען האט געוואוינט פישל טאפאלסקי אזון פין משה טאפאלסקי. פין פאך אקאמאשען שטעפער זיין פרוי איז געווען גענענדל די טאכטער פין ישעיה זיעלינסקי. פישל איז געווען דער גרינדער און פארזיצער פין פועלי ציון־ימין. ער איז געווען זעהר אנ׳אינטיליגענטער און באוואוסט־זיניגער יונגערמאן. זיין פרוי איז געווען אמיטגלידערין אין דער פאלקס ביבליא־טעק. אויך זיי האט געטראפען דער זעלבער גורל פין אלע פשייטשער יידן, און אומגעקימען אין חלמנו צוזאמען מיט זייערע קליינע קינדער.



טופולסקי פישל ואשתו גננדל לבית זיעלינסקי

סוחטשבסקי גבריאל

אשתו: אסתר.
בנם: פייביש ומשפחתו ועוד 2 בנות.

סוחטשבסקי פייביש האט געהאט אשפייז געוועלב צוזאמען מיט זיין פאטער גבריאל. זיינע צוויי שוועסטער זענען געוועזן וועש נייטארינס, דער פאטער גבריאל איז געוועזן אפרומער ייד. כאטש ער האט געוואוינט ווייט פון בית המדרש איז ער יעדען טאג געקימען צו דאוונען בציבור און געוועזן פון די ערשטע מתפללים. אויך דער זון פייביש איז געוועזן ארעליגיעזער יינגערמאן, אסימפאטיקער פון דער מזרחי באוועגונג. דאס איז געוועזן אבכבודיגע שטילע משפחה. עס זענען אויך דארט געוועזן 2 שוועסטערס אבער קיין גענויע פרטים פון זיי ווייסען מיר לײדער נישט. פון דער משפחה איז קיינער נישט געבליבען.

פישר מענדל

אשתו: זעלדה.
בנו: ישעיה הערש.
ומשפחתו.

מענדעל, אזוהן פון אברהם פישער מיט זיין פרוי זעלדא, אטאכטער פון ר׳ מרדכי בנימין דאווידוביץ. זיין פאך איז געוועזן אקאמאשן שטעפער, די פרוי זעלדה איז געוועזן אהיט פיצערקע און דא געהאט אגעשעפט פון פרויען היט, מענדל איז געוועזן אבן תורה, לאנגע יאהרען געלערנט ביים רב זמלמן. אשטילער באשיידענער יונגערמאן. נישט געמישט זיך אין קהילה׳שע ענינים און שווער געהארעוועט אויף פרנסה פאר זיין פאמיליע.

רוזן יעקב וואלף

אשתו: רייזיל.
בנותיהם: בינה, סאלה.

יעקב וולף רוזן האט געהאט אשפייז געוועלב. ער איז געוועזן אסימפא־טיקער פון די מזרחי באוועגונג. אשטילער באשיידענער מענטש. נישט געמישט זיך אין קהילה׳שע ענינים. אויך זיין פרוי און קינדער האבען איהם געהאלפען אין געשעפט. ער איז געווען פון די אקטיווסטע גרינדער פון דער פאלקס ביבליא־טעק. זיי האבען געגעבען די קינדער ארעליגיעז ציוניסטישע ערציאונג.

יאמניק שמואל — שוחט

אשתו: שרה רחל.
בתו: רויזה לאה.

אין אנ'אייגענע וואונונג האט געוואוינט דער שוחט ר' שמואל יאמניק מיט זיין פרוי שרה רחל און די טעכטער רוזשע. ער איז געוועזן אגיטהארציגער ייד, אלמדן, און באהאוועגט אויף אלע געביטען. ער איז געוועזן שוחט און מוהל אין פשייטש אריבער 40 יאהר. זיין טאכטער רוזשה איז געשטארבען יונגערהייט אין יאהר 1937. צוויי זוהן ראובן און יהושע לעבען אין ישראל און איין זון לייבוש לעבט אין בראזיל.

ימניק שלום

אשתו: מכלה.
4 ילדים.

דער צווייטער זון פין ר' שמואל ימניק — שלום האט געוואוינט אין לאדז' מיט זיין פרוי מכלה און פיער קינדער. ער איז געשיקט געווארען אין פויזנער לאגער און איז דארט אומגעקומען. אויך זיין פרוי און קינדער זענען אומגעקומען פין די נאציס. ווען עס איז געוועזן די קינדער אקציע אין לאדז' זענען אויך די פיער יינגלעך אומגעקומען אויף קדוש השם.

מנדלבוים ישראל

אשתו: חיה דבורה מבית ימניק.
בנם: ראובן.

די טאכטער פין שמואל ימניק חיה דבורה האט געהייראט מיט ישראל מאנדלבוים פין וועגנגרוב. זיי האבען געהאט אגאלאנטעריע געוועלב, זיי האבען געהאט אזון ראובן און זענען אומגעקומען אין לאגער דורך די נאציס נאכדעם ווי זייא זענען געוועזן אלענגערע צייט אין געטא מעזריטש.

ימניק יעקב יצחק

אשתו : לאה.
בנו : יהודה הערש.
בתו : רוזשה.



ימניק יעקב יצחק ואשתו לאה



בנם: יהודה הערש

זיין זוהן יעקב יצחק יאמניק האט געוואוינט אין לובין — אהיטל מאכער, איד אכלל טוער, מיטגליד אין דער קהילה פארוואלטונג— אדאזער. ער מיט זיין פרוי לאה און צוויי קינדער, די טאכטער רוזשע און זוהן יהודה הערש זענען אומגעקומען אין טרעבלינקא וויאהין זיי זענען געשיקט געווארען פון דעם ווארשאווער געטא.

גולדמן יחיאל יוסף

אשתו: שרה.
בנו: מיכאל הערש.
בתו: איטקה.

יעצט קומען מיר צו דעם הויז וועלכעס איז געוועזן באוואוינט נאר פון יידען, דער ערשטער האט דא געוואוינט ר׳ יחיאל יוסף גאלדמאן מיט זיין פרוי שרה און פאמיליע, אבעקער. אויפן הויף האט ער געהאט אבעקריי, ער האט אויך געמאכט „לאדעס״ אייז קרעם. צו דעם צוועק האט ער געהאט אויפן הויף נעבען דער בעקעריי אגרויסן גריב מיט אייז, וועלכעס ער האט אנגעפילט אין די ווינטער חדשים, זיין זון מיכאל הערש, וועלכער האט איהם ציגעהאלפן אין דער ארבייט איז געוועזן אחבר אין דער מזרחי באוועגונג, ער איז געפאלען זייענדיג אין פוילישען מיליטער אין דער צייט פון קריג אויסברוך אין יאהר 1939. זיין טאכטער יעסקע איז אומגעקומען אין לאגער. זיין זון פישעל און טאכטער באלטשע וואוינען אין ישראל.

ימניק שולמית לבית פרידמן

בתה: ביילה צפורה.
בנה: חיים יהודה.
נספו בחלמנו עם כל קדושי עיר סומפולנה
בט״ז שבט תש״ב.

בילבסקי בלימה ראצה

אין זעלבען הויז אנטקעגן האט געוואוינט איין איינזאמע פרוי בילאווסקי בלימה ראצע, אנ׳אלמנה וועלכע פלעגט זיך אבגעבען מיט פארשידענע גיטע וואוילטאטען פאר ארויסהעלפען געדריקטע פאמיליעס און איינזאמע מענשען.

דאניעלסקי אסתר רחל

בנה: שמעון לייב.
בנותיה: קרוסה, יטקה, גיטל.

אין געוועלב אין זעלבן הויז וויא עס האט אמאל געוואוינט ר׳ בעריש מענכע ז״ל, האט געוואוינט די פרוי דאניעלסקי אסתר רחל אנ׳אלמנה מיט פיער קינדער, איין זון מיט דריי טעכטער. דער זון שמעון לייב איז געוועזן אשוסטער און ער איז געוועזן דער פרנסה געבער פין דער פאמיליע. אויך די טעכטער האבען ציגעהאלפען ווי ווייט מעגליך צו דער פרנסה. עס איז געוועזן אשטילע באשיידענע פאמיליע, רעליגיעזע מענשען און האבען שווער געהארעוועט צי קאנען באשפייזן זיך.

ראדזיעבסקי לאה — אלמנה
ראדזיעבסקי יחיאל יעקב

אשתו: ...
ומשפחתו.

אין דער וואוינונג אויפן הויף ארויס פין זעלבן הויז האט געוואוינט די אלמנה לאה ראדז׳יעווסקי וועלכע האט דא געקאכט מיטאג און אנדער מאלצייטען און אויך פארדינגען בעטן צום שלאפן פאר יידישע דורכרייזענדע מענשען. איהר שטיף זון יחיאל יעקב ראדז׳יעווסקי איז געוועזן אלערער און געוואוינט אין דאמביע ביי קאלא.

טארנער מנשה

אשתו: גיטל.
בתו: דארה. ועוד בת.

מנשה טארנער דער זוהן פין ר׳ חיים טארנער, מיט זיין פרוי גיטל און 2 טעכטער, אבאשטעלטער שניידער, אשטילער בכבודיגער מענש, שווער געארבייט, אונטערשטיצט דעם פאטער, מיט אלע מעגליכקייטען, און אויך טובות געטיען פאר נויטבאדערפטיגע מענשען.

הרב דראכמן משה
רב בעיירה דומברוביץ
חתנו של ר' בעריש מענכע ז"ל
אשתו: ... ומשפחתו.

הרב דראכמאן משה, ער האט געשטאמט פין לובין, אשטעטל נעבען וולאצלאוועק. ער איז געוועזן דער אידעם פין בעריש מענכע ז"ל וועלכער האט איהם גענומען אויף קעסט פאר זיין איינציגער טאכטער. ער איז געוועזן אגרויסער למדן, געלערנט יאהרען לאנג אין פשייטש מיט די גרעסערע ישיבה בחורים נאכהער איז ער געווארען גענומען אויף אלס רב אין דעם דערבייאיגען שטעטל דאמבראוויץ. פין דער משפחה איז קיינער נישט געבליבען.

פוזנר מרדכי
אשתו: מרים.
בנו: מיכאל הערש.
בתו: איטקה.
אחיו: אליה.

אויפן שטאק פין זעלבען הויז האט געוואוינט פויזנער מרדכי מיט זיין פרוי און קינדער. ער האט געהאט אין דערנעבענדיגן הויז אשפייז געוועלב. צוזאמען מיט זיין מיטער און מיט זיין ברודער אליה. מרדכי פויזנער איז געוועזן אשטילער מענש. נישט געמישט זיך אין קיין קהילה ענינים. אין דער יוגענט געוועזן פין די ערשטע ציוניסטן אין שטעטל. פין די גרינדער פין דער פאלקס ביבליאטעק און איינער פין די אקטיווע מיטגלידער.

ראוך מרדכי
אשתו: חוה.
בנו: מאניעק.
בתו: מאניה.

ראוך מרדכי מיט זיין פרוי חוה און צוויי קינדער, אזין מאניעק און אטאכטער מאניע, ער איז געוועזן אנ'אנגעשטעלטער ביי די שותפים די תבואה סוחרים נטע וואסערצוג און יצחק מאקאטאוו. ער איז געוועזן אסימפאטיקער פין דער מזרחי און זיין שטיב איז געוועזן אטראדיציאנעלע, און די קינדער זענען געווארן ערצויגען אין דעם גייסט.

רומער פנחס


אשתו: צפורה.

בנו: מאיר ומשפחתו.

בתו: סאלה ומשפחתה.



רומר מאיר אשתו ובתו



רומר סאלה ובתה

אין צווייטן הויז האט געוואוינט פנחס ראמער, וועלכער האט אמאל געהאט אמאניפאקטור געשעפט. ווי דער רוב ייִדן אין שטעטל איז ער אויך געוועזן ארעליגיעזער, אין די ייִנגע יאהרען איז ער געוועזן אקטיוו אין דער ציוניסטישער באוועגונג. זיין זוהן מאיר איז געוועזן דער איינציגער יינגערמאן וועלכער האט געענדיגט אין דער פרעמד די מיטעלשולע, געוועזן אנ׳אינטיליגענטער און באַוואוסטזיניגער מענש, זייענדיג אין פוילישען מיליטער האט ער דערגרייכט דעם אפיצירען ראנג, און אגעוויסע צייט געדינט אלס זאוואדאווע אפיציר. נאך דער הייראט איז ער אוועק אין די קרעסען און דארט געווארען אלערער אין אפאלקס־שולע. אויך די טאכטער פון פנחס ראמער, סאלא, איז געוועזן א אינטיליגענטע פרוי.

רוזן בנימין

אשתו : גוסטא.
בנו : אברהם ומשפחתו.



בנימין רוזן



הגב' רוזן גוסטה
נכדתה : ברינקה מוקוטוב
נינתה : גלילה צוקרמן
בתה של בלומה מוקוטוב

בנימין רוזן מיט זיין פרוי גוסטה, געהאט אקאלאניאל געשעפט. געווען אהייסער ציוניסט, פין די ערשטע אקטיווע מזרחי טיער. שוין אין די 20־גער יאהרען האט ער זיך געגרייט עולה צי זיין קיין ארץ ישראל כדי צי פארווירקליכען זיין לעבענס ציעל, אבער ער איז קראנק געווארען און בעת אנ'אפעראציע אין שפיטאל איז ער געשטארבען און זיין פרוי איז אריבער וואוינען אין הויז פין איהר טאכטער רוזשא מוקוטוב. זיין זוהן אברהם האט איבערגענומען דאס געשעפט פין זיין פאטער. אויך ער איז געווען אציוניסט און אקטיווער מזרחי מיטגליד, נאך זיין הייראט איז ער אוועק וואוינען אין קלאדאווע.

גולדמן יעקב מאיר
אשתו: יעכלה.
בתו: חוה.
הוא נפטר בשנת 1940 בגיל 82 והיה האחרון שנקבר בבית העלמין המקומי.

ר׳ יעקב מאיר גאלדמאן אייד אנ׳עושר, אלמדן, אנ׳אנגעזעהענער אין שטעטל אהדרת פנים, אהויכער מיט אשיינער ווייסער בארד, אמיטגליד אין דער פאר־וואלטונג פין דער באנק לודאווי, אתקיף, געהאט אנ׳אייזען געשעפט אין זעלבען הויז וועלכעס ער האט אויף דער עלטער איבערגעגעבען צי זיין איידעם מענדל קוויאט און זיין טאכטער דארא. בכלל איז ער געוועזן אפערזענדליכקייט, פלעגט פיעל מאל דאוועגען פארן עמוד אין די ימים נוראים ראש השנה, יום כפור, שחרית אין בית המדרש, און טיילמאל אויך זיין דער שליח צבור צי זאגען די ערשטע סליחות. שמחת תורה נאכן דאווענען פלעגט ער מאכען אגרויסען קידוש פארן עולם מתפללים פין בית המדרש. ער איז געשטארבען אין יאהר 1940 שוין אין דער קריג און ער איז געוועזן דער לעצטער ייד וועלכען מען האט קובר געוועזן אויפן בית עולם. ער האט געהאט דריי פארהייראטע זין וועלכע האבען געוואוינט אויסער פשייטש, דאס זענען געוועזן, מענדל וועלכער האט געוואוינט אין בריסק קויאבסקי מיט זיין פרוי און פאמיליע, זיין זון אלעזר וועלכער האט געוואוינט מיט זיין פאמיליע אין לאדז, און זיין זון וואלף וועלכער האט געוואוינט מיט זיין פאמיליע אין קלאדאווע.



ר׳ יעקב מאיר גולדמאן ומשפחתו בעת חגיגת בר מצווה לנכדו



חוה פרעצאל לבית גולדמאן ובעלה

מוקוטוב יצחק

בתו : ברונקה.
בתו : בלומה.
בעלה : צוקרמן העניעק.
בתם : גלילה.

אויפ׳ן הויף פין זעלבען הויז האט געוואוינט מאקאטאוו יצחק מיט זיין פרוי רוזשע און פאמיליע. געווען אייד אנ׳עושער אתבואה סוחר אשתוף מיט ר׳ נטע וואסרצוג ז״ל. דא איז געווען אנ׳אפענע טיער פאר ארעמע לייט און נויטבאדערפטיגע, שמחת תורה האט ער געמאכט אגרויסען קידוש נאכן דאווענען, דאס איז געווען איינע פין די שענסטע פאמיליעס אין שטעטל. אין יאהר 1935 איז ער מיט זיין פאמיליע און צוזאמען מיט זיין שותף נטע וואסערצוג און זיין פרוי אסתר עולה געווען קיין ארץ ישראל אלס קאפיטאליסטן נאכהער זענען זיי צוריק געפארען קיין פוילען איינקאסירען חובות פין די פוילישע גוטבאזיצערס און אנדערע און מוקוטוב יצחק מיט זיין טאכטער בלומה מיטן מאן העניעק און קינד און אויך די טאכטער ברונקה, זענען דארט געבליבען און אומגעקומען דורך די נאצי מערדער. זיין פרוי רוזשה און זייער זון משה מיט זיין פאמיליע וואוינען אין ישראל.

קלאר ישראל — אלמן
בתו: מלכה.
האבר ישראל — חתנו
אשתו: קרוסה.
בנות: מירל, יעכלא.
בתו: יאכימוביץ רחל.
בנותיה: יאדזיא, מלה.



האבר קרוסה לבית קלאר

אין צווייטן האלבען הויז האט געוואוינט קלאר ישראל, אנאלמן. ער האט דא געהאט אגאלאנטעריע געשעפט, און געוואוינט צוזאמען מיט זיינע טעכטער, זיין טאכטער מלכה איז אוועק אין יאהר 1939 קיין רוסלאנד און מען ווייסט מער גארנישט פין איהר, דא האט אויך געוואוינט זיין טאכטער קרוסה מיט איהר מאן ישראל האבער אבאשטעלטער שניידער און זייערע צוויי טעכטער. ר' ישראל קלאר איז געוועזן אפרומער ייד. פין די ערשטע מתפללים אין בית המדרש ביים ערשטן מנין, און נאכ'ן דאווענען פלעגט ער זיצען אין בית המדרש און לערנען עין יעקב, זיינע צוויי טעכטער קראסע און מלכה זענען געוועזן אינטילגענטע פרייען, מיטגלידערינס אין דער פאלקס ביבליאטעק און זיי האבען געפירט דאס גאלאנטעריע

געשעפט. האבער ישראל איז געווען אגיטער באשטעלטער שניידער, אנאינטי־ליגענטער און שטילער מענש, אסימפאטיקער פין די ארבייטער באוועגונג.

דא אויפן שטאק האט געוואוינט די עלטסטע טאכטער פין ישראל קלאר, רחל, מיט איהר מאן און מיט זייערע צוויי טעכטער יאדזיא און מאלא, זיי האבען דא געהאט אשיך געשעפט. אויך פין די משפחה איז קיינער נישט געבליבען.

קוויאט מענדל

אשתו: דארא.

בנם: יצחק.

בתם:: עלה.

קוויאט מענדעל איז געווען דער איידעם פין ר' יעקב מאיר גולדמאן. זיין פרוי דארא און צוויי קינדער. ער האט געהאט איבערגענימען דאס אייזען געשעפט פין זיין שווער. ער איז געווען אמאדערנער חסידישער יונגערמאן, אגוטער סוחר, שטענדיג פארנימען אין זיין געשעפט. זיי האבען געגעבען די קינדער אגוטע רעליגיעזע ערציאונג. ער האט זיך נישט געמישט אין קהילה'שע ענינים.

רוזנקראנץ הערש

אשתו: ...

בנו: אשר.

בנותיו: מינה, יעטקה.

אין דערנעבענדיגען האלצערנעם הויז האט געוואוינט הערש רוזענקראנץ מיט זיין פרוי און דריי קינדער, אשר מינה און יעטקא. ער איז געווען אזייגער־מאכער און אגאלדשמידט, אין די צוואנציגער יאהרען איז ער געווען טעטיג אין דער ציוניסטישער ארגאניזאציע. ארעליגיעזער ייד און אשטילער מענש, נישט געמישט זיך אין די שטאטישע ענינים. די קינדער האבען באקומען אטראדיציאנעלע ערציהונג און זיי זענען געווען מיטגלידער אין דער מזרחי יוגענד ארגאניזאציע השומר הדתי.

אורנבאך אברהם וולף

אשתו: שרה נעכלה.
בתם: מאטיל.

אורנבאך אברהם וולף דער איידים פין קלמן רפופורט מיט זיין פרוי און זייער טאכטער. ער האט געהאט אמאנופאקטור געשעפט. דער עיקר האט געפירט דאס געשעפט זיין פרוי שרה נעכלה, און ער האט דאס רוב שעהן אין טאג געלערנט אין בית המדרש. ער איז געוועזן אחסידישער יינגערמאן און אויף ימים נוראים געפארען צום רבין קיין גור.

ראפפורט קלמן

אשתו: חנה.
בתו: דרעזיל.



רפפורט חנה אשת ר' קלמן ז"ל, לבית אאורבך

אין ווינקעל פין מארק און די קילינסקי גאס האט געוואוינט ר' קלמן ראפאפורט מיט זיין פרוי חנה און קינדער, ער האט דא געהאט אגרויס קאלאניאל געשעפט, הורט און דעטייל. און טראץ דעם וואס ער האט געפירט אגרויס געשעפט איז ער געקומען אין בית המדרש אריין אין דער פריה און אויף דער נאכט, און שטענדיג האט מען איהם געקענט זעהן לערנען אין דער גמרא נאכן דאווענען. אייד אלמדן, אהדרת פנים מיט אשיינער ווייסער בארד, אבעל צדקה און אויף שבת געפלעגט אהיים צי נעמען אנ'אורח צי עסען. אויך זיינע קינדער האבען באקומען ארעליגיעזע ערציהונג. זיין זון משה לעבט אין אמריקא און זיין טאכטער באלטשע לעבט אין אויסטראליע.

אורבאך שרה — אלמנה

בנה: חיים אהרן.



אורבאך שרה לבית איימן
אשת ר׳ אברהם שלמה ז״ל
בת ר׳ לעמל ובײלה

אין צווייטען האלבען הויז האט געוואוינט די אלמנה שרה אורבאך, מיט צוויי דערוואקסענע קינדער, אזוהן חיים אהרן, און צו לאנגע יאהרען אטאכטער מאלע. איהר מאן אברהם שלמה ז״ל וועלכער איז יונג געשטארבען, איז געווען אייד אעושר, אפרומער און אאנגעזעענער בעל בית אין שטאט, אאייניקעל פין אלטען געוועזענעם פשייטשער רב ר׳ חיים אורבאך ז״ל. ר׳ אברהם שלמה איז געוועזען דאזער אין דער קהילה און זעהר טעטיג געוועזען אויף אלע קהילה׳שע געביטען. נאך דעם ווי ער איז נפטר געווארען האט די פרוי געפירט דאס מאנופאקטור געשעפט מיט דער הילף פין איהר זון חיים אהרן וועלכער איז אויך געוועזען דער שאך מייסטער אין שטעטל. ער איז געוועזען אאינטעליגענטער און באלעזענער יונגערמאן.

די פרוי אורבאך האט געפירט אפיין ידישע שטיב, געגעבען די קינדער אטראדיציאנעל נאציאנאלע ערציאונג און איז געוועזען באקאנט אלס מכניסת אורחים און שטיצען פין נויטבאדערפטיגע. חיים אהרן איז אימגעקימען אין פויזנער פארניכטונגס לאגער. די טאכטער מאלה, די פרוי פין פרופסור בראנד וואוינט אין ירושלים.



אורבאך חיים אהרן ז"ל ואחותו מאלא תבלח"א

דאניעלסקי מאניה — אלמנה

בניה : משה, עזריאל.
בנותיה : רגינה, פסיה.
חתנה : איזביצקי הערש.
אשתו : שיינדיל.
בנם : שלמה.
בתם : סאלה.

דא האט געוואונט די פרוי דאניעלסקי, זי האט געהאט אשענק און ארעסטאראן. איהר זון עזריאל איז געוועזען פין פאך אשניידער, און אויך ליעב געהאט צו שפילען פידעל אין דער פרייער צייט. איהר זון משה האט איר ציגעהאלפען אין געשעפט. זי האט געהאט דריי טעכטער. פסיה, און רגינה מיט איר מאן פיווקע האבען געוואוינט צוזאמען מיט דער מוטער, זיי זענען געוועזען מיטגלידערינס אין דער פאלקס ביבליאטעק און אקטיוו אנטייל גענימען אין דראמאטישען קרייז.

אין זעלבען הויז האט אויך געוואוינט איהר איידעם איזביצקי הערש מיט זיין פרוי שיינדיל און צוויי קינדער שלמה און סאלה. אטראדיציאנעלע פאמיליע. זייער טאכטער סאלה איז געוועזען אמיטגלידערין אין דער שומר הדתי ארגאני־זאציע. פין דער פארצווייגטע משפחה איז קיינער נישט געבליבען.

פערלה הערש ליפמן

אשתו: גאלדה.

בנותיו: רבקה, חיה, עלה.

בניו: אברהם זלמן, מרדכי, מנדל.

די צווייטע העלפֿט פון דעם הויז איז געוועזן באוואוינט פון די פאמיליע הערש ליפמאן פערלא מיט זיין פרוי גאלדע און קינדער. ער איז געוועזן דער איידעם פון די פרומע פרוי וועלכע מען האט גערופען די „רישישיצערין" ווייל זי האט געשטאמט פון רישישיק, זי האט אויך געהאט נאך אנ׳איידעם אין דעם שטעטל לובין ביי וולאצלאוועק, אייד אחסיד און אנ׳עושר מיט זיין פרוי שיינדל. די רישישיצערין מיט דעם איידעם ר׳ בונים און טאכטער זענען אין די 20־גער יאהרען געוועזן אין ארץ ישראל, דא געוועזן אגעוויסע צייט און צוריק געפארען קיין פוילען. ר׳ הערש ליפמאן פערלא ז״ל האט געהאט אמאנופאקטור געוועלב, ער איז געוועזן אפרומער ייד אלמדן, אגערער חסיד, און אין דעם גייסט האט ער אויך דערצויגען זיינע קינדער, ער איז אויך געוועזן מלמד אין פריוואט שטיבען ביי פערמעגליכע בעלי בתים, און געלערנט מיט זייערע קינדער, בעיקר גמרא.

דאווידוביץ מרדכי בנימין

אשתו: חוה.

בניו: אברהם זלמן, ישכר לייבוש.

בתו: רחל.

אין זעלבען הויז האט געוואוינט זיין שוואגער ר׳ מרדכי בנימין דאווידוביץ מיט זיין פרוי חוה און קינדער. ער האט געהאט אגאלאנטעריע געוועלב און אויך געוועזן אזייגער מאכער. ער איז געוועזן אייד אלמדן, ער האט ליב געהאט צי זאגען שיינע תורה ווערטלעך און פשטלעך. ער איז געוועזן זעהר אנגעזעהן ביים רב הרב זעמעלמאן און געוועזן פון די חשובסטע יידען ביים שלש סעודות טיש און פיעל מאל אנטייל גענומען אין די תורה שמיעסען ביים רב. זיין זוהן אברהם זלמן, מיט זיין טאכטער רחל זענען געוועזן אין ארבייטס לאגער ביי די נאציס און דארט דערשאסען געווארען דורך זיי. זייער זון יהושע אייזיק וואוינט אין ישראל.

גולדמאן אברהם

אשתו : טריינה.

בנם : העניעק.

אין שכנותדיגען הויז האט געוואוינט אברהם גולדמאן דער זוהן פין יעקב מאיר גולדמאן און זיין פרוי טריינה, די טאכטער פין משה סאכאטשעווסקי מיט זייערע קינדער, אברהם האט געפירט אגעשעפט פין אייזען און בוי מאטעריאל. ער איז געוועזן אייד מיט הומאר, אטראדיציאנעלער און אינטעליגענטער מענש. זיין פרוי איז געוועזן איינע פין די גרינדערינס פין דער פאלקס ביבליאטעק. זייער הויז איז געוועזן אפען פאר ארעמעלייט און אנדערע נויטבאדערפטיגע.

זייער טאכטער סאלה מיט איהר פאמיליע לעבט אין ישראל. זייער צווייטע טאכטער רוניה מיט איהר פאמיליע לעבט אין אמעריקא.

אורבאך יצחק יוסף

אשתו : חוה.

בנם : אברהם.

בתם : מלכה רויזה.

אין זעלבען הויז האט אויך געוואוינט ר׳ יצחק יוסף אורבאך ז״ל אבלאנדער יינגערמאן, אייד אלמדן, אחסיד. ער האט געפירט אמאנופאקטור געשעפט. ער איז אויך געוועזן מלמד אין דער ישיבה פין הרב זמלמן, און ביי דעם אלעם קיין עושר נישט געוועזן, כמעט אארימאן. זיין זוהן אברהם האט געלערנט אין אישיבה אויסער פין פשייטש און קורץ פארן קריג באקימען היתר הוראה. אויך די טעכטער זענען ערצויגען געווארען אין רעליגיעזען גייסט. ר׳ יצחק יוסף איז געוועזן אאינטעליגענטער מענש, אשטילער און אבאלעזענער, זעהר פרום, און די פאמיליע האט געלעבט כמעט אין דחקות.

אין די אווענטען פלעגט ר׳ יצחק יוסף שעהן לאנג זיצען אין בית המדרש און לערנען גמרא, פוסקים, טיילווייז פאר זיך אליין „תורה לשמה״, און פיעל מאל בראש פין אגרעסערע גרופע יידען וואס האבען זיך באטייליגט אין זיינע שיעורים. ער איז געוועזן איינער פין די אויסגעצייכענסטע ערענטליכע מענשען אין שטעטעל.

רבסקי משה

אשתו: רודה.

בניו: דניאל, מנחם, שלמה.

בנותיו: שרה, מרים.

אין זעלבען הויז האט געוואוינט משה ראווסקי מיט זיין פאמיליע. זיין פרוי רודא איז געוועזען אטאכטער פין ליפמאן בילבסקי. זיי האבען דא געפידט אווארשטאט פין היטלען און קאפעלושען צוזאמען מיט אלע זוהן, אויך די טעכטער האבען טיילוויז צוגעהאלפען ביי דער ארבייט. עס איז געוועזען איינע פין די שענסטע ווארשטאטען אין דער געגענט. אפריילליכע שטיב. שטענדיג האט מען דא געקאנט הערען געזאנג ביי די ארבייט. ר' משה איז געוועזען אפרומער ייד און אשטילער מענש. זיין פרוי רודא פלעגט כמעט שטענדיג מיטפאהרען מיט איהם אויף ירידען. די קינדער האבען זיי ערצויגען אין נאציאנאל טראדיציאנעלען גייסט. זייער טאכטער שרה איז געוועזען אטעטיגע מיטגלידערין אין דער השומר הדתי ארגאניזאציע. זייער זוהן מנחם אין דערשאסען געווארען אין יאהר 1942 דורך דעם ארטיגען נאצישען פאלקס-דויטש הענעבאור. זייער זוהן אברהם יעקב לעבט אין אמעריקא.

דאניעלסקי מיכאל

אשתו: צעריל.

בניו: בן ציון, וואווע, שמואל.

בנו הנשוי נחום ומשפחתו:

בנות: גאולה ועוד בת.

אין דעם שכנותדיגען הויז האט געוואוינט ר' מיכאל דאניעלסקי, געפירט אשוסטער ווארשטאט צוזאמען מיט זיינע זון, ער איז געווזן אפרומער ייד, אחברה קדישא מאן. אלע זיינע זון זענען געווזן אקטיוו אין פראפעסיאנעלן פאריין און אין די שלום-עליכם ביבליאטעק. זיי זענען געווזן אינטיליגענטע און באלעזענע מענשן.

שליפקוביץ בנימין (יומצ'ה)

אין זעלבען הויז האט געוואוינט דער עלענדער בחור בנימין (יומצ'ע) שליפקאוויטש, ער האט געהאנדעלט מיט שטרימפף און שקארפעטן אויף די מערק. די סחורה פלעגט ער ברענגען פין לאדז' אדער אלעקסאנדער. ער איז געוועזן איתום אהן פאטער און מוטער, ער האט געלעבט אין דחקות. זיין פאטער ר' שמואל יהודה ז"ל איז געוועזן אמלמד, געלערנט ביי זיך אין שטיב מיט יינגלעך חומש און גמרא. ער איז געשטארבען נאך פאר די קריג.

טארונצ'יק בנימין

אשתו: ...

בניו: משה, שלמה דוד.

בנותיו: הינדה, פריידה.

משפחת טורונטשיק מיט פיער קינדער האבען געלעבט אין אאייגענע וואוינונג. אין די צוואנציגער יאהרען פין אינזער יאהרהינדערט, האט די פאמיליע געפירט אשפייז געשעפט. אין דער צייט איז געוועזן נאך איין טאכטער וואס איז געוועזן קראנק און דיא קרענק פין דעם מיידעל האט אויפגעגעסען דאס געשעפט. אבער עס האט גארנישט געהאלפען און דאס מיידעל איז געשטארבען. בנימין טאראנטשיק איז געוועזן אפרומער און אלויאלער ייד און אין דעם גייסט האט ער ערצויגען זיינע קינדער. זייער עלטערער זוהן משה האט קורץ פאר דיא קריג באקומען היתר הוראה דורך אווארשאווער ישיבה. אויך דער יונגערער זוהן האט געלערנט אין א ישיבה. די טאכטער הינדה איז געוועזן טעטיג אין דער פאלקס ביבליאטעק. זי איז געוועזן אנגעשטעלט אין דער באנק לודאווי. זייער עלטערע טאכטער האט געארבייט אין דער פרעמד. זאלען אינזערע ווערטער זיין אמצבה פאר די שיינע און וואוילע משפחה.

זיעלינסקי נחמן — אלמן

נכדו: העניעק.



העניעק זיעלינסקי בן אברהם עוזר יבל"א

אין דעם סטאדאלנע געסל האט געוואוינט דער אלטער ייד נחמן זיעלינסקי. ער איז געווען אשניידער, געניייט אחאלאטעל, אווארעמען קאפטאן, אפאר הויזען, אזיידענע ז'יביציע אדער אקינדער אנציגעל, גענייט שיין און גיט, געווען אפרומער ייד, זיין זון אברהם עוזר לעבט אין פאריז, זיין טאכטער באשע לעבט און בראזיל, און זיין זון חיים לעבט אין אמעריקא. דער זון פין אברהם עוזר — העניעק, איז אומגעקומען אלס קינד אין דער לאדזער געטא דורך די נאציס. ווען עס איז געווען די קינדער אקציע אין געטא און די נאציס האבען ליקווידירט אלע יינגע קינדער האבען זיי אויך גענומען דעם קליינעם העניעק און ציזאמען מיט אלע קינדער געגאנגען אויף קידוש השם.

סקוברונסקי נתן

אשתו : טאובה.

בניו : עזריאל, יואל.

בנותיו : העלה, רבקה.

די משפחה סקאברונסקי, אין יאהר פון אויסברוך פון דער מלחמה, כמעט אלע דערוואקסענע. עס איז געווען אאינטערעסאנטע אינטעליגענטע משפחה. די קינדער האבען באשיינט די שטיב, קיין ספעציעלע פארטייאישע ריכטונגען איז אין דער שטיב נישט געווען, אבער אלע זענען געווען שטארקע סימפאטיקער פון ציוניזם, אטראדיציאנעל ידישע משפחה. דער ראש המשפחה מיטן יינגערען זוהן חיים האבען געפירט דעם תבואה מסחר. דער עלטסטער זוהן עזריאל וועלכער איז געשטארבען אטאג נאך די באפרייאונג אין בוכנוואלד פון אויסמא־טערונג איז געווען אאנגעשטעלטער אין לאדז. ער איז געווען איינער פון די אינטעליגענטע יוגענד אין פשייטש, ער האט זעהר פיעל געלייענט, און אויך פיעל געוויסט. די עלטסטע טאכטער העלה איז געווען פארהייראט און געוואוינט מיט איהר פאמיליע אין חאטש. רבקה איז געווען אין דער ביבליאטעק פארוואלטונג ביז צום קריגס אויסברוך. פון דער משפחה איז געבליבען צוויי זוהן חיים און יעקב וועלכע וואוינען יעצט אין אמעריקא.

פיינטוך שמעון

אשתו : ברוניה.

בתו : רעגינה.

אין צווייטן הויז האט געוואוינט פיינטוך שמעון מיט זיין פרוי בראניא און טאכטער רעגינא, ער איז געקומען קיין פשעדעטש אין די צוואנציגער יאהרען און געלעבט אין שטעטל ביז'ן יאהר 1938. ער איז דאן אוועק און מיר ווייסען נישט וועגן דער פאמילע מער קיין איינצעלהייטען.

יאקובוביץ׳ איטשע

אשתו: קיילה.

בניו: יעקב, נטע.



יעקב יאקובוביץ

אין זעלבען הויז האט געוואוינט איטשע יאקובאוויטש, מיט זיין פרוי קיילא און פאמיליע. ער איז געוועזן אגיטער באשטעלטער מענער שניידער, שטענדיג געוועזן אין אגיטער שטימונג, אייד אפריילילכער, ליב געהאט צי זאגן אגיט ווארט און אשיינעם געשמאקען וויץ, אפרומער ייד, האט געדאוועגט אין בית המדרש. ער האט זיך געיחוסט מיט די נעמען פין די דריי אבות, זיין פאטער האט געהייסען אברהם, ער יצחק אונגעהאט אזון יעקב. געוועזן אשיין בעל בתיש יידיש הויז און ערצויגען די קינדער אין פיינעם טראדיציאנעלען גייסט. זיינע דריי טעכטער העלא, טאבקע, און רוזשא לעבען אין ישראל, און דער זון מאקס לעבט אין פוילען.

ראוך פאליק

אשתו : איידיל.

בנו : העניעק.

בתו : מאניה.

אין זעלבען הויז האט געוואוינט פאליק ראוך מיט זיין פרוי אידל און פאמיליע. ער איז געווען אנ׳עופות הענדלער, אשטילער מענש, און אטראדיציאנעלע משפחה, סימפאטיקער פין דער ציוניסטישער באוועגונג און די קינדער זענען געווען מיטגלידער אין דער מזרחי ארגאניזאציע.

קרעל שמואל לייזער

אשתו : גאלדא.

בניו : יהודה לייב, נטע, אליה דוד.

בנותיו : פסיה, חיה.

ווייטער אין דער האדעטשער גאס וועלכע מען גערופען דער שאסעע און פאר דעם ענדיגען פין ידישען ערוב האט געוואוינט קרעל שמואל לייזער אבאשטעלטער שניידער, פארנעמט זיך הויפטזעכליך מיט נייען לאנגע ידישע מלבושים און בדוחק מפרנס געווען זיין גרויסע משפחה. ער איז געווען אפרומער ייד פין די ערשטע מתפללים גאנץ פרי אין בית המדרש ווי ער האט גדאווענט אגאנץ יאהר. געווען א שטילער מענש. ער האט געהאט דריי זון און צוויי טעכטער וועלכע האבען איהם ציגעהאלפען אין דער פרנסה, געהארעוועט אגאנצען טאג ביז שפעט אין דער נאכט. אלע זענען זיי געווען שטילע און בכבודיגע מענשען. קיינער איז נישט געבליבען פין דער משפחה.

צוקר חיים
מכפר ריבנו ומשפחתו
בערמן משה
מכפר ריבנו ומשפחתו
לנגנאז משה
מכפר ריבנו ומשפחתו

מיר גייען ווייטער מיט דעם שאסעע, אנ׳ערך פון 3 ק״מ פון שטאט, און מיר קומען צי דעם דארף ריבנע. וועלכעס איז געווען דאס איינציגע דארף אין וועלכען עס האט געוואוינט אידישע משפחה, דארט איז געווען אגרויסער סאסנע וואלד וואס האט געהערט צי די יידישע ברודער לאנגנאז, זיי האבען דארט געהאט אגרויסען טארטאק צים שניידען דיביימער אויף בעלקעס און ברעטער, און דארט האט געוואוינט די משפחה צוקער חיים וועלכער איז געווען אדמיניסטראטאר און שרייבער פון דער אונטערנעמונג. ר׳ חיים צוקער ז״ל איז געווען אייד אלמדן, אפרומער, אהדרת פנים מיט אברוינע לאנגע בארד, און טראץ דעם וואס עס איז געווען געגוג ווייט פון שטאט איז ער מיטן איידעם געקומען כמעט יעדן שבת אין שטאט אריין צי דאווענען אין בית המדרש בצבור. און פיעל מאהל פלעגט ער אויך זיין אשליח צבור פאר׳ן עמוד אין די ימים נוראים צו דאווענען שחרית. זיין איידעם משה בערמאן ז״ל איז געווען אחזן, פלעגט פיעל מאל דאווענען אין שול אדער אין בית המדרש און מהנה געווען דעם עולם מיט זיין שיינער שטימע, ער האט אויך געברענגט אין שטאט צי פארקויפען קעז מיט פוטער אייגענע אויסארבייטונג. גענויע פרטים וואס עס איז געווארען מיט דיא משפחות ווייסען מיר נישט ווייל זיי זענען אוועק פון דער שטאט אין אנפאנג פון די דרייסיגער יאהרען.

ליבראך בעריש
אשתו : אלטה.
4 ילדים.

ליבראך בעריש, אגארבער און לעדער סוחר, געשטאמט פון לינטשיץ און געקומען וואוינען אין פשייטש, האט געפירט אשיין יידיש הויז, געווען א פרומער ייד און געקאנט שיין לערנען. ער האט זיך נישט געמישט אין קיין קהילה ענינים, ער איז אבער געווען אנגעזען אין שטעטל, מחמת ער איז געווען אבעל צדקה און אמכניס אורח, אויך געווען אקליגער מענש און בעהאוונט אין וועלטליכע ענינים. זיין פרוי אלטה איז געווען א אשת חיל, געהאלפען דעם מאן אין די האנדלס ענינים, און געפירט אפיין יידישע שטיב. די קינדער האבען באקומען א רעליגיעזע ערציהונג. פון די משפחה איז קיינער נישט געבליבען.

מאקוביצקי יהושע

אשתו: **אווה.**

בניו: **אליעזר, שליאמעק.**

בתו: **העלה.**



גב׳ אווה מקוביצקי בצעירותה

מיר קומען צוריק מיט דער זעלבער גאס צים שטעטל צי דעם הויז פין מאקוביצקי יהושע, אייד אהייסער ציוניסט, אדאזאר און כלל טיער. אנ׳אנגעזעענער בעל בית אין שטאט, פירט אתבואה מסחר בשותפות מיט סקאווראנסקי נתן, אשיין יידיש נגידיש הויז, אנדבן און בעל צדקה, און אנאפענע טיער פאר נויטבאדערפטיגע און ליידענדע, אויך זיינע קינדער האט ער ערצויגען אין זעלבען גייסט. די זון און טאכטער זענען געווען זעהר אינטיליגענטע מענשען. זיינע צוויי זון אליעזר און שלאמעק און די טאכטער העלא זענען אומגעקימען אין די לאגערן, די פרוי מאקאביצקי איז אומגעקימען אין חלמנו. ר׳ יהושע איז געשטארבען קורץ פאר׳ן קריג. זייער זוהן שאול לעבט אין ישראל.

ראוך משה

אשתו: ..

בנו: פנחס.

בתו: מניה.



ראוך מאניה

אין צווייטען האלבען הויז האט געוואוינט משה ראוך, אייד אנ׳עושר, אדאזאר אין דער קהילה פארוואלטונג, פירט אגרויסען עופות האנדל אויף הורט. די הונדערטער געשאכטענע עופות, גענז און אינדיקעס, פירט ער אוועק הויפט־זעכלעך קיין לאדז און ווארשא, און אין נאך אנדערע גרעסערע שטעט ווי וולאצלאוועק און טארון, ער האט געהאלטן מענשן צי דער ארבייט. עס איז ביי איהם געוועזן אשיין יידיש נגידיש הויז, ער איז געוועזן ארעליגיעזער מענש און געהאט כמעט אחזקה צי דאוונען אין שוהל קבלת שבת בערך יעדען צווייטן שבת. אויך זיינע קינדער האט ער ערצויגן אין טראדיציאנעלן נאציאנאלען גייסט. ער איז אויך געוועזן מיטגליד אין דער באנק פארוואלטונג. פין דער פאמיליע איז קיינער נישט געבליבען.

אנגל רחל, אלמנה

בנים: שלמה ישכר, אשר, אפרים, ראובן.
בנות: טאובה, חנה, בריינה.

די חאדעטשער גאס וועלכע מיר באשרייבען דא, איז נישט באוואוינט פין בעלי מלאכה אדער ארבייטער ווי דער רוב גאסען אין שטעטל, נאר דאס איז אגאס פין הענדלער און סוחרים, טאקע נישט קיין גרויסע גאס אבער זי איז באוואוינט אויסשליסלעך כמעט פין יידען. מיר קומען צו צי דעם הויז און דעם האלץ סקלאד פין די משפחה ענגעל. די פרוי אאלמנה מיט איהרע זון — שלמה ישכר, אפרים, אשר און ראובן און צווייא טעכטער. זיי פירען אשיין יידיש הויז מיט אהאנדל פין קוילען און האלץ. זיי זענען אלע געווען ציוניסטיש געשטימט, און איינער פין די זון שלמה ישכר איז געווען דער גרינדער און פירער פין דער ביתר ארגאניזאציע. פין דער גאנצער משפחה איז קיינער נישט געבליבען.

אופנבאך שבתי

אשתו: בלימה.
בניו: יחיאל משה, יצחק לייבוש, ישכר, שלמה, אהרן מאיר.
בנותיו: פרימיט, בריינה.

יעצט קומען מיר צו צו דעם נייעם הויז אין ווינקל פין דער חאדעטשער און טילנא גאס. דא האט געוואוינט אפענבאך שבתי. ער האט געהאט אשפייז געוועלב, קיין עושר איז ער נישט געווען און קוים געהאט פרנסה פאר דער גרויסער פאמיליע זיינער, דאס איז געווען אנ׳אינטיליגענטע ציוניסטישע משפחה, ער איז געווען אייד אמשכיל, אהייסער מזרחי מיטגליד, אמאל געווען דאזאר אין דער קהילה, און א מיטגליד אין דער באנק פארוואלטונג. זיין מיטעלסטער זון יצחק לייבוש איז געווען דער אקטיווסטער אין דער מזרחי ארגאניזאציע. ער איז געווען אתלמיד ביים רב זעמעלמאן און אחבר אין השומר הדתי, געוועזן יארענלאנג אין אקבוץ אויף הכשרה, כדי אזוי ארום זוכה צי זיין עולה זיין קיין ארץ ישראל, און ליידער נישט פארווירקליכט זיין שטרעבונג, און צוזאמען מיט זיין גרויסער פאמיליע אומגעקומען דורך די נאצי מערדער, פין דער פאמיליע איז קיינער נישט געבליבען. דער עלטסטער זון יחיאל משה איז געווען אקטיוו אין דער פאלקס ביבליאטעק. אלע קינדער האבען באקומען ארעליגיעזע ציוניסטישע ערציהונג.

וואסרצוג נטע

אשתו: אסתר.



ר׳ נטע וסרצוג, אשתו: אסתר

מיר קומען צו צי דעם הויז פון געוועזענעם שטאטישען גביר ר׳ נטע וואסערצוג ז״ל, אייד אעושר, אתבואה סוחר און אשותף מיט מוקוטוב יצחק ז״ל. ער איז געוועזן ארעליגיעזער ייד, אגיטהארציגער און אנדבן. ער האט אינטער־שטיצט די אידישע רעליגיעזע לערן אנשטאלטען, ער איז געוועזן אמיטגליד אין דער באנק פארוואלטונג און געוועזן אגעשעצטע אנגעזעהענע פערזענדליכקייט אין שטאט. ביי איהם איז געוועזן אאפענע שטיב פאר נויטבאדערפטיגע און ארעמע מענשען. אין יאהר 1935 איז ער מיט זיין פרוי אסתר עולה געוועזן קיין ארץ ישראל, אבער לײדער ער איז צוריק געפארען קיין פוילן כדי צי ליקווידירען די געשעפטען און איינקאסירען די חובות פון די גוטבאזיצער, און אין צווישען איז אויסגעבראכען די צווייטע וועלט מלחמה, און ער איז געבליבען דארט און אומגעקומען ציזאמען מיט זיין פרוי דורך די נאצי מערדער.

זיכלינסקי לייזר

אשתו: רבקה רחל.

בניו: פינצ׳ה, בונים, בנימין, אברהם.



בונים זיכלינסקי



בנימין (יומעק) זיכלינסקי

אין ווינקעל פין מארק האט געוואוינט ר׳ לייזער זיכלינסקי ז״ל. דא האט ער געהאט אהורט און דעטייל שפייז געשעפט. ער איז געווען ארעליגיעזער ייד, אנ׳עושר, אבעל צדקה, און מכניס אורחים, אמיטגליד אין דער באנק פארוואלטונג. ער האט געדאווענט אין בית המדרש. זיינע גערעטענע זון פינטשע און בונים האבען איהם ציגעהאלפען פירען דאס געשעפט, פינטשע איז אויך געווען דער איינציגער ייד אין דער פייערלעשער קאמפאניע, אין יאהר 1935 איז ער געווען אויף אבאזוך אין ארץ ישראל. אלע קינדער זענען געווען זעהר אינטיליגענטע און באלעזענע מענשען, געווען טעטיג אין דער פאלקס ביבליאטעק און האבען געהאט פארדינסטען אויפן קולטור געביט אין שטאט. דער זון יאמעק איז געווען אין דער צעירי מזרחי באוועגונג. פין דער גאנצער פאמיליע איז געבליבען די איינציגע טאכטער באלטשע וועלכע לעבט אין מעקסיקא.

זיכלינסקי יהושע

אשתו: ... ומשפחתו.

אין זעלבען הויז האט געוואוינט זיין ברודער זיכלינסקי יהושע מיט זיין פרוי און פאמיליע. ער איז געווען אתבואה סוחר און אפערמעגליכער מענש. אגיט הארציגער און געשטיצט נויט באדערפטיגע, אשטילער, ארעליגיעזער, נישט געמישט זיך אין קיין קהילה ענינים.

ווײדען משה אהרן

אשתו: אווה ומשפחתו.

אין זעלבען הויז האט געוואוינט משה אהרן ווײדען מיט זיין פרוי און פאמיליע, ער איז געווען אהיטעל מאכער, געפירט אגרויסען ווארשטאט אין געהאלטן מענשן צו דער ארבייט. ער איז געווען ארעליגיעזער מענש און אדאזאר אין דער קהילה. ער איז אויך געווען טעטיג אין אנדערע אינסטיטוציעס און אמיטגליד אין דער באנק פארוואלטונג.

פרנקל בנימין

אשתו: אנדזיא.
בנותיו: מאלה, ריבטשה, אסתר.

אין דערנעבענדיגען הויז האט געוואוינט בנימין פרענקל, ער האט געהאט אנ׳אייזען געשעפט, אפארמעגליכער ייד. ער איז געווען איינער פון די גרינדער פון דער פאלקס ביבליאטעק. ערצויגען די קינדער אין רעליגיעזן ציוניסטישן גייסט. ער מיט זיין פרוי זענען געווען טעטיג אין קולטור לעבען אין שטאט. זיין טאכטער מאלע איז געווען אמיטגלידערין אין דער שומר הדתי ארגאניזאציע און אקטיוו באטייליגט זיך אין די העברעאישע קורסען וועלכע זענען דארט פארגעקומען. פון דער גאנצער משפחה איז ליידער קיינער נישט געבליבען.

פרוכובסקי וולף

אשתו : ברײנה.
בנו : יעקב.

אין זעלבען הויז האט געוואוינט וואלף פראכאווסקי, אשניידער, געפארען מיט דער סחורה אויף די מערק. געפירט אגרויסען ווארשטאט און געהאלטן מענשן צו דער ארבייט. ער איז געוועזן אדאזאר אין דער קהילה פארוואלטונג און ציוניסטיש געשטימט. אשטיצער פין קרן קיימת. ארעליגיעזער מענש און אויך די קינדער ערצויגען אין נאציאנאלען טראדיציאנעלן גייסט.

בוקס ישראל

אשתו : רוזשא.

דא קומען מיר צו צי דער ווארשאווסקע גאס אדער ווי מיר יידען האבען זי גערופען „די בית המדרש־גאס", ווייל אויף דער גאס איז געשטאנען דער בית המדרש. די גאס איז געוועזן באוואוינט אויסשליסלעך פין יידען, סוחרים און האנדווערקער, מארק פארער און ארבייטער. אין אנפאנג פין דער גאס האט געוואוינט דער אלטער קצב ישראל בוקס. אנאלטער ייד, צוליב זיין עלטער האט ער געפירט דאס געשעפט אויף א קליינעם מאסשטאב, געשאכטען אמאל אקעלבעל אדער אציג און פין דעם זיך מפרנס געוועזן.

ווישניעווסקי יוסף — אלמן

בנו : משה אלתר ומשפחתו.
בתו : בלומה.

ווישניעווסקי יוסף, אנ׳אלמן, ער האט אמאל געהאט אגעוועלב פין פארבען און קאלך נאר אויף דער עלטער האט ער געהאנדעלט מיט פרוכטען. ער איז געוועזן ווי דער רוב יידען אין שטעטל ארעליגיעזער און צווישען מנחה מעריב אין בית המדרש האט ער געלערנט ציזאמען מיט אנדערע „עין יעקב" ביי ר׳ לייב לענטשיצקי. ער האט געהאט אפארהייראטען זון משה אלתר וועלכער האט געוואוינט אין לאדז׳. די שטיב ווירטשאפט האט געפירט זיין טאכטער בלימה.

זיעלינסקי ישעיהו
אשתו: שרה.
בנו: חיים הערש. בנו הנשוי וולף ומשפחתו.
בנותיו: חנה, לאה.



קופרט חנה בת ישעיהו זיעלינסקי

זיעלינסקי ישעיה, אשניידער, געפירט אווארשטאט מיט דער הילף פון די קינדער און פארקויפט די אויף געארבייטע סחורה אויף די מערק, נאכהער האבען די קינדער געהייראט, וואלף האט געוואוינט אין האדעטש, און די עלטערע טאכטער חנה האט געוואוינט אין ווּלאצלאוועק, און די יינגערע טאכטער גענענדל האט געהייראט מיש פישל טאפאלסקי. אלע קינדער זענען געוועזן מיטגלידער אין דער פאלקס-ביבליאטעק, ישעיה איז געוועזן ארעליגיעזער ייד און געדאווענט אין דער שוהל. ער האט זיך נישט געמישט אין די קהילה ענינים און געוועזן אבעל צדקה. אויך זיין פרוי שרה איז געוועזן טעטיג אין העלפען נויטבאדערפטיגע מענשען.

דער זוהן חיים הערש איז געוועזן אאינטעליגענטער, אמיטגליד אין דער פאלקס ביבליאטעק פארוואלטונג און איינער פון די גרינדער פון דראמאטישען קרייז ביי די ביבליאטעק. אין די צוואנציגער יאהרען ווען עס האט עגזיסטירט אהכשרה פונקט אין פשייטש איז ער געוועזן פון די אקטיווסטע מיטארבייטער אין 1932 האט ער געעפענט אזעלבסטענדיג שניידער ווערקשטעל.

קלאדבסקי חיים

אשתו: רבקה הינדה
בניו: משה אהרן, אליה דוד, לוי.

קלאדאווסקי חיים, אשניידער, געפירט אאייגענעם ווערקשטעל באשעפטיגט צוויי מענשען, געוואוינט אין אנ׳אייגענע וואוינונג מיט זיין פרוי און 4 קינדער. ער איז געווען פין די יידען וועלכע האבען אסאך געוואוסט און ווייניג גערעדט. אחוץ דעם וואס ער האט געארבייט ביז שפעט אין דער נאכט, האט ער נאך געפינען צייט צי באטייליגען זיך אין געזעלשאפטליכען לעבען פין דער חברה תהילים און אין דער פאלקס באנק. זיין פרוי רבקה הינדה האט שווער געארבייט צו באדינען די גאנצע משפחה און מיטגעהאלפען ביי דער ארבייט פין איהר מאן, און אויך געפינען צייט און זיך פאראינטערעסירט מיט נויטבאדארפטיגע. זייער עלטסטע טאכטער רוזשה איז ניצול געווארען פין דעם היטלערישען גהינם, און נאכ׳ן אדורכמאכען אסאך ארבייטס לאגערן האט זי זוכה געווען צי קומען קיין ארץ ישראל. דאס איז געווען איינע פין די שענסטע משפחות אין שטעטל.

רפאל וולף לוונטהל

אשתו: אסתר.

לעווענטאל רפאל וואלף ז״ל געווען אייד אלמדן, אגביר און אנדבן, געפירט אגרויסען תבואה מסחר, און ווען זיין פרוי איז געשטארבען האט ער געהייראט פין לאדז׳ און דארט אוועק וואוינען.

זיכלינסקי דוד

אשתו: מאניא.
בן: שלמה.

זיכלינסקי דוד, אתבואה סוחר, פרעזעס פין דער קהילה פארוואלטונג און אויך אמיטגליד אין דער באנק פארוואלטונג. אין דער צייט פין דער נאצי אקופאציע איז ער געווען אויפגעצווינגען צי זיין דער יידען עלטעסטער ער מיט זיין פאמיליע זענען אומגעקומען אין חעלמנו.

פלאצקער משה

אשתו: שיינה איטה.
בנו: נחמן אבא.
בנותיו: פייגה, רוזשה.

משפחת פלאצקער, פיער קינדער זענען דארט געווען, צוויי טעכטער און צוויי זון. איאטקע האבען זיי געפירט, אפרומע טראדיציאנעלע משפחה זענען זיי געווען. די מוטער שיינע יטע איז געשטאנען אין די יאטקע און געווען די סוחרטע, זי איז געווען דער קצב, איהר מאן משה איז געגאנגען אין דערפער און געקויפט בהמות צום שעכטן און ציגעשטעלט פלייש פאר די יאטקע. קיין עושרים זענען זיי נישט געווען כאטש טובות צו טיען פאר מענשען האבען זיי ליב געהאט. די קינדער אין רעליגיעזן גייסט ערצויגען. קיינער איז פון די משפחה נישט געבליבען.

פאלקובסקי בצלאל

אשתו: בלימה.

די משפחה האט געפירט אקליין שפייז געוועלבעל, צו דעם האט דער מאן צוגעהאנדעלט מיט עופות אין דארף. קינדער איז דא נישט געווען. זיי זענען געווען גיטע מענשען און ליעב געהאט צו העלפען אנדערע. מיט געזעלשאפטליכע עניינים האבען זיי זיך נישט פארנומען. זיי האבען געפירט אשטיל ערליך לעבען.ביידע זענען אומגעקימען אין חלמנו לאגער.

זיכלינסקי שמשון

אשתו: פרימיט.

זיכלינסקי שמשון מיט זיין פרוי פרימיט, דאס איז די גאנצע משפחה. קיין קינדער האבען זיי נישט געהאט. דאס לעבען איז געווען רוהיג אבער אויך אנמוטיג. די גאנצע צייט האבען זיי געשפעגדעט פאר די ארבייט אין דעם היטעלמאכער ווארשטאט און געפארען אויף די מערק צו פארקויפען די אויף געגייטע סחורה. זיי זענען געווען שטילע פשוטע בכבודיגע פרומע מענשען.

ריבינסקי משה

אשתו: רבקה.
בניו: דוד, מיכאל.
בנותיו: שיינה, גיטל, מינדל.

ריבינסקי משה, אשניידער, אגרויסער בעל משפחה. אלע קינדער האבען איהם ציגעהאלפען אין דער פרנסה. די אויפגעניייטע סחורה האבען זיי פארקויפט אויף די מערק. די טעכטער זענען געווען וועש נייעריגס. זיי זענען געווען קולטורעלע מענשען, אין זייער שטיב איז געווארען פיעל געליינט. די עלטערן זענען געווען רעליגיעזע פרומע און גיטהארציגע מענשען.

זיעלינסקי משה

בתו: קאזער

זיעלינסקי משה, אנ׳אלמן, זיין שטיב ווירטשאפט האט געפירט זיין טאכטער קאזער. אזוי ווי פיעל יידען אין שטעטל האט ער קיין פאך נישט געהאט. ביסלעכווייס איז ער געווען אדארפס הענדלער און ביסלעכווייס איז ער געווען אגלעזער, און פין דעם אלעם קיין גרויסע פרנסה נישט געהאט. ער איז געווען אפרומער פשוטער ייד, געשטארבען אין יאהר 1932. קורץ פאר זיין טויט האט זיין יינגסטע טאכטער קאזער געהייראט און אוועק וואוינען אין וולאצלאוועק.

אופאס הערש

אשתו: שרה גיטל.
בניו: איטשע, דוד, שמואל לייב, אברהם, משה.
בנותיו אסתר דרעזה, רוזשה.

אפאס הערש — זיין פרוי שרה גיטל מיט זיבען קינדער — פינף זון און צוויי טעכטער, פין פאך אשניידער, ארעליגיעזער מענש און ערצויגען די קינדער אין נאציאנאל רעליגיעזען גייסט. געווען סימפאטיקער פין דער מזרחי באוועגונג. די קינדער האבען איהם ציגעהאלפן אין דער פרנסה. שווער האט די משפחה געארבייט ביז שפעט אין דער נאכט, און קוים געצויגן פרנסה פאר די גרויסע משפחה פין וועלכע עס איז קיינער נישט געבליבען.

עם סיום רשימת יקירינו קרבנות השואה אנו מקדישים דף זה לזכרם של בני עירנו שלחמו בשורות הצבא הפולני נגד קלגסי הנאצים ונפלו במערכה.

החייל	נטע בן שמואל לייזער קרעל	1939—1916
"	עזריאל בן מאניא דאניעלסקי	1939—1910
"	יצחק בן ראובן פראנקענשטיין	1939—1917
"	יצחק (איטשע) בן מאניא דאניעלסקי	1939—1917
	נפלו בקרב.	
"	נפתלי בן לייב קלאדווסקי	1939—1910
"	אחיו, חנן בן לייב קלאדווסקי	1939—1912
"	מיכאל הערש בן יחיאל יוסף גולדמאן	1939—1915
	נרצחו בהיותם בשבי הגרמני.	
	הערש בן משה טאפאלסקי	1944—1912

נפל בקרב עם הגרמנים אחרי השתתפותו במרד האסירים ופיצוץ הקרמטוריום במחנה בירקנאו.

תהיינה שורות אלו מצבה לזכרם

ת.נ.צ.ב.ה.

בני עירנו שנפטרו לאחר השואה

לזכרון עולם
ר׳ ישראל רוסאק ז״ל
בן ר׳ משה אהרון ז״ל
נפטר ביום ח׳ ניסן תשי״ט

מתאבלות:
אשתו, בנותיו ואחותו



ישראל רוסאק ז״ל

ימניק ראובן

ישראל רוסק ז"ל

הכרתי אותו מנעורי עוד בהיותו בבית הוריו בפשייטש. בחור שלמד חייטות, צנוע פשוט, מסתפק במועט, ועם חיוך תמידי על שפתיו, בן למשפחה עניפה ומכובדת בעיירתנו. אביו ר' משה אהרן ז"ל היה מזכיר הקהילה היהודית, יהודי דתי ופיקח. בקי בעניני העולם והיהדות, נואם טוב, אינטליגנטי, יודע ספר, אוהד התנועה הציונית וחבר המזרחי. כשישראל ז"ל התבגר עזב את בית הוריו ועבר לעיר לודז'. שם היו לו סכויים טובים יותר להסתדר בחיים, כבעל מקצוע חייט, עבד שם עד פרוץ מלחמת העולם השניה.

כשנכנסו קלגסי היטלר לפולין, הצליח לברוח בדרך לא דרך לרוסיה, עבד שם קשה להרוויח למחייתו, אך כל הזמן שמר על יהדותו, התפלל ושמר את השבת מחללו. שם הכיר את אשתו, תבלח"א, מרים. ולפי עדותה כשראתה אותו, בחור הנמצא במצוקה ודחקות, עזוב ובודד ובקושי מרויח למחית נפשו, וכשמגיע זמן להתפלל תפילת מנחה — פונה הצידה ומתפלל, אז החליטה שעם בחור כזה כדאי להתקשר לחיים משותפים, והם נישאו שם ברוסיה. עברו עליהם כל זוועות המלחמה, וכשנגמרה יצאו מרוסיה ועברו לגור בעיר לודז', זאת היתה כמובן רק תחנת מעבר לזוג הצעיר. אחרי שנולדה להם הבת הבכירה זהבה והבת השנית רחל, עלו לישראל וגם כאן היו להם חיים קשים. עברו את כל קשיי הקליטה של הימים ההם, שנות החמישים הראשונות, תקופת המעברות, חיי צנע, אין מקום דיור, אין פרנסה, אין עבודה. הזוג גר במעברת פרדס־כץ באוהל דולף, ללא כל שרותים חיוניים, ולגדל שתי פעוטות בחוסר תנאים סניטריים מינימליים היה קשה מנשוא. ובאחד הימים ישראל היה בעבודה, התנפל נחש על אשתו מרים, שהסתנן לתוך האוהל מתוך סבך השיחים שמסביב. לקול צעקותיה, באו השכנים הטובים לעזרתה והרגוהו. כעבור תקופה די ארוכה עברו לגור לבני ברק בשכון ה', שכונה דתית שהקים הפועל המזרחי, והם קבלו שם דירה של שני חדרים כי רצו לגור בשכונה דתית. ישראל ז"ל היה איש דתי, שומר שבת, מתפלל קבוע בבית הכנסת הגדול בשכון ה'. נתן לבנותיו חנוך דתי. כעבור זמן מה קבל עבודה קבועה בעירית בני ברק, אך אז כשהתחיל כבר אור השמש לזרוח גם לו והגיע פחות או יותר למנוחה, מסודר בעבודה, בדירה ובית יפה, אז פגע האסון המחריד את ביתם השליו כרעם בצהרים, ובדמי ימיו בהיותו בעבודה בעיריה, חש ברע, כרע ונפל. נפטר בח' ניסן תשי"ט ולא זכה לרוות נחת משתי בנותיו שהיו כה יקרות לו. הספידוהו הרב המקומי פרידמן שליט"א משכון ה'. נקבר בבית הקברות של שומרי שבת בזכרון מאיר בבני ברק. יהי זכרו ברוך, ות.נ.צ.ב.ה.

לזכרון עולם

הגב׳ רבקה דאניעלס ז״ל
לבית קרוננברג

דמותך האצילה והיפה עומדת תמיד לנגד עיני.
זכרך שמור בלבי לנצח.

נפטרה בארה״ב בשנת 1969

בעלה: משה הערש דאניעלס.



גב׳ רבקה דניעלס, ז״ל

לזכרון עולם

הגב׳ גאלדה ז״ל

בת ר. מיכאל הערש ניימארק ז״ל

אשה צנועה ופעילה בחיי הקהילה היהודית.

נפטרה בבראזיל בשנת 1971

משפחתה, ואחיה: שמחה.



גב׳ גולדה ניימארק ז״ל

לזכרון עולם

דוד בן כתריאל ומאשא
יאקובובסקי ז״ל

נפטר בבוסטון שבארה״ב ב־16 לאוגוסט 1972
בגיל 70




דוד יעקובובסקי

דוד יאקובובסקי דער זוהן פון כתריאל, געבוירען אין פשייטש, אנהויב צוואנציגער יאהר הינדערט. אין זיינע יוגענד יאהרען איז ער געווען איינער פון די ערשטע וועלכער האט אנגעהויבען אריינצוברענגען קולטור אין שטעטעל. ער איז געווען פון די ערשטע מיטגלידער פון דער פאלקס ביבליאטעק, ער האט אויך געלייגט דעם גרונטשטיין פון אנהויב דער ציוניסטישער באוועגונג אין פשייטש מיטן גרינדען דיא „הרצליה" ארגאניזאציע. זיין לעבען האט ער געשפענדעט פאר קולטורעלע און געזעלשאפטליכע ארבייט.


די דייטשע גיהינם צייט האט ער אדורך געמאכט אין לאדזער געטא און אין אנדערע לאגערן. נאך די באפרייאונג האט ער עמיגרירט קיין אמעריקא און דארט פארענדיגט זיין שיין ווערטפול לעבען.

עהרע זיין אנדענק.

משה יכימוביץ ז"ל, האב
נפטר א' אייר תשל"ב
1902—1972
הבן מאיר יכימוביץ ז"ל
נפטר כ"ח אדר תשל"ג
1946—1973



יכימוביטש מאיר



יכימוביטש משה

קראנו לו מאיר ע"ש הסבא יעקב מאיר ז"ל מנכבדי עיר פשייטש. נולד בפשייטש אחרי המלחמה. נסינו לשקם את חיינו בעיר מגורינו מלפני המלחמה, אולם הסביבה העויינת שעזרה לגרמנים בחיסול יהודי אירופה ועיר פשייטש לא הסכימה לקלוט אותנו מחדש. בשנת 1957 עלינו לארץ. מאיר מסיים בית ספר עממי בת"א וממשיך בבית ספר מקצועי. עם גיוסו לצה"ל התנדב לקומנדו הימי והצטיין באומץ רוחו. השתתף בפועל במלחמת ששת הימים. לאחר שחרורו התקבל לעבודה במפעל צבאי ושם הצטיין בעבודתו. נשא אשה ונולדו להם שני ילדים. מספר חדשים לאחר פטירת אביו משה חלה, לאחר ארבעה חדשים המחלה הכריעה אותו.

נולד: 10.4.1946
נפטר: 2.4.1973

אבלים: אמו, אשתו ושתי בנותיו ואחיו.

סיום

מיר קימען שוין צו צו די לעצטע וואוין ערטער פון די יידען אין שטעטעל, דא פארענדיגט זיך דער שפאציר.

ניין, נישט אמת, מיר ענדיגען נישט.

מיר וואנדערן איבער די געסלעך פון אינזער געבורט שטעטעל.

אינזער זכרון וועט פון צייט צו צייט וואנדערן איבער די ערטער ווי רוצחישע קריפלען האבען מיט געוואלד איבערגעריסען דאס לעבען פון מענשען וועלכע האבען קיין מעגליכקייט נישט געהאט צו ווידערשטעלען זיך.

קימענדיג אין קאנטאקט מיט בערך טויזנט אינזערע נאנטע האבען מיר געפריווט אויסצוהארכען די גרויזאמע ערצעלונגען פון זייער לעבען און אימקום. מיר האבען באזוכט כמעט צוויי הינדערט וואוין ערטער. פון שטיב צו שטיב זיינען מיר געגאנגען. מיט קליינע אויסנאמען זענען דאס געווען איין צימער וואוינונגען. אין די קליינע לעבענס ערטער האבען זיך געפינען ווארשטאטען, פון וועלכע מען האט געצויגען הארעפאשנע פרנסה ווי משפחות פון זיבן, אכט, און מער פערזאן האבען געהאט איין טיש, צוויי בעטען, דא האבען זיך געפינען דער קאך צימער, דער שלאף צימער, דער עס צימער, מיט אלע היגיענישע באדערפעניששען צוזאמען. ביי איין משפחה אין אדאך צימער האבען מיר נישט געזעהן קיין שום מעבעל. אין אווינקעל פון דעם טינקעלען ארט איז געווען אבגעגרעניצט מיט צוויי ברעטער ווי עס האט זיך געפינען שטרוי צוגעדעקט מיט גראבע לייוענט צוזאמען גענייט פון זעק. דא איז געווען דער שלאף ארט פאר זעקס פערזאן. דאס איז געווען דער אברוהארט, און דער זיץ ארטביים עסען.

אין פיעל שטיבען איז נישט געווען וואס צו קאכען, און מיט וואס צו ברענען אין די קיכען. ווייניג פרייד האבען די מענשען אין זייער לעבען געהאט. און פיעל געהארעוועט אויף דעם ארעמען אויסהאלטען זיך.

מיר האבען זיך געטראפען מיט די אנפירער און ארגאניזאטארען פון פארשידענע פאליטישע לעגאלע, און אים לעגאלע ארגאניזאציעס, און מערסטענס יוגענט. אלע האבען געזיכט אלעזונג פאר די יידען פראגע אין פוילען, אלע זענען עהנליך צו זיך, מיט די זעלבע דאגות. חאטש נישט אויף די זעלבע וועגען געגאנגען.

עס האבען אויך געקלינגען אין די פארטייאישע לאקאלען יונגע קולות, לידער און הימנונען, פלעגען זיי זינגען, אידישע פאלקס לידער, העברעאישע לידער, פוילישע אויך. עס האבען געקלינגען די ווערטער פון „התקווה". עס האבען געברויזט די מעלאדיעס פון אינטערנאציאנאל און מארסעליאנקא. אלעס מיט ערנסטקייט און צוטרוי, אבער אין די פרייליכע לידלעך האבען מיר אויך געהערט געלעכטער געפלאכטען מיט טרערען.

מיר האבען אויך געשמועסט מיט אנפירער פרייוויליגע פון פילאנטראפישע אינסטיטוציעס, ווי גמילות חסד קאסע, ביקור חולים, לינת הצדק, הכנסת כלה. זיי האבען אינז איבערגעגעבען אז נויטבאדערפטיגע איז געווען פיעל, האטש נדבנים איז אויך געווען פיעל, אבער אלעס האבען זיי ליידער נישט געקענט

דעקען. ווייל די פינאנסיעלע לאגע פון פיעל יידישע משפחות איז געווען זעהר אשווערע.

מיר האבען געשמועסט מיט עלטערע מענשען, מיט יונגע לייט, מיט קינדער, מענער און פרויען, אין פארשידענע שעה׳ן פון טאג און נאכט. זומער אין ווינטער, אין פרילינג און סתיו, טריט ביי טריט, אויפמערקזאם און פארזיכטיג האבען מיר געריקט זיך איבער די געסלעך פון שטעטעל, איבער באיורעס, בלאטעס און רעגענס, איבער זאמדען און זומפען, געגליטש׳ט זיך איבער די נאסע שטיינער מיט וועלכע די געסלעך זענען געפלאסטערט, צוזאמען מיט אלע האבען מיר איבערלעבט דעם אריין־מארש פון די מערדערישע באשעפענישען. דאס פייניקען די יידען אין מיטן מארק, דאס שערן די בערד. מיט גרויס ווייטאג מיטגעוויינט מיט דעם פייער וועלכע האט געפרעסען די שול. בייגעשטאנען ביים זאמלען דאס געלט פאר די דייטשען (קאנטריבוציע) פאר פארברענען דעם מקום קדוש אינזערן, געשטאנען זענען מיר ביים פלויט פון בית הקברות ווען די אנדערע האבען צונישט געברענגט די קברים, און געהערט די חוזק ווערטער אויפן חשבון פון די וועלכע האבען דארט שוין הינדערטער יאהרען גערוט, און געהאט דעם זכות צו שטארבען אנאטירליכען טויט.

מיר האבען געזעהן בליקען פון מענשען וואס האבען געזאגט אנטשולדיגט מיר וואס איך לעב.

קליינע קינדער וועלכע האבען נישט פארשטאנען דעם טויט האבען וועגען „חלמנו" גערעדט ווי אלטע — און געוויסט אלע איינצעלהייטען פון דעם פאר־ברעכערישען ארט און ציטערנדיג געשעפטשעט איך וויל לעבען. מיר הערען נאך היינט דעם געוויין פון די מאמעס דריקנדיג צו די ברוסטען זייערע קליינע קינדער. עס זענען פאראן זכרונות וואס ברענען און שטעכען, און לאזען זיך נישט איינשטילען, און מען טאר זיי נישט טעמפ מאכען.

דאריבער שפאנען מיר נאך אלס איבער די געסלעך און זיכען און הארכען, מיר קאנען דעם גאנג נישט איבער־רייסען.

דארט איז דאס ארט, דאס איז דאס ארט.

אינזער אלעמענס געדאנקען קערען זיך דארט אהין.

ארגון יוצאי עיר פשייטש

ראשיתו של הארגון כאשר נתקבצו כל יוצאי עירנו בישראל בחול המועד פסח 1961 לפי הזמנת הח' בילבסקי משה, לוין יצחק, ימניק ראובן, בביתו של הח' בילבסקי. הוצע להנציח את יקירינו, קרבנות השואה, ע"י הקמת לוח זכרון במרתף השואה אשר בהר ציון בירושלים. החברים קבלו את ההצעה בהתלהבות. הוקם וועד, הח' בילבסקי, ימניק, לוין, מוקוטוב, שווייצר והגב' לאה פניני־זמלמן. נתרמו סכומי כסף למטרה זו על ידי כל יוצאי עירנו בארץ ובתפוצות.



יוצאי פשדץ' במרתף השואה בעת הסרת הלוט מלוח הזכרון של קדושי עירנו

ביום הזכרון ז' אייר תשכ"ג עלו כל יוצאי עירנו בארץ לירושלים. נערך טכס זכרון באוהל יזכור של „יד־ושם" בהר הזכרון. הודלק נר זכרון, נאמרו פרקי תהלים וקדיש על ידי כל החברים, וכן אל מלא רחמים ע"י חזן לזכרם של קדושי פשייטש.


כן הונח זר פרחים על הקבר הסמלי במקום. לאחר מכן עלינו להר ציון, מקום מרתף השואה, להסרת הלוט מעל לוח הזכרון. גם כאן נערך טכס על ידי חזן, הדלקת נרות לזכרון הקרבנות ודברי הספד על ידי אחד החברים, וכן תפילת מנחה ואמירת קדיש כללית לעילוי נשמתם. באותו מעמד הונח זר לרגלי האנדרטה הנמצאת במקום להנצחת גבורתם של לוחמי גיטו ורשה, אשר כפי שידוע הרב זמלמן היה אחד מלוחמיה האמיצים ונפל על משמרתו בגיטו. בסיום עצרת האזכרה הוזמנו כל המשתתפים לביתם של משפחת ברנד.

באותו מעמד הוצע לחברים להמשיך במפעל ההנצחה ע"י הוצאת ספר יזכור. במקום נתרמו סכומי כסף ראשונים למטרה זו.


מדי שנה ביום הזכרון אנו מקפידים ועורכים ערב זכרון בתל־אביב בהשתתפות כל יוצאי עירנו וכן אורחים מבני עירנו מחוץ לארץ. נערכת עצרת זכרון, נאמרים דברי הספד וכן יזכור ואל מלא רחמים ע"י חזן. כן גם נאמרים פרקי תהלים וקדיש כללי ע"י כל המשתתפים.

עם הופעת הספר הוספנו נדבך למצבת הזכרון של יקירינו קרבנות השואה.

ת.נ.צ.ב.ה.



נר זכרון שהודלק באוהל יזכור על ידי הח' לוין ביד-ושם



הגב' רוזשה מוקוטוב מדליקה נרות הזכרון ליד רשימת הקדושים בערב הזכרון שהתקיים באולם ק.ק.ל. בת"א.



בלומה צוקרמן (מוקוטוב)
חוה ראוך וילדיה:
מאוניעק ומאניה

(ראה עמוד 322)

כתובות יוצאי עירנו בישראל

בילבסקי משה, רמת־גן, רח׳ חרות 49
בילבסקי יוסף, רמת יצחק, רח׳ השר משה 25
בילבסקי אברהם, גבעתיים, רח׳ קק״ל 23א׳
לוין יצחק, בני ברק, רח׳ חולדה הנביאה 5.
מנדלינגר שרה, בני־ברק, רח׳ חברון 17 (לבית גולדמן)
פולמן אסתר, רמת גן, רח׳ הגת 10 (מבית סוחצ׳בסקי)
יכימוביץ שושנה, רמת גן, רח׳ הגת 6 (לבית קלודבסקי)
שווייצר לוי, קרית מוצקין, חיפה, רח׳ קק״ל 38
גרבינסקי זהבה, קרית חיים, חיפה, רח׳ נ׳ז מס׳ 4 (לבית זיכלינסקי)
ימניק יהושע, קרית־ים א׳, חיפה, רח׳ קק״ל 7.
ימניק ראובן, בני ברק, רח׳ מימון 33
דוידוביץ יהושע, יד אליהו, תל־אביב, רח׳ נגבה 8.
מקוביצקי שאול, תל־אביב, רח׳ ריינס 54
מוקוטוב משה, תל־אביב, רח׳ רמברנדט 18.
גב׳ מוקוטוב רוזשה, תל־אביב, רח׳ רמברנדט 18.
גב׳ יכימוביץ בלה, תל־אביב, רח׳ אשתורי הפרחי 16 (לבית גולדמן)
גולדמן פישל, חיפה — נוה שאנן, רח׳ טרומפלדור 35
גב׳ רוסק מרים, שכון ה׳, בני ברק, רח׳ שח״ל 29
גב׳ גרייף צפורה, תל־אביב, דרך השלום 87 (לבית רוסק)
זיכלינסקי חיים, תל־אביב, רח׳ שטנד 17
זיכלינסקי הרש, יבנה הדרומית, בניה ד.נ. עמק שורק
הימל מניה, כפר מישר ע״י גדרה, ד.נ. עמק שורק
אטינגר חיה, קרית טבעון, רח׳ אלונים 76 (מבית יקובוביץ)
אטינגר יונה, קרית טבעון, רח׳ השקדים 3 (לבית יקובוביץ)
איגלינסקי ישראל, חיפה, רח׳ פבזנר 42
פודר יסכה, קרית שלום, תל־אביב, רח׳ הקשת 6א׳ (לבית אברמוביץ)
ברנד אהרן ומלה, ירושלים, רח׳ רמב״ן 7 (אורבך)
ברג אסתר ושמעון, אפרידר־אשקלון, רח׳ העצמאות 84 (לבית זמלמן) ע״י מגדל המים
פניני יעקב וגלילית, רח׳ גלעד, בית שער השמים, ירושלים, עיר עתיקה (זמלמן לאה)

כתובות יוצאי עירנו בתפוצות
די אדרעסען פון אונזערע לאנדסמאנשאפטן אין אויסלאנד

Aftergut Irena, 12 Clifford Way, London No. 10, England
ירקה דאניעלסקא

Brym Fajga, 40 First Ave., New-York NY. 10009, U.S.A.
פשדצקי פייגה

Daniel Morris, 3006 W. Arthur Ave., Chicago Ill., 60645, U.S.A.
משה הרש דאניעלסקי

Daniels Milton, 6650 N. California Ave., Chicago Ill., 60645, U.S.A.
מרדכי וולף דאניעלסקי

Daniels Sol., 6436 N. Damen Ave., Chicago Ill. 60645, U.S.A.
זלמן דאניעלסקי

Daniel Israel, rua Gr. L. Lorena 333, 4 an ap 402. Sao-Paulo, Brasil
ישראל דאניעלסקי

Dyskin S., 36 rue de Chambery 36, Paris 15e, France
סאלה סוחצ׳בסקי

Fisher Jacob, 8595 Linnehaven Drive, Cincinnati 36, Ohio, U.S.A.
יעקב פישר בן משה

Hyman Hershberg, 7 Oakland Cirkle, Winchester, Mass 01890, U.S.A.
חיים הרשברג

Jamnik Leo, rua Correa dos Santos 249 c/7 Sao-Paulo Brasil
לייבוש ימניק

Jakubowski M., 1685 Lovis St., Laurent 379, Montreal, Canada,
משה אהרן יאקובובסקי

Morgenstern Saul, 2045 Bogart Ave., Bronx — N.Y. 10462, U.S.A.
ישכר מארגענשטרן

Musman Eva, 2613 Ocean Ave., Brooklyn, N.Y. 11229, U.S.A.
חווטשע זיעלינסקי

Moss David, 473 Golf Court, No. Woodmere L, I 11581 N.Y., U.S.A.
קיילה ווישניבסקי

Moss Mark, 3420 Cadenbrook Road, Ats. 18 Cleweland, Ohio, U.S.A.
גולדמן רוניה

Neumark Simao, rua Tatui No. 122, Sao-Paulo 01409 Z-5, Brasil.
נוימארק שמחה

Pizer Morris, 1311 Brightwater Ave., Brooklyn N.Y. 11235, U.S.A.
פשעדעצקי משה שיע

Peyser A., 1942 Bath Ave., Brooklyn 14 N.Y., U.S.A.
בת זלמן בוקס
Rapaport Morris, 4323 W. Jarvis Ave., Lincolnwood 46 Ill. U.S.A.
רפופורט משה
Skowronsky Henry, 405 W. Monroe, Springfield Ill. 62704, U.S.A.
סקוברונסקי חיים
Skowronsky Jack, 5425 N. Kimbal Ave., Chicago Ill. 60625, U.S.A.
סקוברונסקי יעקב
Topolski Jacob, 5 Hickory Hill road, Eastchester N.Y. 10709, U.S.A.
טופולסקי יעקב
Torner Arje, 2620So. Veitch St. No. 3 Arlington Va. 22206. U.S.A.
טורנער אריה
Toronchik Jack, Ahte Brown 324, Prou. B.S.A.S., San Isidro, Rep. Argentina
טורונצ׳יק יעקב
Weis Jack, 30 Sherman Place, Moriston New Jersy 01960 U.S.A.
רבסקי יעקב
Wishnewsky Zelig, 5 Brighton 4th Terace, Brooklyn N.Y. 11235, U.S.A.
ווישניבסקי זעליג
Wishniak Herman, 2711 Louisianna Corrt. St. Louis Park, Minn 55426, U.S.A.
ווישניבסקי הרשל
Zychlinsky H., Jojuffla No. 65, D. F. col. Condesa, Mexico
ז׳יכלינסקי בלצ׳ה
Zelin Abram, rue Beranger 8, Paris 3e, France.
זיעלינסקי אברהם עוזר
C. Zielinski, 2027 C. Street U. NE. dn. Nebraska 68510, U.S.A.
זיעלינסקי חיים

לתולדות פשעדעץ ויהודיה

מאת: פרופ׳ ד״ר אהרן בראנד-אורבן

ארגון יוצאי
עיר פשדץ׳ (פשייטש)
בישראל

פשדץ — סקירה היסטורית כללית

שם העיר פשדץ׳, (Przedecz) והוא מופיע בצורתו זו בכל הדוקומנטים ההיסטוריים הפולנים ואולי אף בקדומים ביותר.

ביידיש נקראה העיר בשם פשייטש (פשייץ׳) ובתקופת השלטון האבטונומי של יהודי פולין, 1580—1764, כלומר בתקופת וועד ארבע ארצות (ועד שלוש ארצות, ועד חמש ארצות) העיר נקראה פשעטש ונמנתה על מדינת פולין גדול וויוודות בריסק־דקויאווי, (Brzesc Kujawski) המכונה בספרות הרבנית בריסק־קויא. בתקופת פולין שבין שתי מלחמות העולם העיר שייכת היתה לפוויאט ולוצלווק ועד שנת 1936 לוויוודות וורשה, אח״כ לוויוודת פומרניה, כלומר של העיר טורון (Torun). בשנים האחרונות למדינת פולין אשר טרום מלחמת העולם השניה הועברו שטחים גדולים שהיו שייכים לוויוודות ורשה ולודז׳ לוויוודות טורון — פומרניה (Pomorze) ופוזן (Poznan) במטרה להשכיח את חלוקת פולין ולהדגיש את השתיכותם של אזורים פולניים אמיתיים לאלה שנספחו בחלוקת פולין לפרוסיה. זו היתה א״כ הסיבה האמיתית להעברת האיזור בו נמצאה פשדץ לוויוודות טורון.

מבחינה גאוגרפית נמצאת פשדץ בנקודה לא מרוחקת שם מתחברים הפוויאטים של קולו (Kolo) (קויל — ביידיש) שעל נהר הוורטה, קוטנו ולוצלווק (Wloclawek). היא מרוחקת 9 ק״מ מקלודווה (Klodawa) הנמצאת בדרומה, 9 ק״מ מכודץ (Chodecz) (כאטש — ביידיש) הנמצאת מצפונה, 27 ק״מ מקולו שמדרום, 24 ק״מ מקרושניוויץ ממזרח ובמרחק של כ־10 ק״מ היו גם העירות איז׳ביצה קויווסקה (איז׳ביץ ביידיש), ברדוב (Brdow) ודומברובצה. כלמנו (Chelmno), אתר ההשמדה הראשון של הנאצים בו הוכחדו יהודים מהסביבה כולל פשדץ׳, מרוחק כ־30 ק״מ מהעיר.

פשדץ נמצאת על גבעה שעל חופו המזרחי של אגם פשדץ׳ המתפשט בצורת חצי גורן מדרום לצפון וארכו 3 ק״מ ורחבו ק״מ אחד. באמצעות ביצות המצויות ליד ארקושבו (Arkuszewo) ופלג שליד זבייבו (Zbijewo) נמשך פס ארוך של אגמי מים עד לכפר שצ׳צין (Szczecin). באמצעות הנחל Zglowiaczka קיים חיבור בכוון לוויסלה. מלבד זה היו מימי האגם קשורים גם לצד מערב באמצעות האגמים Modzerowskie, Korzecznik לימת גופלו (Goplo) ולאזור הידוע כעריסת ההיסטוריה הקדומה של פולין והנמצא כ־35 ק״מ מרוחק מן העיר — בואכה לגניזן (Gniezno) בו ישבו מלכי פולין הראשונים ובו התרכז גם הקשר עם גרמניה כפי שנסתמן כבר מבקורו של אוטו השלישי בשנה 1000 לספירה.

ראוי להתעכב על האטימולוגיה של המלה Przedecz עליה לא יכולתי למצוא כל רמז בספרות. נראה לי שהמקור הוא מ־przedzic (היום Wyprze-

dzac), כלומר להקדים וללכת ולעבור. כאנלוגיה לכך היא האטימולוגיה של העיר הסמוכה Chodecz מהמקור chodzic. מושגים אלה מצביעים שערים אלה שמשו מעבר להולכי אורח. ערים אחרות שבסביבה מורים על שמוש לשוני מעין זה, Kowal, Kolo, Konin שמשמעותם נובעת מנסיעה ברתמת סוסים וכן Izbica, Klodawa שמשמעותם קשורה במעבר בנחל.

אפשר להעביר קו ישר בין קליש קולו פשדץ וכודץ ועד לוולוצלווק שעל הוויסלה ומשם לטורון ולמזוביה, דרך, שנראה לי, שמשה בתקופה הנדונה מעבר למסחר בכלל וביחוד לזה בענבר, בכיוון למרכזו של החוף הדרומי של הים הבלטי העשיר בחומר זה.. בתחילת ההתישבות המאורגנת באזור זה, שחלה בתחילת האלף הנוכחי היה החבל הזה דווקא אזור בו התרכז המסחר בענבר. במאה ה־12 משתלטים הצלבנים על מכירת הענבר ונוצרים צכים (Zucnfte) המארגנים את קניות הענבר מן הצלבנים. סחר של ענבר היה בידי הנסיכים של Pomerellen — פומרניה הקטנה, שהיא חלק מפרוסיה המערבית המשתרעת על החוף השמאלי של הוויסלה בין פומרניה ואזור פוזן ועד לים הבלטי. מנסיכים אלה הוא עבר לצלבנים ובתחילת המאה ה־14 הועבר לידי דייגי דנציג והמנזר של אוליווה.

על כל פנים האזור הגאוגרפי של אגם פשדץ וגם העיר נראה לי אידיאלי למעבר של סוחרים ובפרט סוחרי ענבר וגם של מציאות יהודים מוקדמת שם, שבאו מצד דרום מערב — קליש, ומצד מערב — גניזנו, ובכוון לוולוצלבק. מן הראוי לציין שבמקומות אלו, נמצאו מטבעות של טובעי מטבעות יהודיים עם כתבות בעברית, מהמאות הראשונות של האלף השני.

נוף פשדץ הוא נוף טפוסי לאזור קויאווי. ארץ אפקים רחבים שטוחה, גבוהה עד מימת גופלו ויורדת אטית בכיוון לוויסלה, מכוסה ביצות, חולות או גבעות יער קטנות. האזור מתחלק לאזור עשיר בכרי מרעה רחבים עליהם גדלים אילנות מעטים ואזור יערי יותר, הנמצא מאחורי בריסק וקובל. באותו אזור מצוי בעיקר האורן, הלבנה ומקצת האלון. אגמים רבים התיבשו או יובשו ובמקומם טופחו כרי דשא למרעה. החקלאות מפותחת והאיכרים עשירים. המלבוש העממי של אנשי קויאוו ידוע היה בפולין כצבעוני עם גווני כחול בעיקר. מטפחות הראש של הנשים היו אדומות פרחוניות. העיר פשדץ שצמחה ממערב לאגם פשדץ נמצאה בליבה של פולין מראשית קיומה ויישובה מתחיל באלף הנוכחי.

העיר קלודווה הסמוכה, המשמשת תחנת מעבר מצוינת מדרום מערב לפשדץ, ידועה כבר מבחינה היסטורית היטב מן המאה ה־11. המלך בולסלב עקום־הפה נולד שם ב־1085. קלודווה מהווה אח"כ מרכז לתרבות פולנית קתולית. יושבים כאן מלומדים ידועי שם ונוסדים בתי ספר מפורסמים. מלכי פולין מהמאה ה־14, ה־15 וה־16 מבקרים כאן תכופות תוך הקנית זכויות לעיר. אין ספק שקיימת השפעה מכאן על העיר פשדץ.

ציון היסטורי של פשדץ קיים כבר משנת 1136 כאשר האפיפיור אינוצנט הראשון, באשרו את רכושם של הארכיבישופים של גניזנו, מזכיר את אגם

העיר בשמו Przedecz. בוודאי ידועה היתה למקום זה חשיבות מיוחדת בגלל היותו מקום מעבר לסוחרים ובגלל מושבות הדייגים בסביבה. זכויות עירוניות קיבלה פשדץ עוד לפני 1393.

אבירי הצלב (Krzyzacy) נלחמו באזור זה מלחמות רבות עם הפולנים ופשדץ הפכה ב־1339 מושבה צבאית של אלה. הם הם שבנו כאן מבצר וכנוהו בשם מוסבורג (Mossburg), שם שבו השתמשו הנאצים לכנוי העיר לאחר כבושה. בשנת 1360 רכש המלך קזימיר הגדול את אדמות המקום מאת הארכיבישוף ירוסלב סקוטניצקי של גניזנו. הוא שפך על מבצר אבירי הצלב סוללה שנסללה במיוחד באורך 100 מ׳ וברוחב 20 מ׳ ובגבה 10 מ׳, והפכה לטירה כבירה. שרידי הטירה נמצאים במקום עד היום.

זימוביט (Ziemowit) נסיך מזוביה מוסר ב־1383 את העיר על כל זכויות הנסיכות ל־ Bartosz Wezenburg. בשטר מכירה זה מצויינת העיר כחלק של „ארצנו קויאוו" "terra nostra Cuyavie" והמבצר מיוחס מבחינה גיאוגרפית ל„קלודווה עילית" "Super Klodawa". ב־1437 נמצא בפשדץ מבצר הגנה הנ"ל תחת שלטון הקשטלן מווישליצה. הוא מאשר לבני העיר את נהול חייהם לפי חוקים גרמניים (חוק מגדבורגי) ומקנה זכויות מיוחדות למקום. בשנת 1459 היתה העיר קטנה וספקה רק שני חיילים מזויינים למלחמת מלבורג. זכויות הקשטלן מווישליצה נתאשרו ב־1562 ע"י המלך זיגמונט הראשון (הזקן).

בתקופה זו היתה העיר בירתה של פוויאט. ב־1538 נהרסה ע"י שרפה והמלך זיגמונט השני אוגוסט מקנה לה בהבנותה, מיד עם עלותו לשלטון ב־1548, זכויות מיוחדות כדי לקדם את התפתחותה. עליו לצמצם את זכויות הסטרוסטה ולאשר את זכויותיהם של בני העיר משנת 1437. האציל וויצ'יך קוריצינסקי (Wojciech Korycinski) שר הצבא (Chorazy) של קליש, הנתמך ע"י ה־ Bona, אשת המלך, מתמנה סטרוסטה, קונה יערות וכפרים ממוכתר (Soltys) המקום ומתחייב להקים מחדש את הטירה העתיקה ההולכת ונהרסת. הטירה שוקמה ב־1555, וזיגמונט אוגוסט משתדל להקנות זכויות לטובת האיכרים. מענין שהוא מקנה להם גם כזכות עיקרית את הרשות לקנות משקאות חריפים בלי מסים. בשנת 1564 נערך מפקד ונמצאים בו תושבים רבים כשמספר מבשלי שכר בלבד היה 28. שלטון הסטרוסטוו של פשדץ מתרחב, קלודווה שהוותה לפנים מרכז רוחני וכלכלי, משתייכת מעתה לתחומה (אולי מפני השרפה שהחריבה עיר זו ב־1523) וכן כפרים רבים בסביבה. זכויות תושבי העיר האזרחיים מתאשרים ע"י כל המלכים הבאים. הגדיל לעשות עבורם אוגוסט ה־2. ב־1722 קובע מלך זה שני ימי שוק רגילים ו־6 ימי שוק גדולים (Jarmark) בשנה. סטניסלב אוגוסט מרחיב את זכויות האזרחים ב־1774, בשנים 1806—1793 עוברת העיר, לאחר חלוקת פולין, לפרוסיה ובשנים 1806—1812 היא שייכת לנסיכות וורשה. ב־1815 לאחר קונגרס וינה היא חלק ממלכות פולין (של רוסיה), כלומר פולין הקונגרסאית. חלקים מהעיר מופרשים עכשיו להתישבות אורגים מומחים שהובאו מגרמניה (Sukiennicy) המתחייבים לשלם עבורם דמי שכירות לתמיד.

מהבנינים העתיקים נשארה עתה הכנסיה מהמאה ה־15 וכנסיה אוונגלית על שרידי המבצר שנהרס שוב ב־1789 וממנו נשאר רק צריח עגול שבו נקבע מגדל הפעמונים של כנסיה האוונגלית. ב־1862 היו בעיר 1864 נפשות ולמרות זה היא מפסידה ב־1867 את זכויותיה העירוניות והופכת למקום ישוב בעל אופי של כפר. זכויות עירוניות קיבלה פשדץ שוב ב־1919.

ב־1961 משתרע שטח העיר על 7.7 ק״מ מרובעים ובה 330 בתי מגורים, רבים היו שייכים ב־1939, עם פרוץ מלחמת העולם השניה, לתושביה היהודים. מספר התושבים 2112.

לתולדות היהודים בפשדץ עם צרור נתונים על יהודי סביבתה

פשדץ נמצאת במרכז פולין־גדול, חבל ארץ אשר בו היה קיים הישוב העתיק ביותר של יהודי פולין. ראשית תולדות היהודים בפשדץ אינה ניתנת לקביעה מדויקת אולם התפתחותה של העיר ומקומה הגיאוגרפי מרשים אולי להעלות אפשרות לקדמוניות יהודים שם. ההתישבות היהודית בפולין התחילה במערב הארץ והתרחבה לאיזור בו נמצאת העיר פשדץ.

